STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11829

DI DYALOGN FUN ZSHEROM KUONYAR

Anatole France

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנאַטאָל פראנס

די דיאַלאָגן פון זשעראָם קואַניאַר

פון פראַנצויזיש מ. האָלצבלאַט

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב
וואַרשע 929

ANATOL FRANCE

POGLĄDY HIERONIMA COIGNARD

Przekład M. Holcblatta

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB

Warszawa, Dzika 31.

1929

Printed in Poland

Druk. G. Piment, Sierakowska 4

די דיאַלאָגן פון זשעראָם קואַניאַר

דער גלח זשעראָם קואַניאַר

צו אָקטאַוו מירבאָ

איך האָב איצט נישט בדעה צו באַשרייבן דאָס לעבן פון גלח זשעראָם קואַניאַר, פּראָפעסאָר פון עלאָקוועגץ אין קאָלעזש דע באָווע, ביבליאָטעקאַר פון ה׳ דע סעע, Sagiensis episcopi bibliothecarius solertissimus, ווי עס איז אויסגעקריצט אויף זיין מצבה; שפּעטער איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער קירך פון הייליקן אינאָסאַן און גאָר אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אויפזעער אין דער באַרימטער אַסטאָראַציאַנום-ביבליאָטעק, וואָס איר פאַרלוסט וועט מען אַלעמאָל שטאַרק באַדויערן.

ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אויפן ליאָנער שאָסיי דורך אַ ייד, אַ קבלה-פאָרשער, מיטן נאָמען מאָזאַיִד. ער האָט איבערגעלאָזט אַ סך נישט פאַרענדיקטע אַרבעטן און דעם זכר פון זיינע טיפזיניקע געדאַנקען, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעדריקט אין שמועסן מיט זיינע גוטע פריינד.

אַלע געגויע פּרטים פון זיין מערקווערדיק לעבן און טראַגישן סוף זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורך זיין תלמיד, זשאַק מענעטריע, מיטן צונאָמען טורנעבראָש, וואָרים ער איז געווען אַ זון פון אַ קוכער אויף דער גאַס פון סען-זשאַק. טורנעבראָש האָט פאַרערט און ממש פאַרגעטערט דעם דאָזיקן גלח, וועמען ער פלעגט זיך נוהג זיין צו רופן רבי.

— מיין לערער און מייסטער, — פלעגט ער זאָגן, — איז געווען דער איידלסטער גייסט, וואָס האָט אַמאָל געבליט אויף דער ערד.

ער האָט טאַקע מיט אַן אויסערגעווייגלעכער באַשיידנקייט און טריישאַפט פאַרשריבן די מעמואַרן פון גלח קואַניאַר, וואָס איז אין זיי אויפגעשטאַנען תחית-המתים, פונקט ווי סאָקראַטעס אין קסענאָפאָנס „זכרונות".

מיט אַן אויסערגעווייגלעכער זאָרגעוודיקייט און מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט, האָט ער אָפּגעמאָלט אַ לעבעדיק בילד פון זיין מייסטער, אַזוי אַז ער קריצט זיך איין טיף אין אונזער זכרון. דאָס איז אַ ווערק, וואָס ברענגט אַרויף אויפן געדאַנק די פאָרטרעטן פון עראַזם, געמאָלט דורך האָלביין; מ'קאָן זיי באַקוקן אין לוווער, אין באַזעלער מוזיי און אין הימפטן-קאָר, און אַ לאַנגע צייט איז נישט מעגלעך אָפּצורייסן פון זיי דאָס אַנטציקטע אויג. מיט איין וואָרט, ער האָט אונז איבערגעלאָזט אַ מייסטער-ווערק.

מ'וועט בלי ספק זיך שטאַרק חדושן, פאַרוואָס ער האָט די דאָזיקע זכרונות נישט געלאָזט אָפּדרוקן, בפרט ווען דאָס דאָזיקע וואָלט אים זייער לייכט אָנגעקומען. ווי באַקאַנט האָט ער נאָכן טויט פון ה' בלעזאָ געירשנט זיין בוכהאַנדלונג „אונטערן בילד פון דער הייליקער קאַטערינע" אויף דער גאַס סען-זשאַק. ס'קאָן זיין, אַז מחמת דעם, וואָס ער האָט אַלע זיינע יאָרן פאַרבראַכט צווישן ביכער, האָט ער מורא געהאַט צוצוגעבן נאָך אַ פאָר בלעטלעך צו דער אומגעהייערער מאַסע פון פאַרשווארצטע שמות, וואָס פוילן אויף די פאָליצעס פון די אַנטיק-וואַרן.

מיר זענען פולשטענדיק מסכים מיט אים, באַזונדערס ווען מיר גייען פאַרביי לעבן די ביידלעך פון די מוכר-ספרימניקעס, וואָס זענען אָנגעפראָפּט מיט אַלטע ביכער פאַר צוויי סו, און זייערע זייטלעך, געשריבן פאַר דער אומשטערבלעכער צוקונפט, זענען אויסגעשטעלט אויף די הייסע שטראַלן פון דער זון און דער פייכטקייט פון רעגן.

אָט די דאָזיקע אַלטע שמות וועקן אין אַ קולטורעלן מענטשן גאַנץ טרויעריקע רעיונות און לערנען אים, אַז דער גאַנצער ענין פון שרייבן איז אַ פוסטע זאַך; אָט די אָפּגעבליאַ-

קירטע שמות דערמאַנען אָן די מתים-קעפּלעך, וואָס באַטרעפט שיקן דעם נזיר פון לאַ טראַפּ, כדי צו אַמוזירן אים און זיין איינזאַמקייט.

אויב ס'האַנדלט זיך וועגן מיר, בין איך מודה, אַז בעת מיינע שפּאַצירן צווישן פּאָן-רויאַל און פּאָן-נעף, האָב איך זייער שטאַרק געפילט אָט-אָ די דאָזיקע נישטיקייט פון געשריבענעם וואָרט. איך וואָלט אפילו געניגט געווען צו גלויבן, אַז דער תלמיד פון גלח קוואַניאַר האָט בכיוון נישט געלאָזט דרוקן דאָס בוך, וואָרים ער האָט געהאַט אַ געזונטע מיינונג וועגן ליטעראַ-רישן רום און ער האָט אים אָפּגעשאַצט לויט זיין ריכטיקן ווערט, דאָס הייסט, אַז ער איז גאָרנישט ווערט.

ער האָט געוווּסט, אַז דער ליטעראַרישער כבוד איז אומ-זיכער, קאַפּריזנע, אונטערגעוואָרפן פאַרשידענע חסרונות און גאַנץ אָפט אָפּהענגיק פון נישטיקע און אומבאַדייטנדע אומשטענדן. ער האָט געזען, ווי שטאַרק באַגרענעצט, אייפערזיכטיק און מיטלמעסיק עס זענען די מענטשן פון זיין צייט, און ער האָט געהאַט זייער אַ קליינע האָפנונג, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן מיטאַמאָל ווערן קלוג, יושרדיק און טיפזיניק.

ער האָט העכסטנס געהאַלטן, אַז די קומענדיקע דורות וועלן זיך גלייכגילטיק באַציען צו אונזערע מחלוקותן און לחלוטין זיך נישט באַמיען אַרויסצוגעבן וועגן אונז אַ ריכטיקע מיינונג.

מיר אַלע זענען כמעט איבערצייגט, אַז די גלייכגילטיקייט פון די קומענדיקע דורות וועט קיינעם פון אונז נישט אויס-מיידן, און מיר אַלע, סיי די גרויסע, סיי די קליינטשיקע וועלן מיר איינזינקען אין אַ תהום פון פאַרגעסנקייט און רויקער שווייגעניש.

ווען די דאָזיקע האָפנונג וואָלט אפילו נישט מקוים גע-וואָרן, און ווען די קומענדיקע דורות וואָלטן פאַרבאַהאַלטן עפּעס אַ זכר פון אונזער נאָמען אָדער פון אונזערע שריפטן, קענען מיר גאַנץ רויק פאָראויסזען, אַז מ'וועט זיי פאַלש פאַרשטיין און צושרייבן זיי אַ גאַנץ אַנדערן זין, וואָרים נאָר דאָס דאָזיקע

פֿאַרזיכערט די ווערק פֿון אַ גאון אַ דויערעוודיקייט אין משך פֿון הונדערטער יאָרן.

די מייסטערווערק פֿון דער קונסט האָבן זיך דערוואָרבן אַ פֿאַרזיכערטע דויערעוודיקייט פֿאַרן פּרייז פֿון נישטיקע און מינדערווערטיקע גייסטיקע טראַגי-קאָמעדיעס, ווו דער לץ שטרעקט אויס די האַנט צום ליטעראַרישן פּעדאַנט און העלפֿט אים שאַפֿן נאַרישע קאַלאַמבורן אויפֿן חשבון פֿון קינסטלערס נשמה. איך האָב גאָרנישט מורא צו זאָגן, אַז ביים היינטיקן טאָג פֿאַרשטייען מיר נישט אַפֿילו קיין איין איינציקן פּערז פֿון א י ל י אַ ס אָדער פֿון ד ע ר ג ע ט ל ע כ ע ר ק אָ מ ע ד י ע אין זייער אַמאָליקן אור-שפּרונגלעכן זין.

דאָס לעבן ענדערט זיך אָן אויפֿהער, און דאָס צוקונפֿטיקע לעבן פֿון אונזערע שריפֿטן קאָן בשום אופֿן נישט עובר זיין אויפֿן דאָזיקן געזעץ: זיי קענען בלויז דעמאָלט ווייטער עקזי-סטירן מיטן תּנאַי, אַז זיי ווען זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער ענדערן, אַזוי אַז מיט דער צייט וועלן זיי באַקומען אַן אַנדער פּנים און זיין פֿולשטענדיק אַנדערש פֿון די ווערק, וואָס זענען דורך אונז געשאַפֿן געוואָרן. דאָס, וואָס מ׳וועט אין אונז באַ-וווּנדערן אין דער ווייטער צוקונפֿט, וועט אונז פֿאַרקומען פֿול-שטענדיק פֿרעמד און משונהדיק.

עס איז וואַרשיינלעך, אַז זשאַק טורנעבראָש, אַ מענטש אַ פּשוטער און נישט קיין געקינצלטער, האָט אַרויסגעבנדיק דאָס דאָזיקע קליינע ביכל, זיך לחלוטין נישט פֿאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַזעלכע מיני פּראַגן. מיר וואָלטן אים באמת געטון אַ גרויסע עוולה, ווען מיר וואָלטן אים חושד געווען אין אַזאַ איבערגע-טריבענע מיינונג וועגן זיך אַליין.

ס׳דוכט זיך מיר, אַז איך קען אים זייער גוט. איך האָב זייער פֿיל געטראַכט וועגן זיין בוך. אַלץ, וואָס ער האָט גע-זאָגט און אַלע זיינע מעשׂים זאָגן עדות, אַז ער איז געווען אַ גרויסער עני. אויב ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט אַ שטיקל טאַלענט, האָט ער אָבער גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון, אַז דאָס וואָלט מען אים צום ווייניקסטנס מוחל געווען

מ'איז מוחל באַרימטע מענטשן זייער ענגהאַרציקייט און צביעות, מען מאַכט אַפילו שלום מיט זייער בייזווילִיקייט און פּחדנות, און מ'איז זיי אפילו נישט מקנא אין זייער דערפאָלג, בעת מ'זעט, אַז זיי האָבן אים נישט פאַרדינט.

דערפאַר אָבער ווערן די מיטלמעסיקע באַלד מיטגעריסן און אַוועקגעטראָגן פונם אַלגעמיינעם מיטלמעסיקייט - שטראָם, וואָס דאָס אַליין איז פאַר זיי דער גרעסטער כּבוד. דער רום פון אַ געוויינלעכן מענטש באַליידיקט נישט קיינעם; מ'וויל דער-מיט פיל מער שטילערהייט אונטערחנפענען דער עם-הארצות. דער טאַלענט פאַרמאָגט אָבער אַ געוויסע חוצפּהדיקייט און ער קומט דערפאַר אָפּ דורך דעם, וואָס ער וועקט אַ פינצטערע שנאה און רופט אַרויס פאַרבאָרגענע רכילות.

אויב זשאַק טורנעבראָש האָט זיך באַוווסטזיניק אָפּגעזאָגט פונם פיינלעכן כּבוד אויפצורייצן מיט זיין ווערק דעם המון נאַראָנים און כּעסנים, איז ער באמת ווערט באַוווּנדערט צו ווערן און ער פאַרדינט צו זיין אַ תּלמיד פון אַ מייסטער, וואָס האָט גוט געקענט די מענטשן.

ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער כּתב-יד פון זשאַק טור-נעבראָש נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דרוק, און העכער הונ-דערט יאָר איז ער געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

אויף מיין חלק איז אויסגעפאַלן דער אויסערגעוויינלעכער כּבוד צו געפינען דעם מאַנוסקריפּט ביי אַן אַלטוואַרג-הענדלער אויף מאָנפּאַרנאַס, וואָס האָט צו פאַרקויפן אין זיין שמוציקער בויד אָרדנס פין דער קיניגלעכער לילִיע, מעדאַלן פון דער הייליקער העלענע און יולי-דעקאָראַציעס; אים פאַלט נאַטירלעך לחלוטין נישט איין, אַז ער גיט די מענטשן פון אונזער דור צמרה-שחורהדיקע לעקציע פון יאוש און רעזיגנאַציע.

אַ דאַנק מיינע באַמיונגען איז דער כּתב-יד פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1893 אינטערן קעפּל: „די קרעטשמע פון דער מלכּה גענזן-פיסל". איך שיק איבער דעם לעזער צום דאָזיקן בוך, ווו ער וועט געפינען זייער אָריגינעלע געדאַנקען, וועלכע

ער האָט בחנם געזוכט אין די אַלטע ספרים. דאָ אָבער האַנדלט זיך נישט וועגן דאָזיקן בוך.

זשאַק טורנעבראַש האָט זיך גישט צופרידנגעשטעלט מיטן פּאַרעפנטלעכן די מעשים און געדאַנקען פון זיין לערער אינם פריער דערמאָנטן בוך. ער האָט אויך צונויפגעזאַמלט אַ ריי שמועסן און געשפּרעכן פון גלח קוואַניאַר, וואָס האָבן נישט גע-קענט אַריין אין די „מעמוארן" (אַזוי וואָלט באַדאַרפט זיין דער ריכטיקע נאָמען פון בוך: „די קרעטשמע פון דער מלכה געגנז-פּיסל"); אָט די דאָזיקע שמועסן זענען צוזאַמען מיט נאָך אַנ-דערע פּאַפּירן אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט.

דאָס דאָזיקע ווערק גיב איך איצט אַרויס אונטערן קעפּל: „די דיאַלאָגן פון גלח קוואַניאַר". די גינציקע אויפנאַמע פון זשאַק טורנעבראַשס ערשט בוך ביים פּובליקום, גיט מיר צו קוראַזש אַרויסצולאָזן אין דרוק די דאָזיקע דיאַלאָגן.

עס לויכט אַרויס פון זיי די וווּנדערבאַרע, גוטמוטיקע חכמה און דער איידעלער סקעפּטיציזם פון געוועזענעם ביבליאָ-טעקאַר פון ה' דע סעע, אַ רעזולטאַט פון זיינע באַטראַכטונגען איבער מענטשן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט ביטול און גלייכ-צייטיק מיט גוטהאַרציקייט.

איך קאָן נישט נעמען אויף מיר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע געדאַנקען פון דאָזיקן פילאָזאָף אויפן געביט פון פּאָ-ליטיק און מאָראַל; מיין פליכט אַלס אַרויסגעבער באַגרענעצט זיך אויסשליסלעך אויף איבערצוגעבן דעם מחברס געדאַנקען אַזוי ווי זיי זענען אויסגעדריקט געוואָרן. זיין פריידענקערישער גייסט האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו די גלייבענישן פון המון, ער פלעגט זייער פאָרזיכטיק זיך באַציען צו די אָנגענומענע באַגריפן פון זיין צייט; בלויז אין די ענינים, וואָס האָבן גע-האַט אַ שייכות מיט דער קאַטוילישער רעליגיע, איז ער געווען אומדערשיטערלעך.

אין אַלע אַנדערע ענינים האָט ער לחלוטין נישט מורא געהאַט אַרויסצוטרעטן אין קאַמף מיט די איבערגלייבענישן פון זיין צייט. אָט דערפאַר טאַקע פיל איך צו אים אַזאַ רעספּעקט.

מיר דאַרפן זיין דאַנקבאַר די גייסטער, וואָס האָבן באַקעמפט די זאַבאָבאָנעס. ס'איז אָבער פיל באַקוועמער זיי צו לויבן, ווי נאָכצוטון זייער ביישפּיל.

די איבערגלייבענישן פורעמען און ענדערן זיך כסדר צוזאַמען מיט דער אייביקער באַוועגלעכקייט פון די וואָלקנס. איידער מיר איבערצייגן זיך אין זייער העסלעכקייט און עקלדיקייט, דוכט זיך אונז, אַז זיי האָבן אַ חשיבותדיקע געשטאַלט, און מ'קאָן זעלטן באַגעגענען אַ מענטש, וואָס זאָל זיך דערהויבן איבער די אַלגעמיין אָנגענומענע באַגריפן פון זיין צייט און האָבן דעם מוט צו קוקן גלייך אין פנים אַריין דעם אמת, וואָס האָט נושא חן געווען אין די אויגן פון המון.

דער גלח קוּאַניאַר איז געווען אַ פרייער מאַן, וואָס האָט געלעבט אין גאַנץ באַשיידענע באַדינגונגען, און דאָס איז לויט מיין מיינונג געגוג, אַז מ'זאָל אים שטעלן העכער פאַר אַ באַסוע און אַלע אַנדערע פערזענלעכקייטן, וואָס לויכטן אין די ערשטע רייען, אין דער טראַדיציאָנעלער פּאָמפּע פון מנהגים און גלייבענישן.

ס'וואָלט געווען כדאַי אָפּשאַצן דעם פרייען גייסט פון גלח קוּאַניאַר, וואָס האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך די אַלגעמיין-אָנגענומענע באַגריפן, וואָרים די געשפּענסטער פון אונזערע ליידנשאַפטן און זאָרגן האָבן איבער אים נישט געהאַט קיין שום שליטה; מען מוז אויך אָנערקענען, אַז דער דאָזיקער נישט דורשניטלעכער גייסט האָט געהאַט אַן אָריגינעלן צוגאַנג צו דער נאַטור און געזעלשאַפט.

בלי ספק וואָלט ער פאַרחידושט און אַנטציקט די מענטשן מיט זיין ברייטן אַלץ אַרומנעמענדיקן געדאַנקען-האָריזאָנט, ווען נישט דאָס, וואָס ער איז נישט געווען אויף אַזוי פיל געשיקט אָדער נישט געהאַט אַזאַ שטאַרקן ווילן אויף צו וואַרפן מיט אַ פולער ברייטער האַנט מיט סאָפיזמאַטן, וואָס וואָלטן צעמענטירט די לויזע שטעלן אין זיין פילאָזאָפישן סיסטעם.

וואָרים נאָר אויף אַזאַ אויפן בויט מען אויף די גרויסע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס האַלטן זיך באמת בלויז אַדאַנק

דער סאָפיסטיק. ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם חוש פאַר סיס-טעמאַטישקייט, אָדער (ווי איינער וויל) די קונסט פון סימעטריע. אָן דער דאָזיקער אייגנשאַפט איז ער דאָס, וואָס ער איז געווען אין דער אמתן: איינער פון די קלוגסטע מאָראַליסטן, אַ וווּנדער-באַרע צונויפמישונג פון עפיקור און פון הייליקן פראַנציסק פון אַסיז.

דאָס זענען לויט מיין מיינונג די צוויי בעסטע פריינד, וואָס די ליידנדע מענטשהייט האָט אַמאָל באַגעגנט אויף איר וויטיקפולן, וואַנזיניקן וועג.

עפיקור האָט באַפרייט די מענטשלעכע נשמות פון פינס-טער, אומבאַגרינדעטער שרעק און זיי געלערנט צוצופאַסן דעם באַגריף פון גליק צו זייער עלנטער נאַטור און שוואַכע כוחות.

דער גוטער הייליקער פראַנציסק איז געווען צערטלעכער און עמפּפינדלעכער פון עפיקורן. ער האָט זיי געפירט צום גליק אויפן וועג פון אינערלעכן עקסטאַז, און ער האָט געוואָלט, אַז נאָכטועענדיק זיין ביישפיל זאָל די מענטשלעכע נשמה זיך צע-גיין אין מתיקות און איינזינקען אינם תהום פון אַ פאַרכישופטער איינזאַמקייט.

ביידע זענען געווען גוטע מענטשן, איינער האָט צעשטערט די פאַרעלטערטע אילוזיעס, דער צווייטער האָט געשאַפן נייע אילוזיעס, וואָס ביזן היינטיקן טאָג זענען מיר נישט בכוח זיך אָפּצוטרייסלען פון זיי.

מען דאַרף אָבער אויך נישט צו פיל איבערטרייבן. דער גלח קואַניאַר האָט בלי ספק סיי מיט זיינע מעשים, סיי מיט זיינע געדאַנקען, זיך נישט געקענט פאַרמעסטן מיטן מוטיקסטן חכם און פלאַמענדיקסטן הייליקן. ער איז נישט געווען אים-שטאַנד צו אַנטדעקן אַ געוויסן אמת און גלייכצייטיק קעמפן פאַר זיין פאַרווירקלעכונג מיטן גאַנצן לייב און לעבן.

אין זיינע געוואַגטעסטע פאָרשונגען און זוכענישן האָט ער אַלעמאָל געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס גייט אַרויס אויף אַ געמיטלעכן שפּאַציר. ער פלעגט זיך קיינמאָל גאָר

שטאַרק נישט איבערנעמען מיט דער פּאַראַכטונג, וואָס די מענטשן האָבן אין אים געזעהן.

אים האָט קודם כּל געפעלט יענע ווערטפולע אילוזיע, וואָס האָט געשטויסן בעקאַנטע און דעקאַרטן צו גלויבן אין זייערע אייגענע כּוחות, בעת זיי האָבן אָנגעוווירן דעם גלויבן אין די איבריקע מענטשן.

ער האָט אַפילו נישט געגלויבט אין דעם אמת, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַרצן, און ער פלעגט לייכטזיניק צע-שפּרייטן און צעזייען אויף רעכטס און אויף לינקס די אוצרות פון זיין גייסט. ער האָט נישט פאַרמאָגט יענעם גלויבן אין זיך, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אידעען-מאַכערס, אים איז פרעמד געווען יענע גאווה, וואָס צווינגט צו גלויבן, אַז מ'איז מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון די גרעסטע גאונים.

דאָס איז אַ פעלער, וואָס די וועלט וועט אים קיינמאָל נישט מוחל זיין, וואָרים פון כּבוד געניסט נאָר דער, וואָס באַמיט זיך אים צו באַקומען. דאָס איז טאַקע געווען די שוואַכע זייט פון גלח קוואַניאַרס לערע, וואָרים נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געוואַגט צוצופירן זיין פילאָזאָפישע אַפּיקורסות ביז צו די לעצטע גרענעצן, האָט ער אָבער פאָרט נישט גע-האַט אויף אַזוי פיל קוראַזש זיך צו פּראָקלאַמירן ווי דער ער-שטער צווישן מענטשן.

זיין האַרץ איז פאַרבליבן עניוותדיק און פּראָסט, און דער דאָזיקער אינטעלעקטועלער פעלער האָט אים נישט געלאָזט זיך דערהייבן איבער דער וועלט, און אים טאַקע געבראַכט אַ קאַלאָסאַלע רעה, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט פאַרריכטן.

איך אָבער בין מיך מודה, אַז טאַקע דערפאַר איז ער מיר אַ סך נענטער.

איך קאָן דרייסט פאַרזיכערן, אַז אַלס פילאָזאָף און קריסט האָט דער גלח קוואַניאַר פאַראייניקט אין זיך אַן אומפאַרגלייכלעכן עפּיקורעיזם, וואָס היט אונז אָפּ פון ליידן, און אַ הייליקע פּשטות, וואָס פירט אונז אויפן וועג פון גליק.

עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז ער האָט אויפגעפּאַסט

יי אידעע פון גאָט, נישט נאָר אין דער פאָרם, ווי זי ווערט פאָרגעשטעלט אין דער קריסטלעכער רעליגיע, ער האָט אויך ווערפּרוווט זי צו באַגרינדן מיטן שכל. ער האָט קיינמאָל נישט נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון די געשיקטע און פּראַקטישע דעיִסטן פון פּראָפעסיע, וואָס באַשאַפן זיך אַ גאָט פאַרן אייגענעם געברויך, אַ מאָראַליסטישן, פילאַנטראָפּישן און צניעותדיקן גאָט, מיט וועמען זיי לעבן בשלום.

די גאָר נאָנטע און גוטברודערישע באַציונגען מיט גאָט, גיבן-צו זייערע שריפטן אַ באַזונדערן אויטאָריטעט און באַשיינען זיי אין די אויגן פון פּובליקום מיט כבוד און רעספּעקט. דעם דאָזיקן באַשיידענעם, ערנסטן גאָט, וואָס איז געווען אויסגעטון פון יעטווועדן פאַנאַטיזם, האָבן זיי אַריינגעפירט אויף די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אין די סאַלאָנען און אַקאַדעמיעס.

דער גלח קוּאַניאַר האָט קיינמאָל נישט געמאַכט אַזאַ גוט געשעפט אויף גאָט און זיין לערע. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דעם וועלטאַל קאָן מען נישט באַגרייפן אַנדערש, ווי מיט די קאַטעגאָריעס פון שכל, און נישט רעכנענדיק זיך צומאָל מיט דער אומזיניקייט פון אַזאַ אויפפאַסונג, האָט ער די סיבה פון זיין עקזיסטענץ פאַרבונדן מיט דער העכסטער אינטעליגענץ, וואָס ער האָט זי אַ נאָמען געגעבן גאָט. דעם דאָזיקן טערמין האָט ער איבערגעלאָזט זיין אומענדלעכע נעפלדיקייט, און אין יעדן פאַל פלעגט ער זיך פאַררופן אויף דער טעאָלאָגיע, וואָס באַהאַנדלט דאָס אומבאַקאַנטע מיט אַן אויסערגעוויינלעך פּינקטלעכער גענויקייט.

דאָס פאַרהאַלטן זיך אין רעזערוו, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די גרענעצן פון זיין אינטעליגענץ, איז לויט זיין מיינונג פולשטענדיג געווען אויפן אָרט. כאָטש פון דער אַנדערער זייט האָט עס ביי אים צוגענומען דעם חשק אויפצובויען אַ רייצנדן פילאָזאָפישן סיסטעם און אָפּגעהיט פון אַריינפאַלן אין איינער פון יענע פאַסטקעס, וווהין עס איילט יעדער פרייער גייסט, וואָס וויל וויל צומגיכסטן מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. ער האָט זיך געפילט, ווי ביי זיך אין דער היים אין

אלטן פויזן-לאַך, ער האָט געפונען אינם לאָך נישט איין אַרויס-גאַנג, כּדי צו אַנטפלעקן די וועלט און אָבסערווירן די נאַטור.

איך בין נישט מסכּים מיט זיינע רעליגיעזע גלייבענישן, און איך האַלט, אַז זיי האָבן אים נישט איינמאָל אַראָפּגעפירט פון וועג, פּונקט ווי זיי האָבן צום גליק אָדער צום אומגליק אַראָפּגעפירט פון וועג אין משך פון הונדערטער יאָרן גאַנצע דורות מענטשן.

ס'קאָן אָבער זיין, אַז די אַלטע פעלערן זענען נישט אַזוי שרעקלעך, ווי די נייע, און אויב אונז איז שוין יאָ באַשערט זיך לאָזן פירן פאַר דער נאָז, וואָלט שוין אפשר גלייכער געווען צו פאַרבלייבן ביי אונזערע פאַרעלטערטע אילוזיעס.

איינס איז לכל-הדעות זיכער, אַז דער גלח קואַניאַר, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אין פּרינציפּ זיך געהאַלטן ביי די יסודות פון דער קריסטלעכער רעליגיע, פלעגט ער אָבער אַרויס-ציען פון זיי ביז גאָר אָריגינעלע קאָנקלוזיעס. זיין תּאווהדיקע נשמה האָט אַרויסגעשפּראָצט פון די וואָרצלען פון דער אָרטאָ-דאָקסיע און געבליט אין עפּיקורעיזם און אין עניוות.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז ער האָט זיך אַלע-מאָל באַמיט צו פאַרטרייבן די נאַכט-געשפּענסטער, יענע העס-לעכע פאַרזעעניש, אָדער יענע גאָטישע מחבלים, ווי ער פלעגט זיי אָנרופן, וואָס פאַרוואַנדלען דאָס פרומע לעבן פון אַ פּשוטן בשר ודם אין עפּעס אַ לעכערלעכן מאַסקאַראַד.

די טעאָלאָגן פון אונזער צייט וואַרפן אים פאָר, אַז ניין אמונה אין דער געטלעכער באַרמהאַרציקייט איז דערגאַנגען ממש ביז צו אַפּיקורסות. דעם דאָזיקן פאָרוואורף געפינען מיר אין אַן אַרטיקעל פון אַן אָנגעזעענעם פילאָזאָף. *)

---

*) זשאַן לאַקאָסט שרייבט אין דער „גאַזעט דע פראַנס" פון 20 מאַי 1893:

„דער גלח זשעראָם קואַניאַר צייכנט זיך אויס מיט אַ סך וויסן, עניוות און אמונה. איך וויל נישט זאָגן דערמיט, אַז זיין האַנדלונג האָט אַלעמאָל געבראַכט כּבוד דער פּריסטערלע-

איך ווייס נישט באמת, צי דער גלח קוואַניאַר האָט חוצ־פּהדיק געזינדיקט, האָבנדיק אַן אומבאַגרענעצטן בטחון אין דער געטלעכער מדת-הרחמים. איינס איז אָבער זיכער, אַז ער האָט באַגריפן די געטלעכע מדת-הרחמים אין זייער אַ ברייטן און באַטירלעכן זין, און אין זיינע אויגן איז די וועלט מער ענלעך געווען צו די גאָרטנס פון עפּיקור, ווי צו דער טעבאַידע-וויס־טעניש. ער פלעגט דאָרט אַרומשפּאַצירן מיט יענער חוצפּהדיקער פּשטות, וואָס איז אַזוי ספּעציפיש פאַר זיין כאַראַקטער און איז גלייכצייטיק דער יסוד פון זיין לערע.

קיין שום מענטשלעכער גייסט האָט נאָך אין דער אמתן נישט פּאַראייניקט אין זיך אַזוי פיל חוצפּה און גלייכצייטיק אַזאַ שטרעבונג צו פרידן, אַזוי פיל גוטסקייט אונטער דער מאַסקע פון ביטול און חוזק. זיין מאָראַל איז געווען אַ סינטעז פון דער פרייהייט פון די צינישע פילאָזאָפן מיט דער אומשולדיקער ריינקייט פון די ערשטע נזירים אין די צייטן פון הייליקן פראַנציסק.

ער האָט זיך באַצויגן צו די מענטשן מיט אַ צאַרטן בטול. ער האָט זיי געלערנט, אַז זייער איינציק גרויסע פעיקייט איז די פעיקייט צו ליידן, און ס'איז נישט פאַראַן קיין שענערע און נוצלעכערע זאַך, ווי דער מיטלייד.

כער סוטאַננע... אָבער אפילו דעמאָלט, ווען ער קאָן נישט ביי־שטיין דעם נסיון, ווען ער פאַלט אַריין אין דער נעץ פון שטן, פאַרלירט ער פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט דעם בטחון און ער האָפט, אַז מיט גאָטס הילף וועט ער ווידער תשובה טון און סוף־כל־סוף זוכה זיין אַריינצוקומען נאָכן טויט אין גן-עדן אַריין.

און אין דער אמתן האָט ער מיט זיין טויט געגעבן אַ הערלעכן און פרומען ביישפּיל. מיר זעען דעריבער, אַז אפילו אין די מענטשלעכע חטאים איז אויך פאַראַן אַ קערנדל אמונה.

„אויב דער גלח קוואַניאַר איז נישט קיין הייליקער, פאַר־דינט ער לכל-הפּחות פאַרמשפּט צו ווערן אין כף-הקלע. און הגם ער מוז זיך דאָרט מסתמא געפינען, האָט אים געדראָט פאַרמשפּעט צו ווערן אין גהינום. וואָרים אין משך פון זיין

ער האָט זיי געלערנט, אַז בעת זיי וועלן זיין פעיק צו ליידן און צו באַגערן, וועלן זיי אויסבילדן אין זיך די צניעות פון אויפנעמען תענוגים און האָבן גלייכצייטיק אַ פאַרשטענדניש פאַר יענעמס ליידן און באַגערן.

אין זיינע באַטראַכטונגען איז ער געקומען צום ענדגילטיקן אויספיר, אַז די גאווה איז דער מקור פון אונזערע גרעסטע חטאים און איז סותר די געזעצן פון דער נאַטור.

משמעות, אַז ער איז געווען גערעכט; וואָרים די מענטשן זענען אַ שטיק אומגליקלעך צוליב דעם, וואָס זיי האָבן אַן איבערגעטריבענע מיינונג וועגן זיך און וועגן אַנדערע. און וואָלטן זיי געהאַט וועגן זיך און אַנדערע אַ באַשיידענערע מיינונג, אין הסכם מיט דער ווירקלעכער מענטשלעכער נאַטור, וואָלטן זיי

לעבן, וואָס איז געווען אַ מוסטער פון אויפריכטיקער הכנעה, האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין סמן פון חרטה צוליב זיינע זינד.

„ער האָט זיך צופיל פאַרלאָזט אויף גאָטס חסד, און ער האָט נישט געמאַכט די מינדעסטע אָנשטרענגונג, אַז זיין נשמה זאָל זוכה זיין צו גאָטס חסד. אָט פאַרוואָס ער איז וואָס אַמאָל מער געזונקען אין זיינע חטאים. די אמונה איז אים זייער ווייניק צונוץ געקומען, און ער איז שיער נישט געוואָרן אַן אפיקורוס; וואָרים דער הייליקער טרידענטער סאָבאָר האָט אינם זעקסטן און ניינטן קאַנאָן פון זיין זעקסטער סעסיע, געוואָרפן אַ חרם אויף די אַלע, וואָס האַלטן, אַז „דער מענטש איז נישט בכוח צו טון שלעכטס קעגן דעם ווילן פון גאָט; די דאָזיקע מענטשן האָבן אַזאַ בטחון אין דער קראַפט פון דער אמונה, אַז זיי האַלטן פאַר איבעריק יעדע אָנשטרענגונג פון ווילן, און רעדן זיך איין, אַז ס'איז גענוג צו גלויבן, און מ'זאָל דערמיט אַליין זוכה זיין צו דער גאולה".

„דערפאַר איז דער געטלעכעם חסד, וואָס דער גלח קוּאַניאַר האָט צו אים זוכה געווען ביים לעבן, ממש אַ נס און טרעפט זיך גאַנץ זעלטן אין נאָרמאַלע לעבנס-באַדינגונגען."

מיט פיל מער פאַרשטענדניש זיך באַציִיגן סיי צו זיך, סיי צו זייערע גאָענטע.

דווקא די ליבע צו מענטשן האָט עס גורם געווען, ער זאָל מיט ביטול זיך באַציִען צו זיינע נאָנטע, ער זאָל פאַראַכטן זייערע ידיעות, זייער פילאָזאָפיע און געזעלשאַפטלעכע אינסטי-טוציעס. ער האָט פון גאַנצן האַרצן געשטרעבט זיי צו באַווייזן, אַז זייער אומבאַהאָלפענע נאַטור איז קיינמאָל נישט אימשטאַנד געווען אויסצוטראַכטן אָדער צו באַשאַפן עטוואָס, וואָס זאָל פאַרדינען אויף אַן אָנפאַל אָדער אַ פאַרטיידיקונג; און ווען זיי וואָלטן זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון, יוי נישטיק און קליינלעך עס זענען זייערע גרעסטע ווערק, ווי למשל זייערע געזעצן און מלוכות, וואָלטן זיי זיך אויפגעהערט ערנסט אַרומצושלאָגן איבער זיי, און זיך געשפּילט אין מלחמה און שלום, פונקט, ווי עס טוען דאָס די קליינע קינדער, וואָס בויען אויס פּאַלאַצן פון זאַמד אויפן ברעג פון ים.

מ'דאַרף זיך דעריבער נישט אויפרעגן, ווי אויך נישט חדושן, וואָס ער האָט חוזק געמאַכט פון אַלע אידעען, מיט וועמענס הילף דער מענטש האָט אויסגעפורעמט די באַגריפן פון רום און כבוד, אַפילו פאַרן פרייז פון זיין אייגענעם אָפּרו.

די מאַיעסטעטישקייט פון געזעץ האָט לחלוטין נישט אימ-פּאָנירט זיין העלזעעודיקער נשמה, און ער פלעגט אויסדריקן זיין צער, וואָס אַזוי פיל אומגליקלעכע מענטשן קאָנען קוים דערטראָגן די משא פון התחיבותן און פליכטן, וואָרים אין גרעסטן טייל פאַלן ווייס מען נישט לגמרי פון וואַנען זיי שטאַמען און וואָסערע באַדייטונג זיי האָבן.

אַלע כללים און פּרינציפּן זענען אין זיינע אויגן געווען אין דער זעלבער מאָס וואַקלדיק און ספקדיק. ער איז לסוף גע-קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די בירגער פאַראורטיילן דע-ריבער אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן אויף די ערגסטע שטראָפן, כדי אויפן סמך פון דאָזיקן קאָנטראַסט, זיך קענען בעסער אָנ-זעטיקן מיט אַ רעספּעקט פאַר זייער אייגענער פּערזאָן.

אָט דער שטאַנדפּונקט האָט גורם געווען, אַז ער האָט

ליבער געוואָלט פאַרברענגען אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט, נאָכ־טוענדיק דעם ביישפּיל פון ד ע ם, וואָס האָט געלעבט צוזאַמען מיט גאַסן־פרויען און פאַרברעכער. אפילו דאָרט האָט ער פאַר־באַהאַלטן די ריינקייט און פשטות פון הארץ, די פעיקייט פון סימפּאַטיע און די אוצרות פון באַרמהאַרציקייט.

איך וועל דאָ נישט דערמאָנען זיינע מעשים, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין דער „קרעטשמע פון דער קיניגין געגנזנפּיסל״. איך וויל מיך אפילו נישט אָפּשטעלן דערויף, ווי מ׳פלעגט זאָגן וועגן מאַדאַם דע מושי, אַז ער איז פיל מער ווערט געוועזן, ווי עס זאָגן דערויף עדות זיין לעבן און מעשים.

אונזערע האַנדלונגען זענען נישט אונזער אייגנס, זיי זע־נען אַ סך מער אָפּהענגיק פון צופאַל, ווי פון אונז. אַ סך מענטשן נעמען אָנטייל אין אונזערע האַנדלונגען, און אָפט זע־נען מיר גאָרנישט ווערט, וואָס מיר לעבן אויף דער וועלט. דאָס איינציקע, וואָס מיר פאַרמאָגן אין דער אמתן, דאָס איז אונזער אוממשותדיקער געדאַנק, וואָס איז דער תוך פון אונזער מהות; דערפון נעמט זיך אויך יענער פוסטער שטאָלץ פון דער עפנטלעכער מיינונג.

פונדעסטוועגן שטעל איך פעסט מיט צופרידנקייט, אַז אַלע אָן אויסנאַם קולטורעלע מענטשן פון זיין צייט האָבן גע־האַלטן דעם גלח קואַניאַר פאַר זייער אַ בנעימותדיקן און אינ־טערעסאַנטן מאַן. מ׳וואָלט באמת באַדאַרפט זיין אַ פאַלשער מענטש, כדי נישט צו זען אין אים דאָס ווירקלעך שיינע און געטלעכע.

איצט קאָן איך מיך אומקע־ן צו זיינע לערן, וואָס אינ־טערעסירן מיך דאָ איבערהויפּט.

זיין גרעסטער חסרון איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איז האָט לחלוטין געפעלט דער חוש פאַר פאַרערונג. די נאַטור האָט אים נישט באַשאָנקען מיט דער דאָזיקער פעיקייט, און ער האָט אויך גאָרנישט געטון, כדי זי צו דערווערבן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט אויפהויבן ביז צום הימל איין טייל מענטשן, וועט ער דערנידריקן די איבריקע, און זיין אוניווע־

פאַלע באַרמהאַרציקייט האָט דעריבער באַהאַנדלט אין אַ גלייכער מאָס סיי די הכנעהדיקע, סיי די שטאָלצע לייט.

ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס רחמנות צו די קרבנות פון הערשנדן רעזשים; זייערע תּליונים האָבן געוועקט אין אים אַ געפיל פון ביטול, און ער האָט זיי אַפילו נישט געהאַלטן פאַר מענטשן, וואָס פאַרדינען, מ׳זאָל זיי פיינד האָבן. ער האָט זיי נישט געווונטשן קיין שלעכטס, ער פלעגט בלויז באַדויערן, וואָס זיי זענען אַזוי שלעכט און פאַרדאָרבן.

ער האָט נישט געגלייבט, אַז רעפּרעסיעס, אַלץ איינס, צו זיי זענען לעגאַל אָדער ספּאָנטאַניש, זאָלן זיין אימשטאַנד צו באַזייטיקן דאָס שלעכטס, להיפוך, ער האָט געהאַלטן, אַז די רעפּרעסיעס פאַרגרעסערן נאָך מער די רשעות. ער האָט נישט ליב געהאַט יענעם בכיוון צו באַליידיקן, ווי עס טוען דאָס מענטשן, וואָס זענען באַהערשט פון אַ נקמה־באַגער, ער האָט אויך נישט געגעבן זיין הסכּמה אויף דער מאַיעסטעטישער אַכזריותדיקייט פון די הערשנדע געזעצן.

ער פלעגט שמייכלען, בעת מ׳האָט אַמאָל גוט אָנגעבראָכן די ביינער עפּעס אַ פּאָליציאַנט, אָבער פאַקטיש איז דאָס געווען נישט מער, ווי אַ פאַרשטענדלעכער אינסטינקטיווער אימפּולס פון אַ פּשוטן בשר־ודם, אַן אויסדרוק פון נאַטירלעכער גוטמוטיקייט.

זיין באַגריף וועגן שלעכטס איז געווען גאַנץ פּשוט און קלאָר. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס שלעכטס נעמט זיך אויס־שליסלעך פון אָרגאַנישן מענטשלעכן געביי און פון זיינע נאַ־טירלעכע געפילן, און ער האָט לחלוטין נישט פאַרקריפּלט דעם דאָזיקן באַגריף מיט די אָן אַ שיעור פאַראורטיילן, וואָס זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין די פאַרשידענע קאָדעקסן.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז ער האָט נישט געשאַפן קיין אייגענעם סיסטעם, וואָרים ער איז פון דער נאַטור געווען גאַנץ ווייניק גענייגט צו באַזייטיקן די שוועריקייטן מיט דער הילף פון סאָפיזמען. משמעות, אַז דאָ האָט קודם כּל געווירקט די ערשטע שוועריקייט, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן אין זיינע באַ־

טראַכטונגען איבער די מיטלען, ווי אַזוי איינצושטעלן אויף דער ערד דאָס גליק אָדער לכל־הפחות דעם אייביקן שלום.

ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער מענטש איז פון געבוירן אָן זייער אַ שלעכטע חיה, און די מענטשלעכע געזעלשאַפט וועקט אין אונז דעריבער אַזאַ אומגעהייערן עקל, מחמת דעם וואָס דער מענטש נוצט אויס אַלע זיינע פעיקייטן אויף איסצופורעמען אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. ער איז דעריבער נישט געווען קיין אָנהענגער פון דער דאָקטרינע, וואָס לערנט, אַז דער מענטש דאַרף זיך צוריקקערן צו דער נאַטור.

כ׳בין אויך מסופק, צי ער וואָלט געענדערט זיין מיינונג, ווען ער וואָלט געלעבט לענגער און געווען אימשטאַנד איבערצולייענען רוסאָס „עמיל" *). בעת ער איז געשטאָרבן האָט זשאַן זשאַק רוסאָ נאָך דעמאָלט נישט באַוויזן צו מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער וועלט אַדאַנק דער באַרעדעוודיקייט פון די איפריכטיקסטע געפילן, וואָס זענען געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אַ פאַלשער לאָגיק.

אין יענער צייט איז רוסאָ נאָך געווען זייער יונג, און צו זיין אייגענעם אומגליק, האָט ער אויף די פוסטע פראָמענאַדע־אַלייען פון ליאָן באַגעגנט גלחים, וואָס זענען לחלוטין נישט ענלעך געווען צום גלח זשעראָם קואַניאַר. מ׳דאַרף באמת באַדויערן, וואָס ה׳ קואַניאַר, הגם ער האָט געהאַט אַזוי פיל באַקאַנטע, האָט צופעליק קיין איין מאָל נישט באַגעגנט דעם יונגן פריינד פון מאַדאַם דע וואַראַן.

---

*) עמיל — איינס פון די באַדייטנדסטע ווערק פון זשאַן זשאַק רוסאָ, דער גרויסער פראַנצויזישער רעפאָרמאַטאָר־פילאָזאָף, וואָס האָט געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט. אין „עמיל" אַנטוויקלט רוסאָ די אידעע, אַז דער מענטש וועט געפינען זיין ריכטיקן תיקון נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט אַוועקוואַרפן די שטאָט מיט איר ציוויליזאַציע און זיך צוריקקערן צו דער נאַטור.

(באַמ. פון איבערזעצער)

דעם אמת געזאָגט, וואָלט דאָס געווען זייער אַן אַמוזאַנטע סצענע. זשאַן זשאַק רוסאָ וואָלט געהאַט זייער ווייניק פאַר־שטענדניש פאַר דער פעסימיסטישער חכמה פון אונזער פילאָזאָף. ס'איז נישט פאַראַן דוכט זיך קיין גרעסערער קאָנטראַסט, ווי צווישן דער פילאָזאָפיע פון רוסאָ און פון גלח קוּאַניאַר.

די פילאָזאָפיע פון גלח קוּאַניאַר טראָגט אויף זיך דעם חותם פון גוטמוטיקער איראָניע, זי האָט אַ פאַרשטענדניש פאַר מענטשלעכע שוואַכקייטן, און מחמת דעם, וואָס זי שטיצט זיך אויף די מענטשלעכע חסרונות, האָט זי טאַקע דערפאַר אַ פעסטן באָדן.

דער פילאָזאָפיע פון זשאַן זשאַק רוסאָ פעלט לחלוטין דער גליקלעכער ספק און דער לייכטער שפילעוודיקער שמייכל. מחמת דעם, וואָס זי שטיצט זיך אויף דער אויסגעטראַכטער, אורשפּרונגלעכער גוטסקייט פון אונזערע נאָטע, געפינט זי זיך כּסדר אין אַ וואַקלדיקער סיטואַציע, און איר פאַלט גאָרנישט איין, אַז זי מאַכט זיך דורך דעם לעכערלעך.

דאָס איז די לערע פון מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלאַכט. זיי זעען גיך איין, אַז זיי זענען באַגאַנגען אַ נאַרישקייט און דאָס פאַרדריסט זיי, זייער שלעכטע שטימונג מאַכט אָבער אַ שלעכטן איינדרוק. דאָס וואָלט נאָך אָבער נישט געווען דאָס ערגסטע.

די פילאָזאָפיע פון זשאַן זשאַק רוסאָ פירט צוריק דעם מענטש צו דער עפּאָכע פון דער מאַלפּע, און זי פאַלט אַריין אין כּעס, בעת זי זעט, אַז אויך די מאַלפּע איז פון דער נאַטור נישט צניעותדיק. דאָס דאָזיקע דערפירט רוסאָס דאָקטרינע ביז צו אַן אַבסורד און אַכזריותדיקייט. דעם בעסטן באַווייז דערפון האָבן מיר געזעען, בעת די פּאָליטיקער האָבן זיך איינגעשפּאַרט צו אָרגאַניזירן די בעסטע צווישן די רעפּובליקן דווקא לויט די כּללים פון „געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך".

ו'אָבעספּיער האָט ממש פאַרגעטערט דעם אָנדענק פון רוסאָ; ער וואָלט בלי־ספק אָנערקענט דעם גלח קוּאַניאַר פאַר אַ שלעכטן מענטש. איך וואָלט נישט געמאַכט די דאָזיקע באַמערקונג, ווען

ראָבעספיער וואָלט געווען אַ פּאַרזעניש. ער איז דאָך אָבער להיפּך געווען אַ מענטש מיט אַ הויכער אינטעליגענץ און מיט אַן אומבאַפלעקטן, ריינעם כאַראַקטער. ער איז אָבער צום אומגליק געווען אַן אָפּטימיסט און געגלויבט אין דער טוגנט.

מלוכה-מענער מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט, ווי ראָבעספּיער, אפילו ווען זיי זאָלן האָבן די בעסטע כוונות, טוען זיי אָפּ אַ סך שלעכטס. אויב מ׳רעדט זיך שוין יאָ איין, אַז מ׳איז באַרופן צו הערשן איבער מענטשן, טאָר מען אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען שלעכטע מאַלפּעס. נאָר מיטן דאָזיקן תּנאַי קאָן מען פירן אַ הומאַניטאַרע און מענטשלעכע פּאָליטיק. די שרעקלעכסטע משוגעתן פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס מ׳האָט געוואָלט באַפעסטיקן די צניעות אויף דער ערד.

אויב מ׳וואָלט געוואָלט, אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין גוט און קלוג, פריי, מעסיק און גרויסהאַרציק, וואָלט מען געצוווּנגען געווען זיי אַלע מיטאַמאָל אויסצושעכטן. ראָבעספּיער האָט געגלויבט אין דער טוגנט: און דווקא ער האָט געשאַפן דעם טעראָר. מאַראַ האָט געגלויבט אין דער גערעכטיקייט: און דווקא ער האָט געפאָדערט פון קאָנוועט הונדערט טויזנט קעפּ.

דער גלח קואַניאַר געהער אפשר צו יענע מענטשן אין אַכצנטן יאָרהונדערט, וואָס זייערע פּרינציפּן זענען אין אַ פולשטענדיקער סתירה מיט די אידעען פון דער רעוואָלוציע. ער וואָלט נישט געחתמעט קיין איין שורה פון דער „דעקלאַראַציע פון מענטשנס רעכט", בלויז צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער אַקט שאַפט אַ תּהום צווישן דעם מענטש און דעם גאָריל.

די לעצטע וואָך האָט מיך באַזוכט אַ באַקאַנטער אַנאַרכיסט, וואָס פאַרשאַפט מיר כּבוד מיט זיין פריינדשאַפט. איך האָב אים אויך זייער ליב צוליב זיין אומשולד אין פּאָליטישע ענינים; דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס ער האָט ביז איצט נאָך נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער רעגירונג פון זיין לאַנד. ער שטרעבט אַלץ אויפצורייסן אין דער לופטן, וואָרים ער גלויבט, אַז די מענטשן זענען פון דער נאַטור גוט און צניעותדיק.

ער האָלט, אַז ווי נאָר זיי וועלן זיך באַפרייען פון זייער פאַרמעגן און פון דער הערשאַפט פון די געזעצן, וועלן זיי פטור ווערן פון זייער עגאָיזם און פון זייער שלעכטסקייט. אויף אַזאַ אופן האָט דער צערטלעכסטער אָפּטימיזם אים צוגע־פירט ביז צו דער מדרגה פון דער ווילדעסטער אַכזריותדיקייט.

דאָס גאַנצע אומגליק זיינס און זיין פאַרברעכן באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן מיט אַ העלדישער נשמה, וועלבע פּאַסט זיך פיל מער פאַר דער גאָלדענער תקופה, ווי פאַר דער מלוכה פון קוכערס, ווו ער איז פאַרמשפּט גע־וואָרן צו לעבן.

דאָס איז אַ צווייטער זשאַן זשאַק רוסאָ, אַ פּשוטער און אַן אָרנטלעכער, וואָס וואָלט זיך נישט געלאָזט איבערשרעקן דורך אַ מאַדאַם אודעטאָ אָדער איינגעמען דורך דער הערלעכער גרויסהאַרציקייט פון אַ לוקסעמבורגער מאַרשאַל.

זיין גייסטיקע ריינקייט מאַכט אָבער פון אים אַ שרעקלעכן מענטש. ער האָט פיל מער פאַרשטאַנד, ווי אַ מיניסטער; ער גייט אָבער אַרויס פון אַן אומזיניקן שטאַנדפּונקט. ער גלויבט נישט אינם אורשפּרונגלעכן חטא, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז אַזאַ ריכטיקע און אומדערשיטערלעכע דאָגמע, אַז אויפן דאָזיקן פונדאַמענט וואָלט יעדער געקאָנט בויען, וואָס אים וואָלט זיך נאָר געגלוסט.

וואָס פאַראַ שאָד, וואָס דו, טייערער פאָטער קוּאַניאַר, ביסט נישט געווען דעמאָלט אין מיין קאַבינעט, וואָרים דו וואָלסט אים געוויס איבערצייגט אין דער פאַלשקייט פון זיין דאָקטרין? דו וואָלסט נישט גערעדט מיטן דאָזיקן איידעלן או־טאָפּיסט וועגן די מעלות פון דער ציוויליזאַציע און די אינטע־רעסן פון דער מלוכה.

דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז פון אַן אומגליקלעכן דאַרף מען נישט חוזק מאַכן; דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז די עפנטלעכע אָר־דנונג איז דאָס זעלבע, וואָס די אָרגאַניזירטע געוואַלטאַט, און יעדער האָט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן וועגן איר אַן אורטייל, וואָס איז אין הסכם מיט זיינע אינטערעסן.

דו וואָלסט אים געשילדערט דאָס ריכטיקע און שרעקלעכע בילד פון דער נאַטירלעכער אָרדנונג, וואָס ער וויל אויפסנייע איינפירן אין לעבן; דו וואָלסט אים געוויזן, וואָס פאַראַ שרעקלעכע און פערזענלעכע טראַגעדיעס עס וואָלטן זיך אָפּגעשפּילט אין זיין אידילישער מלוכה, וואָס וועגן איר חלומט ער סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט; און סוף-כל-סוף וואָלסטו אים איבערצייגט, אַז זיין פלומרשט גליקלעכע אַנאַרכיע וואָלט פּאַקטיש באַדייט דעם אָנהייב פון אַ מוראדיקער טיראַניע.

דאָס דאָזיקע צווינגט מיך צו פּרעציזירן די מיינונגען וועגן די רעגירונגען און פעלקער, וואָס דער גלח קוואַניאַר האָט אויסגעדריקט אין שענק „אונטערן קליינעם באַקכוס”. ער האָט נישט געהאַט קיין רעספּעקט נישט פאַר די זיילן פון דער געזעלשאַפט און נישט פאַר דער מלוכה-אינסטיטוציע. ער האָט אַפילו שטאַרק געצווייפלט אין דער ממשותדיקייט פון דער הייליקער כלי, *) וואָס איז אין זיינע צייטן געווען דער הויפּט-יסוד פון דער מלוכה, ווי היינט למשל דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט. די דאָזיקע אַפּיקורסות, וואָס האָט אין זיין צייט אויפגערודערט גאַנץ פראַנקרייך, הייבט אונז היינט אַפילו נישט אָן צו אַרן.

מיר וואָלטן אָבער שלעכט פאַרשטאַנען אונזער פילאָזאָף, ווען מיר וואָלטן זיינע קריטישע אָנפאַלן אויפן „אַלטן רעזשים” פאַרענטפערט בלויז מיט זיין היציקייט. דער גלח זשעראָם קואַניאַר האָט נישט געמאַכט קיין גרויסן חילוק צווישן די אַזוי גערופענע אַבסאָלוטע און ליבעראַלע רעגירונגען, און מיר קאָנען זיך משער זיין, אַז ווען ער וואָלט געלעבט אין אונזערע צייטן, וואָלט ער אויף זיכער פאַרבאַהאַלטן אין זיך אַ שפּאָר ביסל

---

*) אין דער הייליקער כלי האָט זיך געפונען דער בוימאייל, וואָס מיט אים פלעגט מען זאַלבן די קיניגן פון פראַנקרייך בשעת דער קרוינונג. אין יאָר 1793 איז די הייליקע כלי עפנטלעך צעבראָכן געוואָרן אין ריימס דורכן קאָנווענט-מיטגליד רול.
(באַמ. פון איבערזעצער)

פון יענער איידעלער אומצופרידנקייט, וואָס האָט איבערגעפולט זיין האַרץ.

אַזוי ווי ער פּלעגט אַלעמאָל אין זיין קריטיק זיך נעמען צו די הויפּט-יסודות, וואָלט ער מסתּמא אויך איצט אויסגעפונען די שוואַכע זייטן און די גישטיקייט פון אונזערע מאָדערנע פּרינציפּן. ווי אַ באַווייז קאָן דינען איינס פון זיינע ווערטלעך, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז צו אונזערע צייטן.

— אין אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג — פּלעגט דער גלח קוּ-אַניאַר זאָגן, — איז דאָס פאָלק אַ קנעכט פון זיין אייגענעם ווילן, און דאָס איז אַ שרעקלעכע קנעכטשאַפט. אין דער אמתן איז דעם פאָלק זיין אייגענער ווילן פּונקט אַזוי פרעמד, ווי דער ווילן פון פירשט.

„וואָרים דער פאָלקס-ווילן איז אין אַ גאַנץ נישטיקער פּראָפּאָרציע צום ווילן פון די באַזונדערע יחידים, און פּונדעסט-וועגן מוזן אַלע זיך אים אונטערוואַרפן. דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט איז נישט מער, ווי אַ פאַסטקע פאַר נאַראָנים, פּונקט ווי יענע טויב, וואָס האָט געזאָלט ברענגען די הייליקע זאַלב אין איר שנאָבל.

„פּונקט ווי די מאָנאַרכיסטישע רעגירונג, אַזוי שטיצט זיך אויך די פאָלקס-רעגירונג אויף אַ פיקציע. עס גייט נאָר אין דעם, אַז די פיקציעס זאָלן אַקצעפּטירט ווערן דורך אַלע בירגער.״

אָט די דאָזיקע מאַקסימע איז געגוג, מיר זאָלן אָננעמען, אַז אויך אין אונזערע צייטן וואָלט ער פאַרבאַהאַלטן יענע שמייכלענדיקע און שטאָלצע פרייהייט, וואָס האָט אַזוי באַשיינט זיין נשמה אין די צייטן פון דער מאָנאַרכיע. נישט געקוקט אָבער דערויף איז ער קיינמאָל נישט געווען קיין רעוואָלוציאָ-נער. ער האָט געהאַט צו ווייניק אילוזיעס אויף צו זיין אַ רע-וואָלוציאָנער, און ער האָט געוווּסט, אַז די אַלטע רעגירונגס-פאָרמען קאָנען פאַרניכטעט ווערן נאָר דורך יענע געהיימנישפולע, בלינדע, לאַנגזאַמע און אומפאַרמיידלעכע כּוחות, וואָס רייסן אַלץ מיט מיט זיך.

ער האָט געהאַלטן, אַז אַ פאָלק קאָן אין אַ באַשטימטן

צייט-פעריאָד האָבן נאָר איין איינציקע רעגירונגס-פאָרם, וואָרים די פעלקער זענען באַשטימטע אָרגאַניזמען, און זייערע פונקציעס זענען אָפּהענגיק פונם געבײַ און צושטאַנד פון די אָרגאַנען, דאָס הייסט פונם באָדן און פון פאָלק גופא און נישט פון דער רעגירונגס-פאָרם, וואָס איז נישט מער, ווי דאָס אויבערשטע מלבוש אויפן מענטשנס קערפּער.

— דאָס גאַנצע אומגליק, — פלעגט ער זאָגן, — באַשטייט אין דעם, וואָס מיט די פעלקער געשעעט פונקט דאָס זעלבע, וואָס מיטן אַרלעקין און לץ אויף די יאָרמאַרק-פאָרשטעלונגען. זייערע קליידער זענען שטענדיק אָדער צו ברייט, אָדער צו ענג, אומ-באַקוועם, לעכערלעך, שמוציק, פול מיט לעכער און כּל מינים אומפלייט.

דאָס אַלץ וואָלט מען געקאָנט אויסמײַדן, ווען מען וואָלט די קליידער פּאָרזיכטיק אויסגעשאָקלט, אָדער ווען מ'וואָלט גע-נומען צו הילף אַ נאָדל מיט גאַרן. מ'דאַרף אין אַזעלכע פאַלן האַנדלען זייער פּאָרזיכטיק און דעליקאַט. וואָרים אַז נישט איז מען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר זיך צו מאַכן אַ נײַ קלייד, וואָס וועט סוף כּל-סוף זײַן נאָך ערגער און מיאוסער, ווי דאָס פריערדיקע. גלייכצייטיק טאָר מען זיך נישט אײַנשפּאַרן צו טראָגן דאָס אַלטע קלייד, בשעת דער קערפּער האָט מיט די יאָרן געענדערט זײַן פאָרם.

דערפון זעט מען, אַז דער גלח קוּאַניאַר האָט געוווּסט שלום צו מאַכן צווישן דער סאָציאַלער אָרדנונג און דעם פּראָג-רעס, און ער איז אין תּוך געגומען נישט געווען קיין שלעכטער בירגער. ער האָט קיינעם נישט אָנגערייצט צו אַ בונט; ער האָט בלויז געוואָלט, אַז די מלוכה-אינסטיטוציעס זאָלן גלײַכער פאַרברויכן זייערע קרעפטן אין אומאויפהערלעכע רייבונגען, איידער מ'זאָל זיי אומוואַרפן און צעברעכן מיט געוואַלט.

ער פלעגט כּסדר אויפמערקזאַם מאַכן זײַנע תּלמידים, אַז די האַרטעסטע געזעצן ווערן אַ דאַנק דעם אומאויפהערלעכן געברויך אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן אויסגעשליפן, און די צייט האָט אַ סך מער געדולד, ווי דער מענטש.

אויב עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ באַלדיקע איבער־פורעמונג פון אַ פאַרקריפּלט געזעץ, האָט ער זיך לחלוטין דער־מיט נישט איבערגענומען, וואָרים ער האָט געהאַט קנאַפּ צוטרוי צו די נוצן פון אומגעריכטע ענדערונגען פון געזעץ.

פון צייט צו צייט פלעגט זשאַק טורנעבראָש אים פרעגן, צי האָט ער נישט מורא, אַז זיין קריטישע פילאָזאָפיע בנוגע די נויטווענדיקע אינסטיטוציעס, וואָס ער אַליין האָט געהאַלטן פאַר נוצלעך, זאָל אַמאָל נישט אומוואַרפן דאָס אַלץ, וואָס מ׳דאַרף פאַרהיטן פון אונטערגאַנג.

— צי לוינט זיך, אַ טייערער מייסטער—פלעגט זיין טרייער תלמיד האַלטן אין איין טענהען, — מאַכן אַ תל פון די יסודות פון געזעץ, פון דער יוסטיץ, און בכלל פון אַלע ציווילע און מיליטערישע אַמטן, אויב איר אַליין האַלט, אַז די געזעלשאַפט מוז אומבאַדינגט האָבן אַ יוסטיץ, געזעצן, אַן אַרמעע, באַאַמטע און פּאָליציאַנטן ?

— זון מיינער,—פלעגט אים דער גלח קואַניאַר ענטפערן,— איך האָב גרונטלעך אויסגעפאָרשט די שלעכטע מנהגים פון די מענטשן און כ׳בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס שלעכטס נעמט זיך פון די פאָראורטיילן און איבערגלייבענישן, און איז ענלעך צו די שפּינען און סקאָרפּיאָנען, וואָס קריכן אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין פון די פינצטערע, פייכטע לעכער און היילן.

ס׳שאַדט נישט, ווען מען נעמט פון צייט צו צייט אַ בע־זעם אין האַנט און מ׳קערט אַ ביסל אויס די פינצטערע שמו־ציקע ווינקלען. עס איז אויך גוט פון צייט צו צייט דורכצו־לעכערן מיט אַ פּיסטויל אַ מויער אָדער מיט אַ לאָפּאַטע איבער־צואַקערן די ערד אין גאָרטן; דאָס שרעקט אַ ביסל איבער די ווערים און איילט־צו דאָס פונאַנדערפאַלן זיך פון די פאַרפוילטע מויערן.

— כ׳בין מיט אייך פולשטענדיק מסכים,—פלעגט דער מיל־דער טורנעבראָש ענטפערן, — אָבער וואָס וועט פאַרבלייבן, ווען איר וועט צעשטערן אַלע יסודות פון דער געזעלשאַפט ?

דערויף פלעגט זיין רבי ענטפערן:

— די געזעלשאפט וועט ווייטער עקזיסטירן, נישט געקוקט דערויף, וואס אלע פאלשע פרינציפן וועלן בטל ווערן; ווארים די געזעלשאפט שטיצט זיך אויף דער נויטווענדיקייט, וואס אירע געזעצן, פיל עלטער פון סאטורן, וועלן הערשן אויף דער וועלט, אפילו דעמאלט, ווען פראמעטעאוס וועט אראפווארפן יופיטערן פון טראן.

זינט יענער צייט, בעת דער גלח קוואניאר האט ארויס-געזאגט די דאזיקע רייד, האט פראמעטעאוס שוין נישט איינ-מאל אראפגעווארפן יופיטערן פון טראן, און די נביאות פון דאזיקן חכם איז פולשטענדיק מקוים געווארן, אזוי אז ביים היינטיקן טאג ווייסן מיר נישט אויף זיכער, צי יופיטער זיצט נישט אלץ אויפן טראן, ווארים די נייע געזעלשאפטלעכע ארדנונג איז ווי צוויי טראפן וואסער ענלעך צו דער אלטער ארדנונג.

ס'זענען פאראן אפילו אזעלכע, וואס לייקענען לגמרי אין דער עקזיסטענץ פון דאזיקן טיטאן. זיי זאגן, אז מ'זעט נישט מער אויף זיין ברוסט די אייביק-בלוטנדיקע וווּנד, וואס עס האט אים געמאכט דער אדלער פון דער אומגערעכטיקייט, בעת ער האט ארויסגעריסן זיין הארץ. פרעמד זענען אים די יסורים, דער בונט און דער גלות.

דאס איז נישט דער ארבעטנדיקער גאט, וואס מיר ווארטן אויף אים און זיין אנקום איז אונז אנגעזאגט געווארן דורך די נביאים; דאס איז דער פעטער אנגעפרעסענער יופיטער פון אלטן, לעכערלעכן אלימפ. ווען וועט ער זיך ענדלעך צו אונז באווייזן, פראמעטעאוס, דער מעכטיקער פריינד פון די מענטשן, וואס האט אונז געבראכט דאס פייער, דער טיטאן, וואס איז נאך ביזן היינטיקן טאג צוגענאגלט צום פעלזנשטיין?

א מוראדיקער שטורעם-ווינט, וואס קומט פון די בערג, זאגט אן די בשורה, אז ער הייבט אן אויסצוגלייכן זיינע פון ווונדן צעאקערטע פלייצעס, און מיר פילן שוין די געוואלטיקע היץ פון זיין ווייטן אטעם.

פרעמד צו די עניים פון וואכעדיקן לעבן, איז דער גלח

קואַניאַר געווען פיל מער גענייגט צו דער אַבסטראַקטער שפּעקולאַציע און ער פלעגט גערן זיך אויסדריקן אין אַלגעמיינע באַגריפן. אָט די דאָזיקע אייגנשאַפט פון זיין גייסט, וואָס האָט אים אפשר געבראַכט שאָדן אין די אויגן פון די מענטשן אין זיין צייט, איז גורם, אַז נישט געקוקט אויף די הונדערט און פופציק יאָר, וואָס טיילן אונז אָפּ פון אים, פאַרמאָגן זיינע געדאַנקען אַפילו ביים היינטיקן טאָג אַ געוויסן ווערט און נוצלעכקייט. פון זיי קאָנען מיר צום בעסטן דערקענען אונזערע אייגענע מנהגים און אַנטפּלעקן דאָס שלעכטס, וואָס איז אין זיי פאַראַן.

די עוולות, משוגעתן און אַכזריותדיקייטן וואַרפן זיך נישט אַזוי אין די אויגן אַריין, בעת זיי זענען אַ רשות-הרבים. מיר זעען דעריבער די פעלערן פון אונזערע אבות און באַמערקן נישט לגמרי אונזערע אייגענע פעלערן.

עס איז נישט פאַראַן קיין איין עפּאָכע אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווו דער מענטש זאָל אונז נישט פאָרקומען אומזיניק, פאַנאַטיש און ווילד; עס וואָלט דעריבער געווען אַן אמת וווּנדער, וואָס אונזער יאָרהונדערט וואָלט דורך אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע געווען פריי פון יעטוועדער אומזיניקייט, שלעכטסקייט און ווילדקייט.

די געדאַנקען פון גלח זשעראָם קואַניאַר וואָלטן אין אַ גרויסער מאָס אונז געקאָנט העלפן מאַכן אַ חשבון-הנפש, ווען מיר וואָלטן נישט געווען געגליכן צו יענע געטשן, וואָס נישט זיי זעען און הערן, הגם זיי האָבן אי אויגן, אי אויערן.

מיט אַ קליין ביסל גוטן ווילן און אָביעקטיוויזם וואָלטן מיר גאָר גיך זיך איבערצייגט, אַז אונזערע געזעצן זענען נאָך ביים היינטיקן טאָג אַ נעסט פון אומגערעכטיקייט, אַז אין אונזערע מדות האָבן מיר זיך לחלוטין נישט אָפּגעטרייסלט פון דער אַמאָליקער גאַווה, אַכזריותדיקייט און קאַרגשאַפט, און מיט רעספּעקט באַציען מיר זיך בלויז צו עשירות, בעת די אַרבעט האָט נישט ביי אונז קיין שום ווערט.

דעמאָלט וואָלטן מיר ערשט דערזעען, וואָס פאַראַ ווערט עס האָט אונזער איצטיקע אָרדנונג, מיר וואָלטן געקומען צום

באַשלוס, אַז דאָס איז אַן עלנטע און וואַקלדיקע אָרדנונג, וואָס אויף איר האָט די נאַטור אַרויסגעגעבן אַ טויט-אורטייל, בעת ס'האָט אויסגעפּעלט די מענטשלעכע יוסטיץ, און איר אונטער-גאַנג חייבט זיך שוין אָן גאָר איינגיכן.

אונזערע רייכע לייט וואָלטן אונז פאָרגעקומען נאַריש און אומגעלומפּערט, ווי יענע קעפער, וואָס הערן נישט אויף צו פרעסן די בלעטער פון דיביימער, נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ קליינער פּאַראַזיט האָט זיך אַריינבאַקומען אין זייער בויך אַריין און פרעסט אויף זייער איינגעווייד. מיר וואָלטן זיך דעמאָלט נישט געלאָזט מער איינשלעפערן פון דער פאַלשער און פלאַכער דעקלאַמאַציע פון אונזערע מלוכה-לייט; מיר וואָלטן געקוקט מיט מיטלייד אויף אונזערע עקאָנאָמיסטן, וואָס קריגן זיך אַרום איבער די מעבל, בעת דאָס הויז שטייט אין פלאַמען.

די געדאַנקען פון גלח קואַניאַר קומען אונז פאָר, ווי אַ נבואהשער חזק פון יענע גרויסע פּרינציפּן פ׳ן דער רעוואָלו-ציע און פון די רעכט פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס אויף זיי האָבן מיר אין משך פון הונדערט יאָר, מיט דער הילף פון אורפּאַציע און מיסברויך, אויפגעבויט אָן אַ שיעור כאַאָטישע געביידעס פון בונטאַרע רעגירונגס-פאָרמען, בעת מיר אַליין האָבן ציניש פאַראורטיילט אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

ווען מיר וואָלטן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו שמייכלען איבער אונזערע נאַרישע מנהגים, וואָס זענען אונז פאָרגעקומען דערהויבן און חשיבותדיק און זענען אין דער אמתן געווען אויסגעווייקט אין בלוט; ווען מיר וואָלטן זיך אַרומגעזעען, אַז די מאָדערנע פאָראורטיילן זענען לעכערלעך און עקלדיק אין דער זעלבער מאָס, ווי די אַמאָליקע; ווען מיר וואָלטן באַ-האַנדלט אונזערע נאָנטע מיט אַ באַרמהאַרציקן סקעפּטיציזם, ווי דאָס האָט געטון דער גלח קואַניאַר, וואָלטן דעמאָלט די מחלוקותן נישט געווען אַזאַ אָפטע דערשיינונג אין אונזער מדינה, וואָס איז די שענסטע אונטער דער זון, און דער גלח קואַניאַר וואָלט אין אַ געוויסער מאָס געבראַכט אַ נוצן דער מענטשהייט.

אַנאַטאָל פראַנס

אנאטאל פראנס

די דיאלאגן פון ושעראם קואניאר

I

די מיניסטאָרן פון דער מלוכה

אַנומלט נאָכן מיטאָג האָט דער גלח זשעראָם קוואַניאַר באַזוכט, ווי געוויינטלעך, דעם ה׳ בלעזאָ, בוכהענדלער פון דער גאַס פון הייליקן זשאַק. אויף די פּאָליצעס האָט ער באַמערקט די ווערק פון זשאַן ראַסין און אָן שום סבה גענומען בלעטערן די זייטלעך פון איין באַנד.

— דער דאָזיקער דיכטער, — האָט ער געזאָגט, — האָט פאַרמאָגט אַ געוויסן טאַלענט, און ווען ער וואָלט אימשטאַנד געווען זיך צו דערהויבן צו אַזאַ מדרגה און שרייבן זיינע טראַגעדיעס אין לאַטיינישע פערזן, וואָלט ער פאַרדינט אַ שבח, וואָס איז באַזונדערס נוגע יענער שטעלע אין זיין אַ ט אַ ל י ע, ווו ער האָט באַוויזן, אַז ער פאַרשטייט זיך זייער גוט אויף פּאָליטיק.

קאָרנעי איז אין פאַרגלייך מיט אים געוועזן גישט מער, ווי אַ פּוסטער דעקלאַמאַטאָר. די טראַגעדיע וועגן יואשן אַנט-פּלעקט געוויסע פּראָצעסן, וואָס זייער ווירקונג דערהייבט און צעשטערט מלוכות. מ׳מוז טאַקע מודה זיין, אַז הער ראַסין האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוויסער גייסטיקער שאַרפזיניקייט, וואָס אויף איר לוינט זיך אַ סך מער אָפּצושטעלן, ווי אויף אַלע סובטילקייטן פון דער פּאָעזיע און עלאָקווענץ, וואָרים אין דער אמתן זענען זיי נישט מער, ווי רעטאָרישע קונצשטיקלעך און זענען נושא חן בלויז אין די אויגן פון שוטים און טפשים.

אָפּגעבן זיך מיט סובטילקייטן איז די אייגנשאַפט פון אַ

שוואַכן גייסט, וואָרים ער האָט נישט קיין באַגריף וועגן דער אמתער נאַטור פון אדמס קינדער, וואָס זענען דורכאויס עלנט און פאַרדינען מ׳זאָל אויף זיי רחמנות האָבן. איך וויל נישט דער־מיט זאָגן, אַז דער מענטש איז אַ לעכערלעך באַשעפעניש, בלויז צוליב דעם, וואָס ישו הנוצרי האָט אים אויסגעלייזט מיט זיין ווערטפול בלוט.

די נאָבלקייט פון מענטש הערשט אויסשליסלעך אין דער דאָזיקער אומבאַגרייפלעכער מיסטעריע, אָבער די מענטשן אַליין, אַלע איינס צי זיי זענען גרויס אָדער קליין, זענען סוף כל סוף נישט מער, ווי ווילדע און עקלדיקע חיות.

אינם מאָמענט, בעת מיין לערער האָט אַרויסגעזאָגט די לעצטע רייד, איז אין דער בוכהאַנדלונג אַריינגעקומען ה׳ ראָמאַן.

— נו, נו! טייערער פאָטער, — האָט אויסגערופן דער דאָזיקער געשיקטער פאַרשוין. — איר פאַרגעסט אָבער, אַז די דאָזיקע עקלדיקע און ווילדע חיות מוזן געהאָרכן, לכל־הדעות אין אייראָפּע, די באַפעלן פון אַ ווונדערבאַרער פאָליציי. און די מאָדערנע מלוכות, ווי למשל דאָס פראַנצויזישע קיניגרייך אָדער די האָלענדישע רעפּובליק האָבן אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות מיט יענעם באַרבאַריזם און ווילדקייט, וואָס האָט אייך אַזוי אַרויס־געבראַכט פון די כלים.

מיין רבי האָט צוריק אוועקגעשטעלט דעם באַנד פון ראַ־סין אויף זיין אָרט און מיט זיין געוויינלעכן שמייכל געענט־פערט דעם ה׳ ראָמאַן:

— איך בין מסכים מיט אייך, מיין הער, אַז די מעשים פון די מלוכה־מענער און פּאָליטיקער ווערן געשילדערט קלאָר און קאָנסעקווענט אין די שריפטן פון די פילאָזאָפן, וואָס שרייבן וועגן זיי ספּעציעלע אָפּהאַנדלונגען, און איך באַוווּנדער באמת דעם המשך און די פאַרקייטלונג פון די אידעען אין אייער ווערק וועגן דער מאָנאַרכיע.

איר מוזט אייך אָבער צופרידנשטעלן, ווען איך וועל אָפּ־געבן כבוד בלויז אייך אַליין פאַר די שכלדיקע געדאַנקען, וואָס איר שרייבט־צו די גרויסע פּאָליטיקער פון די אַמאָליקע און

הײנטיקע צײטן. זײ האָבן זיך לחלוטין נישט אויסגעצײכנט מיט די מעלות, וואָס איר שרײבט זײ צו, און די באָרימטע לײט, וואָס האָבן זיך אײנגערעדט, אַז זײ פירן די וועלט פאַר דער נאָז, זענען אין דער אמתן געווען אַ שפּילעכל פון דער נאַטור און פון שיקזאַל. זײ זענען צומאָל נישט בכּוח געווען זיך אויפצוהײבן איבער דער מענטשלעכער טפשות, און סוף-כּל-סוף זענען זײ געווען באַרימטע שווינדלערס.

ה׳ ראָמאַן האָט מיט גרויס אומגעדולד זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע רײד און אין דער זעלבער צײט זיך געשפּילט מיט אַן אַלטן אַטלאַס, מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו פּאָכען מיט אים אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט אין דאָזיקן טומל קוים געקענט הערן זײן קול:

— ווי קאָן מען זײן אַזוי פאַרבלענדט! — האָט ער זיך אָנגערופן. — צי קאָנט איר באמת אַזוי לײכט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די מעשים פון די גרויסע מיניסטאָרן און באַרימטע לײט? צי קענט איר דען נישט די געשיכטע און ווײסט נישט, אַז אַזאַ צעזאַר, רישעליע אָדער קראָמוועל האָבן געטון מיט די פעלקער דאָס, וואָס אַ טעפּער טוט מיט לײם? צי האַלט איר דען נישט, אַז אַ מלוכה פונקציאָנירט פּונקט אַזוי, ווי אַ זײגער אין די הענט פון אַ זײגערמאַכער?

— איך זע עס גאָרנישט אײן, — האָט מײן גוטער לערער געענטפערט. — אין משך פון די פופציק יאָר, וואָס איך לעב אויף דער וועלט האָב איך שוין דורכגעמאַכט אַ סך רעגירונגס-ענדערונגען, בעת די לעבנס-באַדינגונגען פון די יחידים האָבן ווײניק וואָס זיך געענדערט, אויב מ׳זאָל נישט נעמען אין באַטראַכט דעם אומבאַמערקבאַרן פּראָגרעס, וואָס איז דאָך אַוודאי און אַוודאי נישט אָפּהענגיק פון מענטשלעכן ווילן.

איך קום דעריבער צום אויספיר, אַז ס׳איז לגמרי גלײכגילטיק, וואָס פאַראַ רעגירונגס-פאָרם מיר האָבן. די מיניסטאָרן שײדן זיך אונטער פון די איבעריקע מענטשן בלויז מיט זײער קלײדונג און געשפּאַן.

— ווי קאָנט איר דאָס זאָגן, — האָט ה׳ ראָמאַן פּראָטעסטירט, —

גראָד אויפצומאַרנגס נאָכן טויט פון אַ מיניסטער, וואָס האָט גע-
קומען אַזאַ לעבהאפטן אַנטייל אין די מלוכה-ענינים? אמת איז,
אַז ער האָט אין אָנהויב פון זיין קאַריערע פאַרלוירן דעם חן
ביים קיניג; צום אומגליק האָט ער אויסגעהויכט די נשמה אין
דער רגע, ווען ער האָט זיך ווידער צוריקגעקערט צו דער
מאַכט און צום אַמאָליקן כבוד. איר קאָנט אורטיילן וועגן דער
ווירקונג פון זיינע מעשים בלויז אויפן סמך פון דעם געהאַל-
טיקן איינדרוק, וואָס זיין טויט האָט אויף אַלעמען געמאַכט.
זיינע מעשים וועלן אים בלי ספק איבערלעבן.

— מיין הער, — האָט מיין לערער דערויף געענטפערט, —
דער דאָזיקער מיניסטער איז געווען אַן אָרנטלעכער, אַרבעטזאַ-
מער און פלייסיקער מאַן, און מ'קאָן וועגן אים זאָגן דאָס
זעלבע, וואָס וועגן דעם הער וואַבאַן, אַז ער איז געווען צופיל
העפלעך, כדי באַמיען זיך נושא חן צו זיין אין יענעמס אויגן.

איך וועל זאָגן צו זיין שבח, אַז נישט געקוקט דערויף,
וואָס ער איז געשטאַנען ביים מלוכה-רודער, איז ער פאָרט
פאַרבליבן אַ מענטש, להיפך צו פיל אַנדערע, וואָס די מאַכט
דעמאָראַליזירט און פאַרקריפּלט זייער נשמה. ער האָט געהאַט
אַ גרויסע נשמה און אַ פאַרשטענדניש פאַר דער גרויסקייט פון
זיין לאַנד.

ער דאַרף אויך געליבט ווערן דערפאַר, וואָס ער האָט
רויק געטראָגן אויף זיינע ברייטע פּלייצעס די שנאה פון די
גאַסן-פאַרקויפערס און פון די קליינע מאַרקיזן. אפילו זיינע
שונאים האָבן טיף אין האַרצן געהאַט פאַר אים גרויס דרך-ארץ.

כ'וואָלט אָבער געוואָלט וויסן, וואָס האָט ער עס אַזעלכעס
אויפגעטון, אַז אין אייערע אויגן איז ער עפּעס מער ווי אַ
שפּילעכל פון די ווינטן, וואָס טראָגן זיך אַרום אים? די יעזויטן
וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעטריבן, זענען צוריקגעקומען; צו
קליינע רעליגיעזע מלחמה, וואָס ער האָט אָנגעצונדן, כדי די
אַמוזירן דאָס פאָלק, איז גאָר אינגיכן אויסגעלאָשן און איבער
געבלאָזט נאָך זיך וויסט מער, ווי אַ שטיקנדיקן רויך פון אַ
אויסגעברענטער ראַקעטע.

איך בין מספים מיט אייך, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער פעיקייט איינצוּאָרדנען פאַרוויילונגען, אָדער נאָך מער, ער האָט געוווסט, ווי אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק אויף קלייניקייטן. זיין פּאַרטיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק אַ צופאַל און מיט דער הילף פון פאַרשידענע קונצ-שטיקלעך, האָט צומאָל נישט געוואָרט אויף זיין טויט, כדי צו ענדערן דעם נאָמען און פירער, נישט געקוקט דערויף, וואָס די פּאַרטיי-פּרינציפּן זענען געבליבן די זעלבע. זיין סיסטעם פון אינטריגעס האָט אים איבערגעלעבט און נאָך זיין טויט וועט די פּאָליטיק ווייטער זיין אַ שפּילעכל פון צופעליקע ווינטן. צי לוינט זיך בכלל צוליב דעם צו חידושן?

— אָ, אייערע אויספירן זענען באמת וווּנדערבאַר, — האָט ה׳ ראָמאַן געענטפערט. — דער דאָזיקער מיניסטער האָט לויט אייער מיינונג גענומען די קונסט צו הערשן פון די מעטאַפיזישע וואָלקנס און דערפון געשאַפן רעאַלע און ממשותדיקע ווערטן, וואָס האָבן אים פאַרשאַפן אַן אַלגעמיינעם רום. איר האַלט, אַז זיין פּאַרטיי איז געווען דער פּראָדוקט פון אַ צופאַל און פון פאַרשידענע קונצשטיקלעך.

וואָס דאַרף מען דען מער, אַז מען וויל באַרימט ווערן, בעת מ׳הערשט איבער מענטשן, אויב נישט אויספּאַסן אַ גינציקע געלעגנהייט און זיך באַנוצן מיט נוצלעכע קונצשטיקלעך? אָט דאָס טאַקע האָט ער אויפגעטון, אָדער ער וואָלט לכל-הפּחות אויפגעטון, ווען נישט די ענגהאַרציקייט פון זיינע אָנהענגער און די צביעותדיקע חוצפה פון זיינע שונאים, וואָס האָבן אים אפילו אַ רגע נישט געלאָזט צורו.

ער האָט אָבער פאַרבראַכט זיינע כּוחות אויף דער אומ-זיסטער אַרבעט צו באַרויקן זיינע שונאים און צו באַפעסטיקן זיינע אָנהענגער. ס׳האָט אים לײדער אויסגעפעלט צייט און מענטשן, אָט די אינסטרומענטן, וואָס זענען נויטיק כּדי איינ-צופירן אַ ווײלטעטיקן דעספּאָטיזם. ער האָט לכל הפּחות אָנגע-וואָרפן אַ ווּנדערבאַרן פּלאַן פון דער אינערלעכער פּאָליטיק.

איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז אַדאַנק זיין אויסערן-

פּאָליטיק איז אונזער פּאַטערלאַנד באַרייכערט געוואָרן מיט נייע פּרוכטבאַרע טעריטאָריעס.

מיר דאַרפן אים דערפאַר נאָך מער זיין דאַנקבאַר, וואָרים די אַלע נצחונות האָט ער אָפּגעהאַלטן איינער אַליין, נישט גע־קוקט אויפן ווידערשטאַנד פון פּאַרלאַמענט, וואָס האָט פּאַראַלי־זירט זיין יעדע באַוועגונג.

— מיין הער,—האָט מיין לערער געענטפערט,—אמת איז, אַז דער מיניסטער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך ענערגיע און געשיקט־קייט אין די קאָלאָניאַלע ענינים, ער האָט אָבער נישט אויפגע־טון אַ סך מער, ווי אַ דורשניטלעכער בירגער, וואָס קויפט פאַר זיך אַ שטיקל ערד. דעם גאַנצן פאַרגעניגן, וואָס מ׳וואָלט גע־קאָנט האָבן פון אונזערע עסקים אויף יענער זייט ים, מאַכט מיר אָבער קאַליע דער אומשטאַנד, וואָס די אייראָפּעער בא־האַנדלען אויף אַ משונהדיקן אופן די פעלקער פון אַפריקע און אַמעריקע.

די מענטשן פון דער ווייסער ראַסע, ווי זיי קומען נאָר אין אַ באַרירונג מיט די מענטשן פון דער געלער אָדער שוואַר־צער ראַסע, אַזוי דאַכט זיך זיי באַלד, אַז זיי מוזען אַלע אויס־ראָטן און פאַרטיליקן. לויט זייער מיינונג קאָן מען מיט די ווילדע זיך געבן אַן עצה בלויז דעמאָלט, ווען מען באַציט זיך צו זיי ווילד און ברוטאַל. אָט צו וואָס פאַראַ עקסטרעמי־טעטן עס ברענגען אַזעלכע קאָלאָניאַלע אונטערנעמונגען.

איך פאַרלייקן נישט, אַז די שפּאַניער, האָלענדער און ענגלענדער האָבן געהאַט דערפון געוויסע נוצן. אָבער געוויינט־לעך אָרגאַניזירט מען די דאָזיקע אַכזריותדיקע עקספּעדיציעס אָן אַ שום פּלאַן און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין אויף גאָטס באַראָט.

וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט די חכמה און דער ווילן פון איין מענטש אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אַ אַ שייכות מיטן האַנדל, מיט דער לאַנדווירטשאַפט און דער ים-רייזע און זענען אין דער אמתן אָפּהענגיק פון אַן אַ שיעור קליינטשיקע און נישטיקע באַשעפענישן?

דער מיניסטער האָט אַ גאַנץ נישטיקן חלק אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, און אויב מיר פאַרבינדן דאָס מיט זיין נאָמען, נעמט זיך עס דערפון, וואָס אונזער גייסט איז געניגט צו דער מיטאָלאָגיע און וויל דעריבער אַ נאָמען געבן און באַקליידן אין אַ באַשטימטער פאָרם אַלע געהיימנישפולע כוחות פון דער נאַטור. זאָגט מיר אַדרבא, צי האָט אייער מיניסטער מחדש געווען אויפן קאָלאָניאַלן געביט עטוואָס אַזעלכעס, וואָס איז נישט באַקאַנט געווען די פעניציאַנער, אָדער אין די צייטן פון קדמותן?

ביי די רייד האָט ה׳ ראָמאַן אַראָפּגעלאָזט זיין אַטלאַס, און דער בוכהענדלער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, כדי אים אויפצוהייבן.

—געערטער פאָטער, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איך שטעל פעסט צום באַדויערן, אַז איר זענט אַ סאָפּיסט, וואָרים נאָר אַ סאָפּיסט קאָן צונויפמישן די פעניציאַנער און קדמותן מיט די קאָלאָניאַלע עקספּעדיציעס פון פאַרשטאָרבענעם מיניסטער. איר האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט אָפּלייקענען, אַז די דאָזיקע אונטערנעמונגען זענען געווען זיין ווערק, איר האָט דעריבער בכיוון אַריינגעפירט די פערזאָן פון קדמותן, כדי מיך צו צעמישן.

— מיין הער, — האָט דער גלח געענטפערט, — לאָמיר לאָזן צורו קדמותן, אויב איר האָט פערזענלעך נישט צו אים קיין סימפּאַטיע. איך וויל בלויז זאָגן, אַז אַ מיניסטער האָט אַ קנאַפּן אַנטייל אין זיינע אייגענע אונטערנעמונגען און דערפאַר פאַרדינט ער נאָך נישט מ׳זאָל אים נאָכזאָגן שבח און אָפּגעבן כבוד.

איך וויל זאָגן, אַז אויב אין דער עלנטער לעבנס-קאָמעדיע, רעדן זיך די פירשטן איין, אַז זיי הערשן און רעגירן, און די פעלקער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי פירן אויס זייערע באַפעלן, איז דאָס אין דער אמתן נישט מער, ווי אַ שפּיל, אַ פּוסטע אילוזיע, און סוף-כל-סוף מוזן סיי די ערשטע, סיי די צווייטע זיך אונטערוואַרפן אַ העכערער, אומבאַקאַנטער קראַפט.

II

דער הייליקער אַברהם

ס'איז געווען אַ שיינע זומער-נאַכט, קאָמאַרעס האָבן געטאַנצט אַרום דער לאַמטערן פון „קליינעם באַקכוס”, און דער גלח קוואַניאַר האָט שפּאַצירט אונטער די אַרקאַדן פון דער סען-בענואַ-בעטורנע-קירך. ער איז ווי געוויינטלעך געווען פאַרטון אין זיינע רעיונות, בעת קאַטערינע האָט זיך מיטאַמאָל אַוועקגעזעצט לעבן אים אויף דער שטיינערנער באַנק.

מיין טייערער מייסטער האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו לויבן דעם אויבערשטן אין זיינע ווערק. ער האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דאָס דאָזיקע מיידל מיט גרויס פאַרגעניגן, און מחמת דעם, וואָס ער איז פון דער נאַטור געווען פריילעך און וויציק, האָט ער איר גענומען מאַכן קאָמפּלימענטן.

ער האָט זי געלויבט נישט בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַט אַ געשליפן צינגל, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַט טויזנט חן אין קאַרק און אין די איבריקע טיילן פון איר קערפּער. ער האָט איר געזאָגט, אַז זי שמייכלט נישט בלויז מיט די ליפּן און באַקן, נאָר אויך מיטן מינדעסטן גריבעלע און מיטן קלענסטן קנייטש פון איר גוף, און ס'איז באמת אַ שטאַרק פּאַרדרוס, וואָס אַזאַ שיין לייב איז באַדעקט מיט אַ קלייד, און מ'קאָן זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער צעשמייכלטער שיינקייט פון איר קערפּער.

— ס'איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך,—האָט ער זיך געווענדעט

צו איר, — מיר מוזן זינדיקן אויף דער וועלט, און קיין איין מענטש קאָן זיך נישט באַרימען, אַז ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון; און אויב שוין יאָ זינדיקן, וואָלט איך מיט גאָטס חסד געוואָלט זינדיקן מיט דיר, מיין מיידעלע, אויב דו וועסט נאַטירלעך מסכים זיין דערויף מיט דיין גוטן ווילן.

איך וואָלט דערפון געהאַט אַ טאָפּעלן נוצן: ערשטנס, וואָלט איך געקאָנט זינדיקן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פרייד און אומבאַשרייבלעכער הנאה; צווייטנס, וואָלט איך געהאַט אַן אויסרייד, אַז כ'האָב נישט געקאָנט ביישטיין דיין קערפּערלעכן רייץ, וואָרים ס'איז בלי ספק פאַרשריבן אינם ספר-החיים, אַז ס'איז אוממעגליך בייצושטיין דעם נסיון צו זינדיקן מיט דיר. דאָס דאָזיקע דאַרף מען קודם כל נעמען אין באַטראַכט.

מ'זעט למשל מענטשן-נאַראָנים, וואָס זינדיקן מיט מיאוסע און שלעכט געבויטע פרויען. יענע אומגליקלעכע, אויב זיי טוען דאָס, שטעלן זיי זיך אויס אויף דער געפאַר צו פאַרלירן זייער עולם-הבא; וואָרים זיי זינדיקן לשם חטא, און זייער זינד איז אָנגעזאַפּט מיט שלעכטס. בעת דיין שיינע געשטאַלט, קאַטערינע, איז שוין גורם, אַז דער אויבערשטער זאָל מיר אַ סך מוחל זיין.

דיינע וווּנדערבאַרע גלידער פאַרקלענערן דעם חטא, און דאָס אַליין איז שוין אַ גרונט מיר מוחל צו זיין, וואָרים די זינד איז געווען בשוגג. איך וויל מיך אויסדריקן קורץ און שאַרף, מיין שיין מיידעלע, איך פיל, אַז ווי איך זיך לעבן דיר, פאַרלאָזט מיך דער געטלעכער חסד און פאַרשווינדט ווי אַ פייגעלע.

אין דער רגע, בעת איך רעד ארויס די דאָזיקע רייד, זעט מען עס קוים אָן אויפן הימל, הויך איבער די דעכער, ווי די קעץ פירן אַ ליבע, אַרויסלאָזנדיק מוראדיקע געשרייען, וואָס זענען ענלעך צום געוויין פון אַ קליין קינד; און אין דער זעלבער צייט ווייזט זיך פון הינטער אַ קוימען דאָס חוצפּהדיק-באַרישע פּנים פון דער לבנה און לאָזט פון אונז נישט אַראָפּ קיין אויג.

אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט דיין פּערזאָן, קאַטערינע, און וואָס מיינע אויגן קענען זען, דאָס אַלץ ווירקט אויסער-

געוויינלעך שטאַרק אויף מיין תאווה, און איך באַגער נאָך שטאַרקער דאָס, וואָס איך קאָן נישט זעען מיט מיינע אויגן.

ביי די דאָזיקע רייד האָט קאַטערינע אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן אויף די קני, דערנאָך האָט זי מיט אַ ליידנשאַפטלעכן גלאַנץ אין די אויגן אַ קוק געטון אויפן גלח קוּאַניאַר.

און זי האָט אים געענטפערט מיט אַ זיסער שטים:

— אויב איר זענט מיר יאָ אַ גוטער פריינד, פאָטער זשעראָם, זאָגט זשע מיר צו, אַז איר וועט מיר טון אַ קליינע טובה און איך וועל וויסן, ווי אייך דערפאַר אָפּצודאַנקען.

מיין גוטער לערער האָט איר צוגעזאָגט. ווער וואָלט דען אויף זיין אָרט אַנדערש געהאַנדלט.

קאַטערינע האָט אָנגעהויבן צו רעדן לעבעדיקער:

— איר ווייסט דאָך מסתמא, געערטער פאָטער, אַז דער גלח לאַ-פּערוק, דער וויקאַר פון דער סען-בענואַ-קירך, באַשולדיקט דעם ברודער אַנזש אין דער גנבה פון זיין אייזל און ער האָט שוין אפילו אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע אין קאָנסיסטאָר. אין דער גאַנצער אָנקלאַגע איז אָבער נישט פאַראַן קיין איין וואָרט אמת.

דער ברודער אַנזש האָט געבאָרגט אַן אייזל, כּדי צו פירן אויף אים די הייליקע רעליקוויעס איבער די קליינע שטעטלעך. דעם אייזל האָט ער פאַרלוירן אויפן וועג, און די רעליקוויעס זענען קוים מיט צרות געפונען געוואָרן. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, אַזוי זאָגט דער ברודער אַנזש.

אָבער דער גלח פּערוק פאָדערט ביי אים זיין אייזל און וויל פון גאָרנישט וויסן. ער וויל דווקא איינזעצן דעם אָרעמען ברודער אין תפיסה. בלויז איר אַליין וואָלט געווען אימשטאַנד איינצושטילן זיין כּעס און ווירקן אויף אים, ער זאָל צוריקציען זיין אָנקלאַגע.

— אָבער מיין טייערע, — האָט דער גלח קוּאַניאַר זיך געוועגט, — כ׳בין נישט אימשטאַנד עס צו טון, כ׳האָב אויך דערצו נישט קיין גרויס חשק.

— אָ! — האָט קאַטערינע געענטפערט. זי האָט זיך צוגערוקט

צו אים גאָר ,נאָנט און אים אַרומגענומען מיט אַ צערטלעכן בליק. — איך וואָלט מיך געפילט אומגליקלעך, ווען איך וואָלט נישט געווען בכּוח צו וועקן אין אייך אַ חשק. וואָס שייך ווידער דער מעגלעכקייט, בין איך זיכער, געערטער פאָטער, אַז איר זענט יאָ אימשטאַנד דאָס צו טון.

ס'וועט אייך אָנקומען זייער לייכט צו ראַטעווען דעם אָרעמען ברודער. ס'וועט גענוג זיין, ווען איר וועט שענקען דעם גלח לאַ-פּערוק אַכט תּענית-דרשות און פיר אַנדערע דרשות. איר זענט דאָך אַ גלענצנדער בעל-דרשן, און ס'איז פאַר אייך אַ קלייניקייט אָנצושרייבן אַ דרשה. גיט זשע טאַקע אַ שרייב אָן די דרשות, געערטער פאָטער, און וואָס גיכער—אַלץ בעסער. איך אַליין וועל קומען נאָך זיי אין אייער בויד פון הייליקן אינאָסאַן.

דער גלח פּערוק האַלט שטאַרק פון אייך, און ער וועט מסתּמא אָפּשאַצן, אַז צוועלף אייערע דרשות זענען נאָך ווערט אַזוי פיל, וויפיל ס'קאָסט אַן אייזל. אַז ער וועט באַקומען אַ טוץ דרשות, וועט ער צוריקציען די אָנקלאַגע. זאָגט אַליין, עס שפּילט אפשר ביי אייך אַ ראָל אָנצושרייבן אַ טוץ דרשות? איך זאָג אייך צו אָנצושרייבן אָמן ביים סוף פון יעדער דרשה. איך האָב אייער וואָרט—האָט זי צוגעגעבן און אים אַרומגענומען פאַרן האַלז.

— איך זאָג דיר אומבאַדינגט אָפּ,—האָט דער גלח קוואַניאַר געענטפערט מיט אַ שטרענגער שטים און באַפרייט זיין האַלז פון אירע פּראַכטפולע אָרעמס.—די הבטחות, וואָס מ'גיט אַ שיין מיידל זענען בלויז נוגע דעם גוף, עס איז נישט דעריבער קיין חטא צו ברעכן אַ צוזאָג.

זאָלסט דיר גאָרנישט איינרעדן, מיין שיין קעצעלע, אַז איך וועל דיר העלפן באַפרייען דיין באָרדיקן געליבטן פון די הענט פון קאָנסיסטאָר. אויב איך וואָלט שוין יאָ אָנגעשריבן איין, צוויי אָדער אַ גאַנצן טוץ דרשות, וואָלט איך געשריבן וועגן די שלעכטע מאָנאַכן, וואָס זענען אַ חרפּה פאַר דער קירך און זענען ווי ווערים, וואָס פאַראומרייניקן דאָס קלייד פון הייליקן פּיאָטר.

דער ברודער אַנזש איז אַ טויגעניכשט! ער נאַרט אָפּ נאָ-
יווע פרויען און גיט זיי אַנשטאָט רעליקוויעס ביינער פון אַ
ווידער אָדער פון אַ חזיר, וואָס ער האָט פריער אַליין אַרומ-
געביסן מיט אַן עקלדיקער פרעסערישקייט. איך פאַרזיכער דיך,
אַז ער האָט אויפן אייזל פון גלח פּערוק געפירט א פעדער פון
מלאך גבריאלס פליגל, אַ שטראַל פון מאַגיקער-שטערן, און אין
אַ קליין פלעשל האָט ער פאַרשפּאַרט די קלאַנגען, וואָס ס'האָט
אַרויסגעגעבן פון זיך דער גלאָק אין שלמה המלך'ס בית-המקדש.

ער איז אַ שווינדלער, ער נאַרט דיך אָפּ און דו האָסט
אים ליב. אָט האָסטו דריי סבות, פאַרוואָס איך קען אים נישט
ליידן, איך לאָז דיר איבער די ברירה אויסצוקלייבן די שטאַר-
קסטע סבה. ס'איז אפשר נישט אָרנטלעך פון מיין זייט, וואָרים
איך האָב מיך נאָר וואָס געטשעפּעט צו דיר, וואָס פּאַסט לחלוטין
נישט פאַר מיין שטעלונג און יאָרן.

איך פיל זייער שטאַרק די עוולה, וואָס דיינע האַלב-
אויפגעדעקטע ציצעלעך טוען דער קירך פון אונזער האַר ישו
הנוצרי, וועמענס אומווירדיקער מיטגליד איך בין. און דער ביי-
שפּיל פון דאָזיקן קאַפּוצינער נעמט מיך דורך מיט אַזאַ עקל,
אַז ס'האָט מיך איצט באַהערשט אַן אומגעריכטער באַגער זיך
צו פאַרטיפן איבער דעם הייליקן זשאַן קריזאָסטאָם, אַנשטאָט
צו רייבן מיינע קני אָן דיינע, ווי איך טו עס, מיין טייערע,
שוין זינט א פערטל שעה.

וואָרים די תאווה פון זינדיקן דויערט אַ רגע און דער
רום פון אויבערשטן דויערט אייביק. איך האָב קיינמאָל נישט
געהאַט קיין איבערגעטריבענעם באַגריף וועגן דעם חטא פון
קערפער. דאָס וועט מען מיר אַוודאי און אַוודאי מודה זיין.

איך האַלט נישט, ווי למשל דער הייליקער ניקאָדעם, פאַר
אַ שרעקלעכע זינד, אַזאַ נאַרישקייט, ווי שפּילן זיך מיט אַ יונג-
שיין מיידל. איך קאָן אָבער בשום אופן נישט ליידן די נידער-
טרעכטיקייט, די צביעות, דעם ליגנט און יענע בולטע עם-
הארצות, וואָס מאַכט פון דיין ברודער אַנזש אַ פולשטענדיקן
קאַפּוצינער.

וויסן זאָלסטו, מיין טייערע, אַז פאַרברענגענדיק מיט אים מאַכסטו דיך צו שאַנד און צו שפּאָט, וואָרים דו באַקומסט די מאַניערן פון אַן אויסגעלאַסן גאַסן-מיידל, בעת דו ביסט אין דער אמתן באַרופן פריילעך צו מאַכן די מענער און וועקן אין זיי די תאווה. כ'ווייס, אַז דערמיט איז פאַרבונדן אַ סך חרפּה און בושה, אין מיינע אויגן שטייסטו אָבער אַ סך העכער, ווי דער דאָזיקער קאַפּוצינער.

דער דאָזיקער אויסוווּרף נעמט צו ביי דיר דיין ערע, פּונקט ווי ער באַליידיקט דעם רינשטאָק פון דער סען-זשאַק-גאַס, בעת ער וואַשט אין אים זיינע פיס. פאַרטראַכט דיך נאָר איבער די מעשים טובים, וואָס דו וואָלסט דיך געקאָנט מיט זיי אויספּוצן, און אפשר וואָלט איין מצווה געוווּג געווען, אַז ס'זאָלן זיך עפענען פאַר דיר די טויערן פון גן-עדן. אָבער דערפון וועט גאָרנישט ווערן, ווי לאַנג דו וועסט זיך אָפּגעבן מיט דער דאָזיקער חיה.

אויב דו גיסט זיך אפילו אָפּ פון צייט צו צייט דעם אָדער יענעם, וואָרים סוף-כל-סוף קאָן מען דאָך אַנדערש נישט אויסקומען אויף דער וועלט, האָט עס אָבער גאָרנישט צו טון מיט דער אמונה; דו וואָלסט געקאָנט אָ'לעבן דיינע יאָרן אין בטחון און אין מעשים טובים, וואָלסט געקאָנט טון אַ סך צדקה און באַזוכן קראַנקע אין שפּיטאָל.

דו וואָלסט געקאָנט ווערן אַ מנישקע און מיט אַ לויטער הנאה האָבן פון דער שיינקייט פון הימל, וואַסערן, פעלדער און וועלדער, דו וואָלסט יעדן פרימאָרגן, עפענענדיק דאָס פענצטער, געקאָנט לויבן גאָט און זיך צוהערן צום געזאַנג פון די פייגעלעך. דו וואָלסט געקאָנט עולה-רגל זיין צום באַרג פון הייליקן וואַלעריאַן און זיך האַרציק אויסוויינען איבער דיין פאַרלוירענע צניעות, און דער, וואָס לייענט אין מענטשנס האַרצן, וואָלט געזאָגט:

– קאַטערינע איז מיין קינד, און איך דערקען זי נאָך דעם הייליקן פלאַם, וואס איז נאָך נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אין איר האַרצן.

קאַטערינע האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— פּאַטערל, — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ טרוקענער שטים, — איר האָט דאָך געהאַלטן פאַר מיר אַ גאַנצע דרשה.

— דו האָסט דאָך אַליין געוואָלט, אַז איך זאָל דיר אָנשרייבן אַ טוץ דרשות? — האָט דער גלח געענטפערט.

זי האָט זיך אָנגעהויבן צו באַליידיקן:

— היט אייך, פּאַטערל. ס'וועגדט זיך בלויז אין אייך, מיר זאָלן זיין גוטע פריינד אָדער שונאים. איר ווילט אָנשרייבן אַ טוץ דרשות? פאַרטראַכט אייך בעסער, איידער איר גייט מיר געבן אַ תשובה.

— פריילין, — האָט דער גלח קוואַניאַר געזאָגט, — איך בין שוין נישט איינמאָל אין מיין לעבן באַגאַנגען אַ חטא, איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געזינדיקט במזיד.

— איר ווילט נישט? באַשטימט נישט? איין מאָל... צוויי מאָל... איר זאָגט מיר אָפּ?... געדענקט, פּאַטערל, כ'וועל מיך נוקם זיין.

אַ ווײַלע האָט זי זיך געקווענקלט, זי איז געבליבן אָן לשון און זיך אָפּגערוקט פון אים. מיטאַמאָל האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען:

— לאָזט מיך אָפּ! פּאַטער קוואַניאַר, שעמט אייך, אין אייערע יאָרן, איר, אַ גלח! פע! אַ חרפה און אַ בושה. פע!

ווי זי האָט אַזוי געליאַרמט און געמאַכט יעלות, איז גראָד אין דער זעלבער רגע פאַרבייגעגאַנגען די גאַלאַנטערי-הענדלערין פריילין לעקער.

אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה איז זי זיך געגאַנגען מתודה זיין ביים דריטן וויקאַר פון דער קירך פון הייליקן בענוואַ. אַז זי האָט זיי דערזעען, האָט זי מיט עקל אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

דער גלח קוואַניאַר האָט טיף אין האַרצן געמוזט מודה זיין, אַז קאַטערינע האָט גאָר גיך אין אים נקמה גענומען. וואָרים פריילין לעקער האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן אויסגעצייכנט מיט אַזאַ פרומקייט, אַז זי האָט געטאַדלט דעם קלענסטן

חטא אין דער פּאַראַפיע, און זיבן מאָל אין טאָג פלעגט זי שעלטן מיט די ערגסטע קללות די רשעים פון דער גאַס פון היילקן זשאַק, וואָס זענען געווען פאַרטון אין קערפּערלעכער תאווה.

קאַטערינע אַליין האָט זיך אָבער נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, ווי גרויס עס איז געווען איר נקמה. זי האָט באַמערקט די פרײלין לעקער, וואָס איז גראָד פאַרבײגעגאַנגען, זי האָט אָבער נישט געזען מיין פאָטער, וואָס האָט אויך בײגעווױנט די סצענע.

ער איז צוזאַמען מיט מיר געגאַנגען מיטנעמען דעם גלח קוואַניאַר אין דער שענק „אונטערן קלײנעם באַקכוס". מיין פאָטער האָט געהאַט גרויס חשק צו קאַטערינע, קיין שום זאַך האָט אים נישט אַזוי אַרויסגעבראַכט פון געדולד, ווי בעת ער פלעגט זי זען אַרומגערינגלט פון ווילדע בחורים.

ער האָט זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס בנוגע איר אויפפירונג; אָבער וויסן און זען מיט די אײגענע אויגן, דאָס זענען געווען, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, צוויי פאַרשידענע זאַכן.

די געשרייען פון קאַטערינע האָבן גאָר דייטלעך דער-גרייכט צו זיינע אויערן. ער איז פון דער נאַטור געווען היציק און זיך נישט געקאָנט באַהערשן. איך האָב דעריבער מורא באַקומען, ער זאָל אַמאָל נישט אָנזידלען דעם גלח מיט גראָבע און געמיינע רייד.

אָט כאַפּט ער שוין אַרויס זיין קוך-מעסער, וואָס פלעגט אים שטענדיק אַראָפּהענגען פון פאַס, ווי אַן ערן-שווערד, וואָרים ער האָט זיך שטאַרק געגרויסט דערמיט, וואָס ער איז אַ קוכער.

מיין מורא איז בלויז מקוים געוואָרן אויף אַ העלפט. — דער אומשטאַנד, אַז קאַטערינע האָט זיך פאַרהאַלטן ווי אַ צנועה, האָט אים פיל מער פאַרחידושט, ווי אויפגערעגט, און די צו-פרידנקייט, וואָס ער האָט געכאַפּט דעם גלח ביי אַן עבירה האָט איינגעלאָשן זיין כעס.

ער האָט זיך ווילעריש דערנענטערט צו מיין טייערן לע-רער און זיך געווענדעט צו אים אין אַ טאָן פון חוזק:

— פּאָטער קואַניאַר, אַלע גלחים, וואָס פאַרבּרענגען די צייט אין דער געזעלשאַפט פון אויסגעלאַסענע פרויען פאַרלירן זייער צניעות און זייער גוטן נאָמען. און אַזוי טאַקע איז ריכ־טיק, וואָרים די גרעסטע תאווה איז נישט בכוח זיי ריינצווואַשן פון דער חרפה.

קאַטערינע האָט פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון אַ באַליידיקטער צנועה, און מיין לערער האָט גע־ענטפערט מיין פּאָטער מיט אַ ליבלעכן שמייכל:

— דער דאָזיקער געדאַנק, הער לעאָנאַרד, איז אויסגעצייכנט; דערפון איז נאָך אָבער נישט געדרונגען, אַז מען דאַרף אים באַנוצן אומעטום און ביי יעדער געלעגנהייט, ווי ס׳טוט דאָס למשל דער הינקעדיקער שלייפער, וואָס קריצט אויס אויף יעדן קנייפּערל זיין מאָנאָגראַם. איך וויל מיך נישט אַריינלאָזן אין קיין הקירות, צי איך בין ווערט אַ פאַרוואורף אָדער נישט. ציי איז דען ווייניק, ווען איך וועל צוגעבן, אַז איך האָב אפשר יאָ פאַרדינט אַ פאַרוואורף?

ס׳איז נישט איבעריק שיין צו רעדן וועגן זיך, און ס׳וואָלט באמת געווען אין אַ סתירה מיט מיין בושה־געפיל, ווען מ׳וואָלט מיך געצווונגען זיך צו שפּאַרן דווקאָ בנוגע מיין אייגענער פּער־זאָן. אָט וואָלט איך אייך למשל געקאָנט ברענגען אַ ביישפּיל פון גאָטספאָרכטיקן ראָבּערט ד׳אַבּריסעל, וואָס פלעגט אָפט פאַר־ברענגען אין דער געזעלשאַפט פון אויסגעלאַסענע מיידלעך, און נישט געקוקט דערויף האָט ער אַ סך פאַרדינסטן פאַר דער אמונה. כ׳וואָלט אייך געקאָנט ברענגען אַלס משל די מעשה מיטן הייליקן אברהם, דער איינזאַמער נזיר פון סיריע, וואָס האָט נישט מורא געהאַט איבערצונעכטיקן אין אַ שאַנד־הייזל.

— ווער איז עס דער הייליקער אברהם? — האָט מיין פּאָטער געפרעגט. זיינע געדאַנקען זענען אין דער רגע מיט עפּעס אַנ־דערש געווען פאַרנומען.

— לאָמיר זיך אַוועקזעצן לעבן דער טיר פון אייער שענק, — האָט געזאָגט מיין לערער, — ברענגט אַרויס אַ לאָגל ווייַן, און איך וועל אייך פאַרציילן די געשיכטע פון דאָזיקן הייליקן מאַן

וואָרט ביי וואָרט, נענוי ווי עס גיט זי איבער דער הייליקער אפרים אַליין.

מיין פאָטער האָט מסכּים געווען, מיר האָבן זיך זאַלבע־דריט אַוועקגעזעצט לעבן דער שענק, און מיין גוטער רבי האָט אָנגעהויבן צו פאַרציילן:

„דער הייליקער אברהם האָט אויף די עלטערע יאָרן געפירט אַן איינזאַם לעבן אין דער מִדְבָּר און געוווינט אין אַ קליין הייזל. מיטאַמאָל איז זיין ברודער געשטאָרבן. און איבערגעלאָזט אַ טאָכטער, אַ גרויסע יפת־תּואַר, מיטן נאָמען מאַריע. זייענדיק זיכער, אַז דאָס לעבן, וואָס ער פירט, וועט אויך זיין פּאַסיק פאַר זיין ברודערן־טאָכטער, האָט דער הייליקער אַברהם אויסגעבויט נישט ווייט פון זיין געצעלט אַ קליין קעמערל, און דורך אַ קליין פענצ־טערל, וואָס ער האָט אויסגעבויערט אין קעמערל, האָט ער זי געלערנט, ווי אַזוי צו גיין אין גאָטס דרָכים.

„ער האָט געזעען, אַז זי זאָל פאַסטן תּעניתים, מתפּלל זיין צו גאָט און זינגען קאַפּיטלעך תּהלים.

„אַנומלט האָט אַ מאַנאַך, מסתּמא איז דאָס געווען אַן איבערגעקליידעטער מאַנאַך, זיך אַריינגעגנבעט צו איר אין קאַמער אַריין, בעת דער הייליקער אַברהם איז געווען פאַרטיפט אין זיינע באַטראַכטונגען איבער די הייליקע ספרים. ער האָט זי געבראַכט צו אַן עבירה, און די יונגע בתולה האָט אַזוי געזאָגט:

— אין גאָטס אויגן בין איך שוין געשטאָרבן, עס וועט דעריבער זיין בעסער, אויב איך וועל אַוועק אין אַזעלכע מקומות, וווּ קיינער קען מיך נישט.

„זי האָט פאַרלאָזט איר קאַמער און איז אַוועק אין דער שכנותדיקער שטאָט עדעס; דאָרט זענען געווען תּאַווה־דיקע גאָרטנס און שפּרודלנדע פאָנטאַנען, און אַפילו ביים היינטיקן טאָג איז עדעס איינע פון די שענסטע שטעט אין סיריע.

„בינו לבינו איז דער הייליקער געווען אַלץ פאַר־

טיפט אין זיינע פרומע רעיונות. זיין ברודערן-טאָכטער איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען זינט עטלעכע טעג, בעת אַנומלט האָט ער אויפגעעפנט זיין קליין פענצטערל און אַ פרעג געטון:

„— מאַריע, פאַרוואָס זינגסטו נישט מער די קאַפּיט-לעך תהלים, וואָס דו האָסט פריער אַזוי שיין געזונגען?

„און אַזוי ווי ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער, האָט ער זיך אָנגעשטויסן דעם אמת און אַ געשריי געטון:

„— אַ מוראדיקער וואָלף האָט פאַרצוקט מיין לעמעלע!

„גאַנצע צוויי יאָר האָט ער געפירט אַן איינזאַם, מרה-שחורהדיק לעבן אין מדבר, ביז ער איז מיטאַמאָל געוווּיר געוואָרן, אַז זיין ברודערן-טאָכטער פירט אַן אויס-געלאַסן לעבן. ער האָט באַשלאָסן צו האַנדלען פאָרזיכטיק און געבעטן אַ פריינד זיינעם ער זאָל אַהינגיין אין שטאָט און געוווּיר ווערן, וואָס עס איז געשעען מיט איר.

„גאָר אינגיכן האָט אים זיין פריינד צו וויסן גע-געבן, אַז זיין ברודערן-טאָכטער פירט טאַקע אַן אויסגע-לאַסן לעבן. דערהערנדיק דאָס האָט דער הייליקער מאַן געבעטן זיין פריינד אים אויסצובאָרגן אַ ריטער-אַנצוג און אַ פערד; דאָס פנים האָט ער פאַרשטעלט מיט אַ גרויסן הוט, כדי מען זאָל אים נישט דערקענען, און ער איז אַוועק אין דער וווינונג, וווּ זיין ברודערן-טאָכטער האָט געוווינט.

„אַזוי ווי זי האָט זיך אָבער צו אים נישט באַוויזן, האָט ער זיך געווענדעט צום ווירט און געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט תאַווהדיק געשמייכלט:

„— מיין הער, כ'האָב געהערט, אַז איר האָט דאָ אַ שיין מיידל. צי וואָלט איך זי נישט געקאָנט זעען?

„דער ווירט, וואָס איז געווען זייער העפלעך צו זיינע געסט, האָט זי געהייסן רופן, און מאַריע האָט זיך באַוויזן אין אַ קאָכטיום, וואָס האָט לויט די רייד פון הייליקן אפרים עדות געזאָגט אויף איר אויסגעלאַסן לעבן.

און קוקנדיק אויף איר איז דער הייליקער אברהם באַ־הערשט געוואָרן פון אַ טיפן טרויער.

„ער האָט אָבער נישט געקוקט דערויף געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ פרייליכן און געהייסן צוגרייטן אַ פיין מיטאָג. יענעם טאָג איז מאַריע געווען אין אַ פינצטערער, אומעטיקער שטימונג.

„נישט אַלעמאָל איז עס אַזוי אָנגענעם צו פאַרשאַפן יענעם פאַרגעניגן, בעת מ׳האָט אַליין נישט דעם מינדעסטן חשק דערצו. און דער אָנבליק פון דאָזיקן זקן, וואָס איז איר אינגאַנצן געווען אומבאַקאַנט, וואָרים ער האָט נישט אַראָפּגענומען זיין הוט, איז לחלוטין נישט עלול געווען זי אַריינצוברענגען אין אַ פריילעכער שטימונג.

„דער ווירט האָט איר געמאַכט אַ פאָרוואורף, פאַר־וואָס זי נעמט אַזוי שלעכט אויף דעם גאַסט, וואָס איז דאָך קעגן די פליכטן פון איר פראָפעסיע; זי האָט אָבער דערויף געענטפערט מיט אַ שווערן זיפץ:

— הלוואַי וואָלט מיך גאָט צוגענומען צו זיך מיט דריי יאָר צוריק!

„דער הייליקער אַברהם האָט אַרויפגענומען אויף זיך די ראָל פון אַן עלעגאַנטן קאַוואַלער און געזאָגט:

— טאָכטער מיינע, איך בין אַהער געקומען נישט כּדי צו קלאָגן אויף דיינע חטאים, נאָר צו געניסן פון דיין ליבע.

„און בעת דער ווירט האָט אים איבערגעלאָזט אַליין מיט מאַריען האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהערט צו שפּילן די קאָמעדיע, ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— טאָכטער מיינע, מאַריע, צי דערקענסטו מיך שוין מער נישט? צי בין איך דען נישט אברהם, וואָס איז צו דיר געווען אַ צווייטער טאַטע.

„ער האָט זי גענומען פאַר דער האַנט און אַ גאַנצע נאַכט זי געטרייסט און צוגערעדט תשובה צו טון. ער

זאָל נאָך פאַרן טויט האָבן אַ ידיעה אין דער מענטשלע־כער געשיכטע.

„עס זענען אַוועק ווייטער פינף יאָר, און דער סעק־רעטאַר איז ווידער געקומען אין קיניגלעכן פּאַלאַץ, ער האָט זיך געשלעפּט אויף קוליעס, און געהאַלטן פאַר דער צוים אַן אייזל, באַלאָדן מיט אַ דיק ספר.

— „איילט אייך צו, — האָט זיך צו אים געווענדעט אַן אָפיציר פון דער קיניגלעכער גוואַרדיע, — דער קיניג ליגט אויפן טויטן־בעט.

„און דער מלך איז טאַקע אין דער אמתן געלעגן אויפן טויטן־בעט. ער האָט געווענדעט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן צום געלערטן און צו זיין דיק ספר, און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

„— ווייזט אויס, אַז מיר איז שוין באַשערט צו שטאַרבן און נישט באַקענען זיך פריער מיט דער געשיכטע פון די מענטשן!

— אייער מאַיעסטעט, — האָט דער געלערנטער גע־ענטפערט; ער אַליין האָט זיך אויך קוים געהאַלטן אויף די פיס. — איך וויל אייך רעזיומירן די געשיכטע אין דרי ווערטער: זיי זענען געקומען אויף דער וועלט, זיי האָבן געליטן, און געשטאָרבן.

„אויף אַזאַ אופן האָט דער פערסישער קיניג אין דער לעצטער רגע פון זיין לעבן זיך באַקאָנט מיט דער מענטשלעכער געשיכטע.

III

די מיניסטאָרן פון דער מלוכה

(המשך און סוף)

יענעם טאָג זענען מיר געוואָרן שטאַרק איבערראַשט. מיין לערער און איך, בעת מיר האָבן ביים בוכהענדלער ה׳ בלעזאָ באַגעגנט אַ קליין, מאָגער מענטשעלע, וואָס איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער באַרימטער פּאַמפלעטיסט זשאַן איבו. מיר האָבן צוליב אַ סך סיבות געגלויבט, אַז ער געפינט זיך אין דער באַסטיליע, ווו ער פלעגט געוויינטלעך פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן.

פון ערשטן אויגנבליק איז אים אַפילו שווער געווען צו דערקענען, וואָרים אויף זיין פנים האָט גערוט דער טונקעלער שאָטן און די פייכטקייט פון די קאַזאַמאַטן.

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט ער געבלעטערט די פּאָליטישע שריפטן, וואָס זענען נאָר וואָס אָנגעקומען פון האָלאַנד, און דער בוכהענדלער האָט נישט אַראָפּגענומען פון אים זיין אומרויק אויג.

דער גלח זשעראָם קואַניאַר האָט פאַר אים אַראָפּגענומען דעם הוט מיט אַ סך באַטירלעכן רייץ, און די דאָזיקע באַגריסונג וואָלט אויסגעפאַלן פיל שענער, ווען דער הוט פון מיין לערער וואָלט נישט געוואָרן שטאַרק צעקנייטשט בעת אַ קליינער מחלוקה דעם פאַרגאַנגענעם אָוונט אין דער שענק „אונטערן קלייגעם באַקכוס.“

דער גלח קואַניאַר האָט אויסגעדריקט זיין פרייד, וואָס ער האָט די זכיה צו זעען אַזאַ אָנגעזעענעם מאַן.

— איך וועל שוין סיי-ווי-סיי דאָ נישט לאַנג פאַרבלייבן,— האָט זשאַן איבו געענטפערט.—איך פאַרלאָז דאָס לאַנד, ווו מען לאָזט מיך נישט צורו, איך בין נישט מער אימשטאַנד צו אָטע-מען די פאַרפעסטעטע לופט פון דער דאָזיקער שטאָט. אין אַ חודש אַרום וועל איך מיך באַזעצן אין האָלאַנד.

עס איז שווער איבערצוטראָגן פריער די הערשאַפט פון אַ דיובואַ *) און דערנאָך פון אַ פלערי *), און איך בין צופיל אָרנטלעכער מענטש כדי צו פאַרבלייבן אַ פראַנצויז. אונזער רעגירונג שטיצט זיך אויף שלעכטע יסודות און איבער אונז רעגירן שוטים און אויסוואורפן. איך קאָן עס שוין לענגער נישט איבערטראָגן.

—אמת איז,—האָט מיין לערער געענטפערט,—אַז די מלוכה-ענינים געפינען זיך אין אַ שלעכטן מצב און אומעטום איז פאַראַן אַ סך גנבים. נאַראָנים, טפשים און שלעכטע מענטשן האָבן זיך צעטיילט מיט דער מאַכט, און אפשר וועט מיר אַמאָל אויס-קומען אָנצושרייבן אַ קליין ביכל וועגן דער מלוכה-פּאָליטיק, אָט למשל אין דער פאָרם פון דעם אַפּאָקאָלאָקינטאָס פון פי-לאָזאָף סענעקאַ אָדער לויטן מוסטער פון אונזער מעניפּע **), וואָס איז לויט מיין געשמאַק.

---

*) קאַרדינאַל דיובואַ איז געווען מיניסטער בעת דער רעגענץ פון פירשט פון אָרלעאַן, ווען לואי דער פופצנטער איז נאָך געווען מינדעריעריק. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט נידריקע חיהשע אינ-סטינקטן, שרעקלעך פאַרהאַסט ביים פאָלק. נישט ווייניקער פאַרהאַסט איז געווען זיין נאָכפאָלגער קאַרדינאַל פלערי, דער מיניסטער פון לואי דעם פופצנטן. ער האָט אַרויפגעלייגט אומגעהייערע שטייערן אויף די פויערן און זיי באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער אַכזריות. (באַמ. פון איבערזעצער)

**) מעניפּע — אַ באַרימטער פּאַמפלעט פון סוף זעכצנטן יאָר-הונדערט, וואָס האָט אין אַן אויסערגעוויינלעך בייסנדער שפּראַך אָנגעגריפן די „קאַטוילישע ליגע" אין פראַנקרייך. (באַמ. פ. איבערז.)

דער לייכטער און וויציקער זשאַנר איז אין דעם פאַל אַ סך פּאַסיקער, ווי דער טרוקענער סטיל פון אַ טאַציט אָדער די מאַטערנדיקע ערנסטקייט פון אַ דע טו. איך וואָלט די דאָזיקע פּאַמפלעטן געשריבן אין גייסט פון פילאָזאָפישן ביטול צו דער מענטשהייט און זיי אַרויסגעגעבן אין דער פאָרם פון אַ טאַשן-אויסגאַבע, וואָס מ׳וואָלט לייכט געקאָנט באַהאַלטן אונטערן מאַנטל.

די מענטשן, וואָס שטייען ביים רודער פון דער מאַכט, וואָלטן אין גרעסטן טייל פאַלן אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס; איך גלויב אָבער, אַז אייניקע פון זיי וואָלטן אפשר טיף אין האַרצן הנאה געהאַט, וואָס כ׳האָב זיי געשטעלט צום שאַנדסלופּ.

די דאָזיקע רייד מיינע שטיצן זיך אויפן סמך פון דעם, וואָס איך האָב געהערט פון אַ געוויסער הויכגעשטעלטער דאַמע אין סעי, בעת איך בין געווען ביבליאָטעקאַר פון דאָרטיקן בישאָף. זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו עלטערן, אָבער אין איר האַרצן האָבן נאָך געשלומערט זכרונות פון איר הפקרדיק און אויסגעלאַסן לעבן אין דער יוגנט.

און וויסן דאַרפט איר, אַז אין משך פון צוואָנציק יאָר איז זי געווען די בעסטע און געזונטעסטע קלאַטשע אין גאַנץ נאָרמאַנדיע.

און אַז איך האָב זי געפרעגט, וואָסער תאווה האָט איר פאַרשאַפן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אין דער וועלט, האָט זי מיר געענטפערט:

— דאָס גרעסטע פאַרגעניגן פלעג איך האָבן, ווען מ׳האָט מיך באַרעדט און געשטעלט צום שאַנדסלופּ פאַר מיינע אויסגעלאַסענע שטיק.

דער דאָזיקער ענטפער האָט מיך איבערציינגט, אַז זי האָט אַן איבערקלייבערישן געשמאַק. איך בין מיך משער, אַז ס׳וועט זיך נאָך געפינען צווישן אונזערע מיניסטאָרן איינער, וואָס וועט וויסן ווי אָפּצושאַצן מיין ווערק, און אויב איך וועל אַמאָל שרייבן קעגן זיי, וועל איך עס טון מיט דער כוונה, כדי די-

סקרעט זיי צו חנפענען פאַר זייערע פאַרברעכנס און שענדלעכע מעשים.

מ׳דאַרף טאַקע נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער די פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ שיינעם איינפאַל. אַט וועל איך טאַקע שוין בעטן דעם ה׳ בלעזאַ אַ בויגעלע פּאַפּיר, כדי אָנצושרייבן דאָס ערשטע קאַפּיטל פון דער נייער מעניפּע.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום ה׳ בלעזאַ, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרחידושט פון זיינע רייד, ה׳ זשאַן איבו האָט אים אָבער מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— באַהאַלט בעסער, געערטער גלח, — האָט ער געזאָגט צו אים, — דעם דאָזיקן שיינעם פּראָיעקט פאַר האָלאַנד און פאַרטמיט מיר קיין אַמסטערדאַם, ווו איך וועל פאַר אייך אויסזוכן עפּעס אַ באַשעפטיקונג ביי אַ לימאָנאַדן-פאַבריקאַנט אָדער ביי אַ באָד-באַזיצער. דאָרט וואָלט איר געווען פריי; דאָרט וואָלט איר געקאָנט אין משך פון איין ניקע נעכט אָנשרייבן אייער מעניפּע ביי איין עק פון טיש, בעת איך וואָלט ביים אַנדערן עק טיש פאַרפאַסט מיינע פּאַמפלעטן.

אונזערע פּאַמפלעטן וועלן זיין בייסיק און גיפטיק, און ווער ווייס, צי מיר וועלן מיט אונזערע שריפטן נישט גורם זיין צו אַ פולשטענדיקער איבערקערעניש אין דער מאָנאַרכיע.

די פּאַמפלעטיסטן האָבן אַ סך אַ גרעסערן חלק אינם אונטערגאַנג פון די מלוכות, ווי מ׳שטעלט זיך עס אין אַלגעמיין פאָר, זיי גרייטן צו די קאַטאַסטראָפעס, וואָס ווערן אויסגעפירט פון די צעבונטעוועטע פעלקער.

— וואָס פאַראַ נצחון וואָלט דאָס געווען — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ קול, וואָס האָט זיך אַרויסבאַקומען פון צווישן זיינע שוואַרצע ציין צוזאַמען מיט אַן עפּושדיקן ריח פון מויל, — ווי וואָלט איך מיך געפרייט, ווען מיר וואָלט געלונגען אומצוברענגען איינעם פון די מיניסטאָרן, וואָס האָבן מיך איינגעזעצט אין דער באַסטיליע! צי וואָלט איר, געערטער פאָטער, נישט געוואָלט צושטיין צו אַזאַ שיינער אַקציע?

— בשום אופן נישט, — האָט געענטפערט מיין טייערער

מייסטער.—איך וואָלט געהאַט דאָס ערגסטע עגמת-נפש, ווען איך וואָלט גורם געווען אַן ענדערונג אינם הערשנדן רעזשים, און אויב מיין אַפּאָקאָלאָקינטאָס אָדער מעניפּע וואָלטן גע־בראַכט צו אַזאַ רעזולטאַט, וואָלט איך זיי אינגאַנצן נישט בדעה געהאַט אָנצושרייבן.

— וואָס! —האָט דער פּאַמפלעטיסט אַ פאַרחידושטער אויס־געשריגן. — צי האָט איר מיר נישט געזאָגט מיט אַ רגע פריער, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג איז אַ שלעכטע?

—אמת — האָט דער גלח געענטפערט, — איך וויל אָבער באַכטן דעם ביישפּיל פון יענער זקנה פון סיראַקוז, וואָס פלעגט אין די צייטן פון אַכזריותדיקן דיאָניז טאָגטעגלעך גיין אין טעמפּל אַריין כדי צו בעטן פאַרן געזונט פון טיראַן.

אַז דיאָניז איז געוווּיר געוואָרן פון איר אויסטערלישער פרומקייט, האָט ער געוואָלט זיך דערוויסן די סיבות פון אַזאַ האַנדלונג. ער האָט איר געהייסן קומען צו זיך און זי אָנגע־הייבן אויסצופרעגן.

— איך בין שוין מער נישט יונג, —האָט זי געענטפערט.— און איך האָב שוין געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון אַ סך טיראַנען. איך פלעג מיך שטענדיק איבערצייגן, אַז נאָך אַ שלעכטן מושל איז געקומען נאָך אַ גרעסערער אַכזר, דו ביסט דער שרעקלעכסטער טיראַן, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אין לעבן. איך בין דעריבער געקומען צום אויספיר, אַז דיין יורש, אויב דאָס איז מעגלעך, וועט זיין פשוט אַ פאַרזעעניש, און דעריבער בין איך מתפלל צו גאָט, אַז דיין יורש זאָל קומען וואָס שפּעטער.

די דאָזיקע זקנה, געערטער זשאַן איבו, איז געווען גאָר נישט קיין נאַרישע פרוי, און איך האַלט, פונקט ווי זי, אַז ס׳איז פיל גלייכער פאַר די שעפסן זיך צו לאָזן שערן פון זייער אַלטן פאַסטוך, אויס מורא, אַז זיין אָרט זאָל אַמאָל נישט פאַרנעמען אַן אַנדערער, וואָס וועט אָפּשינדן פון זיי די וואָל צוזאַמען מיט דער הויט.

ביי די רייד איז ה׳ זשאַן איבו געוואָרן שטאַרק אין כעס און ער האָט גענומען רעדן מיט גרויס פאַרביטערונג:

— וואָס פאַראַ פּחדנותדיקע און פאַרברעכערישע רייד! וואָס פאַראַ אומווירדיקע געדאַנקען! יאָ, געערטער פאָטער, אייך גייט זייער ווייניק אָן די טובה פון פאָטערלאַנד און איר פאַרדינט באמת נישט מ׳זאָל אייך באַפּוצן מיטן קראַנץ פון דעמבענע בלעטער, וואָס די דיכטער האָבן צוגעזאָגט פאַר אָרנטלעכע בירגער!

ס׳וואָלט געפּאַסט פאַר אייך, אַז איר זאָלט געבוירן ווערן צווישן ווילדע פּראים, צווישן טערקן, אַלס שקלאַף פון אַ זשענגיסקאַן אָדער פון אַ באַיאַזעט, איידער אין אייראָפּע, וווּ מ׳לערנט די פּרינציפּן פון עפנטלעכן רעכט און פון דער פילאָזאָפיע. און איר ווילט גאָר טראָגן אויף זיך די משא פון אַ שלעכטער רעגירונג און אפילו נישט האָבן דעם מינדעסטן פאַרלאַנג עפּעס צו ענדערן!

אַזעלכע באַגריפן און געפילן וועלן אין מיין רעפּובליק באַשטראָפט ווערן לכל-הפּחות מיט אַרויסשיקן פון לאַנד. יאָ, געערטער גלח, אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס ווערט איצט פון מיר באַאַרבעט און שטיצט זיך אויף די מאַקסימען פון אַלטערטום, וועל איך אַריינשטעלן אַ ספּעציעלן אַרטיקל וועגן אַ עטראָף פאַר אַזעלכע שלעכטע בירגער, ווי איר זענט. איך וועל ווי צום שטרענגסטן באַשטראָפן די, וואָס וועלן זיין בכח צו פאַרבעסערן די מלוכה-אָרדנונג און עס נישט טון.

— אָ! אָ! — האָט דער גלח זיך הויך צעלאַכט, — איך האָב גאָרנישט קיין חשק צו ווױנען אין אייער נייער מלוכה. פון אייער רייד קום איך צום אויספיר, אַז קיינער וועט אין אייער רעפּובליק נישט זיין פריי.

דערויף האָט ה׳ זשאַן איבו געענטפערט.

— אין מיין מלוכה וועלן אַלע מוזן זיין צניעותדיק.

— אַהאַ! — האָט דער גלח זיך אָנגערופן, — איצט זע איך שוין אייך, אַז יענע זקנה פון סיראַקוז איז געווען גערעכט,

מורא האָבנדיק, אַז נאָך דער הערשאַפט פון דיובוא און פלערי זאָל נישט קומען די ממשלה פון אַ זשאַן איבו!

איר זאָגט מיר צו, טייערער איבו, גאָלדענע גליקן פון אַ רעגירונג פון דעספּאָטן און צבועקעס, און כדי אייער הבטחה זאָל מקוים ווערן, לאָדט איר מיך איין, כ'זאָל ווערן אַ לימאָנאַד-פאַרקויפער אָדער אַ בעדער לעבן איינעם פון די אַמסטערדאַמער קאַנאַלן? אַ יישר כוח אייך!

איך וויל ליבער פאַרבלייבן אויף דער גאַס פון הייליקן זשאַק, ווו מ'קאָן נאָך באַקומען אויסצוטרינקען אַ כוס פרישן וויין און זידלען די מיניסטאָרן. צי גלויבט איר טאַקע, אַז אייך וועט געלונגען מיך צו פאַרפירן מיטן מיראַזש פון אייער רעגירונג פון אָרנטלעכע לייט, וואָס צוימט אַרום די פרייהייט מיט אַזוי פיל פאַרבאָטן, אַז מ'וועט קוים קענען כאַפּן דעם אָטעם?

— טייערער פּאָטער, — האָט זשאַן איבו זיך אָנגעהויבן צו היצן,— ווי קאָנט איר אָנפאַלן אויף מיין פּאָליציי-סיסטעם, וואָס איך האָב באַאַרבעט אין באַסטיליע, בעת ער איז אייך אינגאַנצן אומבאַקאַנט?

— מיין הער, — האָט מיין טייערער לערער געענטפערט, — איך האָב קנאַפּ צוטרוי צו אַ רעגירונגס-סיסטעם, וואָס שטיצט זיך אויף אינטריגעס און דער קראַפט פון דער פויסט.

די אָפּאָזיציע איז זייער אַ שלעכטע רעגירונגס-שולע און דז קלוגע פּאָליטיקער, אויב זיי נעמען זיך שוין יאָ צו אַזעלכע מיטלען, בפרט ווען זיי ווילן באַקומען די מאַכט, באַמיען זיי זיך מיט אַלע כוחות צו רעגירן מיט דער הילף פון פּרינציפּן, וואָס זענען פּונקט דער היפך פון די אמתן, אין וועלכע זיי האָבן געגלויבט אין די צייטן פון זייער אָפּאָזיציע.

דאָס דאָזיקע האָט זיך באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזן אין כינע און אויך ערגעץ אַנדערש. דערצו צווינגען זיי די זעלבע בויטוועניקע סבות, וואָס האָבן געהאַלטן אין קלעם זייערע פאָרגייער. בעת זיי קומען צו דער מאַכט ברענגען זיי בלויז מיט מיט זיך זייער אומדערפאַרנקייט.

אָט דאָס, מיין הער, איז איינע פון די סבות, וואָס צווינ-

געגן מיך זיך צו האַלטן ביי דער מיינונג, אַז אַ נייע רעגירונג איז אַלעמאָל ערגער פון דער פריערדיקער, הגם אין תוך געגומען זענען זיי ביידע ווערט דעם טייוול. צי האָבן מיר דען דאָס נישט געפילט אויף אונזער אייגענער הויט?

— איר זענט אַלזאָ אַן אָנהענגער פון מיסברויכן? — האָט ה' זשאַן איבו געפרעגט.

— אָט טאָקע דאָס מיין איך,—האָט מיין רבי געענטפערט,— די רעגירונגען זענען ווי ווייַן, וואָס ווערט מיט דער צייט לויטערער און זיסער. די גאָר דעספּאָטישע רעגירונגען פאַרלירן מיט דער צייט זייער שאַרפקייט. דערפאַר האָב איך שטאַרק מורא פאַר אַ מאָנאַרכיע, בעת זי געפינט זיך אין איר ערשטן בלויונגס-פעריאָד.

מיך שרעקט אויך אָפּ די נייגעבוירענע רעפּובליקאַנישע צניעות. און אַזוי ווי אונז איז שוין סיי-ווי-סיי באַשערט צו האָבן אַ שלעכטע רעגירונג, וויל איך ליבער די פּרינצן און מיניסטאָרן, וואָס זייער אַמאָליקער פייער איז שוין לאַנג אויסבעלאָשן געוואָרן.

ה' זשאַן איבו האָט טיף אַראָפּגערוקט דעם הוט אויף דער נאָז און אַן אויפגערעגטער זיך מיט אונז געזעגנט.

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ה' בלעזאָ אויפגעהויבן זיינע אויגן פון די רעגיסטערס און צו רעכט מאַכנדיק זיך די ברילן, האָט ער זיך געווענדעט צו מיין לערער:

— איך בין שוין ברוך-השם אַ בוכהענדלער אַן ערך פערציק יאָר, און דאָך באַהערשט מיך אַלעמאָל אויפסניי אַ גרויסע פרייד, בעת איך הער די שמועסן פון די קלוגע לייט, וואָס קומען אַריין צו מיר אין קראָם. איך האָב אָבער פיינד פּאָליטישע דיסקוסיעס. אין אַזעלכע פאַלן רעגט מען זיך בלויז אויף און מ'אַמפּערט זיך אומזיסט.

— דאָס נעמט זיך דערפון,—האָט מיין לערער געענטפערט —וואָס אין די דאָזיקע ענינים איז נישטאָ קיין פעסטע, סאָלידע יסודות.

— עס איז אָבער לכל-הפחות פאַראַן איין פּרינציפּ, — האָט

ה׳ בלעזאָ דער בוכ־ענדלער ווייטער גערעדט,—וואָס מ׳קאָן בשום אופן נישט אָפּפרעגן: אַ שלעכטער קריסט און אַ שלעכטער פראַנצויז וואָלט געווען דער, וואָס וואָלט געלייקנט אין דער ווונדערבאַרער ווירקונג פון דער הייליקער בוימאייל־כלי פון ריימס.

אונזערע מלכים, געזאַלבט מיט דעם דאָזיקן בוימאייל, זענען די ערדישע פאָרשטייער פון ישו הנוצרי אין דער פראַנצויזישער מדינה. אָט דאָס איז דער יסוד פון דער מאָנאַרכיע, וואָס וועט קיינמאָל נישט איינפאַלן.

IV

די מיסיסיפּי־אַפּערע

ווי באַקאַנט האָט דער פּאַריזער פּאַרלאַמענט זיך באַשעפ־טיקט אין יאָר 1722 מיט דער מיסיסיפּי־אַפּערע, וואָס אין איר זענען געווען פאַרמישט צוזאַמען מיט די דירעקטאָרן פון דער געזעל־שאַפט, אַ מיניסטער, דער סעקרעטאַר פון קיניג און אייניקע פּראָווינציעלע אינטענדענטן.

די געזעלשאַפט איז באַשולדיקט געוואָרן אין איבערקויפן די קיניגלעכע אָפיצירן, און די איבריקע באַאַמטע זענען באַ־גאַנגען אַ ריי מיסברויכן, אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג ביי מענטשן, וואָס שטייען ביים רודער פון אַ שוואַכער רעגירונג. און זיכער איז, אַז אין יענער עפּאָכע זענען אַלע רעגירונגס־אָרגאַנען גע־ווען דורכגעפוילט און זייער שלעכט פונקציאָנירט.

מאַדאַם דע לאַ מאַראַנזשער, די פרוי פון אייגעם פון די דירעקטאָרן איז געגומען געוואָרן אויף אַ פאַרהער אין גרויסן זאַל פון פּאַרלאַמענט; זי האָט דערקלערט, אַז אַ געוויסער לעסקאָ, סעקרעטאַר פון אויספאָרשונגס־ריכטער האָט זי בסוד־סודות איינ־געלאַדן קיין שאַטלע און ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז בלויז פון איר וועגדט זיך עס צו ראַטעווען איר מאַן.

ער האָט זיך צו איר געווענדעט מער ווייניק אין די רייד:

— מאַדאַם, די אמתע גוטע פריינד פון דער מאָנאַרכיע פאַרדריסט איער שטאַרק, וואָס אין דאָזיקן פּראָצעס זענען נישט

פאַרמישט קיין זשאַנסעניסטן*). די זשאַנסעניסטן זענען שׂונאים סיי פון דער קרוין און סיי פון דער רעליגיע. גיט אונז, מאַדאַם, די מעגלעכקייט אומצוברענגען איינעם פון זיי; מיר וועלן וויסן, ווי אָפּצושאַצן אייערע פאַרדינסטן לטובת דער מלוכה, און באַפרייען אייער מאַן, ווי אויך צוריקקערן אים זיין גאַנץ קאָנפיסקירט פאַרמעגן."

אַז מאַדאַם דע לאַ מאַראַנזשער האָט געענדיקט איר עדות זאָגן, וואָס האָט לחלוטין נישט באַדאַרפט באַקאַנט ווערן אין דער עפנטלעכקייט, איז דער פרעזידענט פון פאַרלאַמענט געצוווּנגען געווען אַרויסצורופן צו זיך דעם הער לעסקאַ.

לכתחלה האָט יענער געפּרוּווט לייקענען. מאַדאַם דע לאַ מאַראַנזשער האָט אָבער געהאַט אַזעלכע וווּנדערבאַר-שיינע אויגן. אַז דער סעקרעטאַר איז נישט בכּוח געווען אויסצוהאַלטן איר בליק.

ער איז צעטומלט געוואָרן און זיך מודה געווען. ער איז געווען זייער אַ מיאוסער פאַרשוין, אַ הויכער, אַ רויטהאָריקער, ענלעך צו יהודה איש קריות.

די דאָזיקע אַפערע איז אַלגעמיין באַקאַנט געוואָרן אַדאַנק די צייטונגען און איז געוואָרן די סענסאַציע פון פּאַריז. מ׳פלעגט רעדן וועגן דאָזיקן פּראָצעס אין די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען און אויף די בולוואַרן, ביים שערער און ביים לימאָנאַד-פאַרקויפער. און אומעטום האָט מאַדאַם דע לאַ מאַראַנזשער געוועקט אַ סך סימפּאַטיע, בעת לעסקאַ האָט זיך באַגעגנט מיט אַן אַלגעמיינער פאַראַכטונג.

דער אַלגעמיינער אינטערעס צום דאָזיקן פּראָצעס איז נאָך געווען גענוג גרויס, בעת איך האָב אָנגעטלט אין דער געזעלשאַפט פון מיין מייסטער, גלח זשעראָם קואַניאַר, באַזוכט

---

*) אַ קריסטלעכע סעקטע, אַנטשטאַנען אין האָלאַנד. זי האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער אין פראַנקרייך. דער באַרימטער פראַנצויזישער געלערנטער און מאַטעמאַטיקער, פּאַסקאַל, איז אויך געווען אַ זשאַנסעניסט (באַמ. פון איבערזעצער).

דעם בוכהענדלער בלעזאָ, וואָס האָט, ווי באַקאַנט, אַ בוכהאַנד־לונג אויף דער גאַס פון הייליקן זשאַק.

מיר האָבן דאָרט באַגעגנט דעם ה׳ זשאַנטיל, פּריוואַט־סעק־רעטאַר פון מיניסטער, פאַרטיפט אין אַ בוך, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון האָלאַנד, און דעם באַרימטן ה׳ ראַמאַן, וואָס האָט פאַרפאַסט אַ ריי ווערטפולע ביכער וועגן דער מלוכה. דער אַלטער בלעזאָ איז געשטאַנען הינטערן בופעט און געלייענט אַ צייטונג.

דער גלח זשעראָם קוּאַניאַר האָט זיך גאָר נאָענט צו אים צוגערוקט, כדי צו כאַפּן אַ בליק אין דער צייטונג און נאַשן אַ פּאָר ידיעות, נאָך וואָס ער איז געווען שטאַרק להוט. דער דאָזיקער נישט דורכשניטלעכער און קלוגער מאַן האָט נישט פאַרמאָגט זיין אייגנס קיין גראָשן. טאָמער פלעגט ער נאָך אַמאָל אויסטרינקען אַ גלעזעלע ווייַן אין „קליינעם באַקכוס״, איז אים אין קעשענע נישט פאַרבליבן אַפילו קיין איין סו אויף צו קויפן אַ בלאַט.

בעת ער האָט איבערגעלייענט דאָס עדות זאָגן פון מאַדאַם דע לאַ מאָראַנזשער, האָט ער אויסגערופן, אַז ס׳איז זייער גוט און עס טוט אים שטאַרק הנאה צו זען, ווי דער טורעם פון לאַנגיעריקע עוולות הייבט זיך אָן צו וואַקלען אין דער האַנט פון אַ שוואַכער פרוי; ענלעכע ביישפּילן קאָן מען געפינען אין דער הייליקער שריפט.

— די דאָזיקע דאַמע, — האָט ער צוגעגעבן. — הגם זי געהער צום לאַגער פון די פאָלקס־אונטערדריקער, דערמאָנט מיר יענע העלדישע פרויען, וואָס ווערן באַזונגען אין שופטים. ס׳געפעלט מיר אין איר באַזונדערס איר ערלעכקייט, אויסגעמישט מיט אַ וווּנדערבאַרער חכמה און איך באַגריס זי צוליב איר נצחון.

ה׳ ראַמאַן האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— היט אייך, געערטער פאָטער, — האָט ער זיך אָנגערופן, אויפהייבנדיק די האַנט, — היט אייך צו באַהאַנדלען די דאָזיקע אַפערע פון אַ ריין פערזענלעכן און אינדיווידועלן שטאַנדפונקט.

איך דאַרפט אומבאַדינגט נעמען אין באַטראַכט די עפנטלעכע אינטערעסן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אַפּערע.

אין יעדער זאַך דאַרף מען זוכן, צי זי רירט אַמאָל נישט אָן די אינטערעסן פון דער מלוכה. ס'איז דאָך קלאָר פאַר אַלע־מען, אַז פונם שטאַנדפונקט פון די מלוכה־אינטערעסן האָט מאַ־דאַם דע לאַ מאָר־אַנזשער נישט באַדאַרפט עדות זאָגן, אָדער מ'האָט נישט באַדאַרפט גלויבן אירע רייד.

ה' זשאַנטיל האָט אַרויסגעשטעקט די נאָז פונם בוך.

— מ'האָט בכלל זייער שטאַרק איבערגעטריבן, — האָט ער זיך אָנגערופן,—די וויכטיקייט פון דאָזיקן אינצידענט.

—אָ, געערטער סעקרעטאַר,—האָט ה' ראָמאַן געענטפערט,— איך וועל מיר נישט לאָזן איינרעדן, אַז דער אינצידענט, וואָס צוליב אים האָט איר פאַרוירן אייער פּאָסטן, זאָל ווידער זיין אומבאַדייטנד. וואָרים דער דאָזיקער אינצידענט האָט גורם גע־ווען די דימיסיע פון אייער שעף און גלייכצייטיק אויך אייער מפּלה.

איך פון מיין זייט באַדויער עס אָבער זייער שטאַרק. אָבער נאָך מער פאַרדריסט מיך, וואָס ער האָט נישט פאַראויס־געזעען דעם דאָזיקן קלאַפּ און אים באַצייטנס נישט פאַראַליזירט.

ה' זשאַנטיל האָט אַ פינטל געטון מיטן אויג און אויף אַזאַ אופן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז פולשטענדיק מסכים מיט דער מיינונג פון ה' ראָמאַן.

יענער האָט ווייטער גערעדט:

— די מלוכה איז געגליכן צו אַ מענטשלעכן קערפּער. נישט אַלע זיינע פונקציעס זענען שיין און איידל, און עס איז דעריבער נייטיק צו פאַרבאַהאַלטן געוויסע פונקציעס, טיילמאָל די נויטווענדיקסטע.

— אָ, מיין הצר!—האָט זיך אָנגערופן דער גלח,—צי האַלט איר אפשר, אַז אַזאַ מין באַהאַנדלען די פרוי פון אַן אַרעס־טירטן איז געווען נויטיק און אויפן אָרט? דאָס איז אַ חרפּה!

— דאָס איז געוואָרן אַ חרפּה, בעת אַלע האָבן זיך וועגן דעם דערוווסט, — האָט ה' ראָמאַן געענטפערט. — איידער מ'איז

אָבער וועגן דעם עפנטלעך געוויר געוואָרן איז עס געווען אַ קליינגקייט.

אויב איר ווילט פּאַקטיש האָבן אַ רעגירונג, און דאָס איז דאָך דאָס איינציקע וואָס שטעלט דעם מענטש העכער פאַר די חיות, זאָלט איר דער רעגירונג געבן די מעגלעכקייט ווי גע־העריק אויסצופירן איר מאַכט.

קודם כּל פאַרלאַנגט מען פון אייך, אַז אַלץ זאָל פאָרקו־מען בסוד־סודות. דאָ שטעקט טאַקע די סיבּה, פאַרוואָס די פאָלקס־רעגירונג, וואָס איז צום וויניקסטן אַרומגערינגלט מיט סודות, איז גלייכצייטיק די שוואַכסטע רעגירונג.

צי גלויבט איר, געערטער פאָטער, אַז מ׳קאָן מיט די מענטשן אויסקומען מיט גוטן? דאָס איז נישט מער ווי אַן אוטאָפּיע.

— איך גלויב גאָרנישט אין דעם, — האָט מיין לערער גע־ענטפערט, — אין מיין לעבן בין איך שוין דורכגעגאַנגען פאַר־שידנס און איך האָב באַמערקט, אַז די מענטשן זענען אין תּוך געבוימען שלעכטע חיות און אויסקומען קאָן מען מיט זיי נאָר מיט כּוח און מיט דורכגעטריבנקייט. מ׳דאַרף אָבער פונדעסט־וועגן פאַרבאַהאַלטן אַ געוויסע מאָס, און מ׳טאָר נישט גאָר שטאַרק באַליידיקן דאָס ביסל בעסערע געפילן, וואָס זענען אין זייער נשמה אויסגעמישט מיט די שלעכטע אינסטינקטן.

וואָרים דער מענטש, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז פון דער נאַטור שלעכט און אַכזריותדיק, איז ער דאָך סוף־כּל־סוף געפורעמט געוואָרן לויטן צלם־אלהים, און ס׳זענען אין אים נאָך פאַרבליבן געוויסע שפּורן פון זיין אַמאָליקער געשטאַלט; אַ רעגירונג, וואָס האַלט זיך נישט כאָטש ביים מינימום מיטל־מעסיקער אָרנטלעכקייט און איז גורם אַ פאָלקס־אויפברויז, דאַרף אַראָפּגעוואָרפן ווערן.

— רעדט אַ ביסעלע שטילער, געערטער פאָטער, — האָט דער מעקרעטאַר זיך אָנגערופן.

— דער מאָנאַרך איז זיך קיינמאָל נישט טועה, — האָט ה׳ ראָמאַן געזאָגט. —און אייערע געדאַנקען, געערטער פאָטער, זענען

רעוואָלוציאָנער. איר און אייערס גלייכן זענט בכלל נישט ווערט צו האָבן אַ וואַסער עס איז נישט רעגירונג.

— אָ!—האָט געזאָגט מיין גוטער לערער.—אויב די רעגירונג, ווי איר גיט אונז צו פאַרשטיין, שטיצט זיך אויף שווינדל, אי-בערמאַכט און רויער קראַפט, איז גאָר נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז די דאָזיקע דראָונג זאָל האָבן אַ געהעריקע ווירקונג.

מיר וועלן נאָך געפינען אַ שפּאָר ביסל מיניסטאָרן און גובערנאַטאָרן פון פּראָווינצן, וואָס וועלן האָבן גענוג חשק איבער אונז צו הערשן. איך וואָלט בלויז געוואָלט, אַז אויף זייער אָרט זאָלן קומען אַנדערע. די נייע הערשער וועלן זיכער נישט זיין ערגער, ווי די אַלטע, און ווער ווייס, אפשר וועלן זיי גאָר זיין אַ ביסל בעסער?

— זייט פּאָרזיכטיק, זייט פּאָרזיכטיק!—האָט ה׳ ראָמאַן זיך נעהאַלטן ביי דאָס זייניקע. — אויב ס׳איז יאָ פאַראַן עטוואָס צו באַוווּנדערן אין אונזער מלוכה-אָרדנונג, איז עס קודם כל איר בּסדרדיקער המשך און קאָנטינוויטעט, און אויב אויף דער ערד איז נישט פאַראַן קיין פּולקאָמע מלוכה-אָרדנונג, דאַרף מען לויט מיין מיינונג זוכן די סיבּה דערפון אינם מבול, וואָס האָט אין נחס צייטן אַריינגעבראַכט אַ צעמישונג אינם המשך פון דער הערשאַפט. אַפילו ביים היינטיקן טאָג ליידן מיר נאָך אַלץ שטאַרק פון דעם דאָזיקן תּוהו-ובוהו.

— מיין הער, — האָט מיין מייסטער דערויף געענטפערט,— איר זענט קאָמיש מיט אייערע טעאָריעס. די געשיכטע פון דער וועלט איז איין המשך פון רעוואָלוציעס און איבערקערעניש. די געשיכטע איז אין דער אמתן אַ שילדערונג פון בירגער-קריגן, אומרוען און אויפשטאַנדן, וואָס צו זיי האָט געבראַכט די אַכזריות פון די הערשער, און איך ווייס נישט באמת, וואָס איך זאָל אין איצטיקן מאָמענט מער באַוווּנדערן, צי די אומ-דערהערטע חוצפּה פון די הערשער אָדער די געדולדיקייט פון די פעלקער?

דער סעקרעטאַר האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס דער גלח קוּאַניאַר מאַכט צו נישט די מעלות און מעשים-...

פון דער מאָנאַרכיע. און ה׳ בלעזאָ האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ס׳האָט נישט קיין זין צו פירן אַ פּאָליטישע דיסקוסיע אין אַ בוכהאַנדלונג.

אַז מיר זענען געווען אין דרויסן, האָב איך אַ צי געטון מיין לערער פאַרן אַרבל און געפרעגט:

— געערטער פאָטער, צי האָט איר שוין פאַרגעסן די זקנה פון סיראַקוז, אַז איר שטרעבט אַזוי גיך צו דער הערשאַפט פון אַ נייעם טיראַן?

— זון מיינער, טורנעבראָש, — האָט ער מיר געענטפערט, — כ׳בין מיך גערן מודה, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ סתירה. אָבער די דאָזיקע צווייִדייטיקייט, וואָס דו געפינסט אַזוי אָפט אין מיינע אַנשויונגען, איז נאָך נישט אַזוי שעדלעך, ווי די, וואָס די פילאָזאָפן האָבן אַ נאָמען געגעבן אַנטינאָמיע.

שאַראָן שרייבט אין זיין אָפּהאַנדלונג „וועגן דער חכמה", אַז ס׳זענען פאַראַן אַנטינאָמיעס, וואָס מ׳קאָן זיי בשום אופן נישט אויפפלאָנטערן. איך אַליין קוים פאַרטיף איך מיך אין באַטראַכטונגען וועגן דעם עצם פון דער נאַטור, אַזוי פיל איך באַלד, ווי אַ האַלב טוץ שדים הייבן אָן אַרומצווילדעווען אין מיין מוח און איינער וויל דעם אַנדערן אויסדראַפּען די אויגן. און ס׳איז דאָך אַלגעמיין באַקאַנט, אַז מ׳וועט זיך קיינמאָל נישט קיין עצה געבן מיט די דאָזיקע פאַרשאָלטענע עקשנים.

איך האָב שוין פאַרלוירן די האָפענונג שלום צו מאַכן צווישן זיי, און אויב איך האָב ביז איצט נישט געמאַכט קיין גרויסע פאָרשריט אין דער מעטאַפיזיק, איז עס זייער אויסשליסלעכע שולד. אָבער אין איצטיקן פאַל, זון מיינער טורנעבראָש, איז די סתירה באמת אַ כלומרשטע. איך בין אַלעמאָל אויף דער זייט פון דער סיראַקוזאַנער זקנה.

אין איצטיקן מאָמענט טראַכט איך דאָס זעלבע, וואָס איך האָב וועגן דעם ענין געטראַכט פריער. איך האָב אָבער היינט זיך געלאָזט באַהערשן פון די געפילן און זיך געהיצט, ווי אַ מענטש פון המון.

די פּסחא־אייער

מיין פֿאָטער איז געווען אַ קוכער און געהאַט זיין שענק אויף דער גאַס פֿון הייליקן זשאַק, פּונקט אַנטקעגנאיבער דער קירך פֿון הייליקן בענואַ לע בעטורנע. איך קאָן נישט זאָגן, אַז מיין פֿאָטער זאָל האָבן גאָר שטאַרק געהאַלטן פֿון תּעניתים; דאָס דאָזיקע געפֿיל וואָלט קיינמאָל נישט געווען נאַטירלעך ביי אַ קוכער. ער איז אָבער געווען אַ פֿרומער קריסט, און ער האָט דעריבער געפֿאַסט אַלע תּעניתים.

אַזוי ווי ער איז געווען אַ קבצן און נישט געהאַט קיין געלט אויף אויסצוקויפֿן זיך מיט אַ דיספּענזע ביים ערצבישאָף, פֿלעגט ער אין די תּענית־טעג עסן אויף מיטאָג אַ שטיק שטאָק־פֿיש. דאָס זעלבע פֿלעגט ער אויך צוטיילן זיין ווייב, זיין זון, הונט און זיינע טעגלעכע געסט, וואָס צווישן זיי איז דער גלח קוּאַניאַר געווען אַ גאָר אָפֿטער איינגייער.

מיין פֿרומע, אָפּגעהיטענע מאַמע וואָלט בשום־אופֿן נישט טאָלערירט, אַז מיראָ, אונזער הונט, זאָל אין הייליקן פֿרייטיק פֿרומבייסן כאָטש דעם קלענסטן ביין. יענעם טאָג האָט זי דעם הונט נישט צוגעוואָרפֿן צומאָל דאָס מינדעסטע ביינדל און אַפֿילו נישט אָנגעריישט זיין זופּ.

אומזיסט האָט דער גלח קוּאַניאַר איינגעטענהעט מיט איר, אַז ס'איז באמת אַן עבֿרה אַזוי צו מאַטערן אַן אָרעם באַשעפֿ־

פּעניש, וואָס האָט נישט קיין חלק אין די הייליקע אויסלייזונגס־מיסטעריעז.

— געערטע פרוי, — האָט דער דאָזיקער גרויסער מאַן גע־זאָגט צו איר, — ס׳איז פולשטענדיק אויפן אָרט, בעת מיר, מיט־גלידער פון דער הייליקער קירך, עסן שטאָקפיש אין אַ תענית. עס האָט אָבער נישט דעם מינדעסטן זין צו צווינגען אַ הונט אַנטייל צו נעמען אין די דאָזיקע אומענדלעך פרומע און היי־ליקע מיסטעריעז, וואָס געפינען חן אין גאָטס אויגן און דערי־בער פאַרדינען זיי געלויבט צו ווערן, בעת אין אַן אַנדער פאַל וואָלטן זיי געמאַכט אַ לעכערלעכן און עקלדיקן איינדרוק. עס איז אַ חוצפּה, אַן עבירה און אפשר אויך אַ חלול השם.

דאָס איז אַ פאַרברעכן, וואָס פאַרלירט ביי אייך זיין שאַרפ־קייט פשוט דערפאַר, ווייל איר זענט אַן איינפאַכע פרוי, אָבער ווען דאָס וואָלט געטון אַ געלערנטער אָדער אַפילו אַ קריסט מיט אַ קריטישן גייסט, וואָלט ער דערמיט געטון אַ גרויסע עבירה.

פון אַזאַ מין האַנדלונג, מיין טייערע באַלעבאָסטע, איז בלויז איין שריט צו דער שרעקלעכסטער אַפּיקורסות. מען קאָן דערפון נישט מער און נישט וויניקער אַרויסדרינגען, אַז ישו הנוצרי האָט מקריב געווען זיין לעבן נישט בלויז פאַר אָדמס זין, נאָר אויך פאַר די הינט. און אַזאַ באַהויפּטונג וואָלט גע־ווען אין אַ פולשטענדיקער סתירה מיט דער הייליקער שריפט.

— ס׳קאָן זיין, — האָט מיין מאַמע געענטפערט. — אויב איך וואָלט אָבער געגעבן מיין הונט צו עסן פלייש אין הייליקן פרייטיק, וואָלט איך מיר פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַ ייד און איך וואָלט אים פיינד באַקומען. צי דאָס איז אויך אַ חטא, טייערער פאָטער?

מיין גוטער מייסטער האָט גענומען אַ שלוק ווין און גע־זאָגט מיט אַ מילדער שטים:

— אָ, באַלעבאָסטע טייערע, איך וויל איצט נישט אַריינ־גיין אין עצם ענין, צי איר זינדיקט יאָ, אָדער נישט, זיכער איז אָבער, אַז איר זינדיקט נישט בייזוויליק. און דעם אמת זאָג איך אייך, אַז איך גלויב פיל מער אין אייער עולם הבא,

ווי אין דעם עולם הבא פון מיינע באַקאַנטע פינף אָדער זעקס בישאָפן און קאַרדינאַלן, וואָס האָבן אָנגעשריבן וווּנדערבאַרע ווערק וועגן דעם קירכלעכן רעכט.

מיראָ האָט אַראָפּגעשלונגען זיין עסן מיט עקל, און מיין פּאָטער איז אַוועק צוזאַמען מיטן גלח קוּאַניאַר אין דער שענק „אונטערן קליינעם באַקכוס".

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר פאַרבראַכט די תענית-צייט. אָבער ווי נאָר די גלאָקן פון דער סען בענוּאַ-קירך האָבן אין ערשטן פּסחא-טאָג אָנגעזאָגט דער וועלט די פּריילעכע בשורה, אַז ישו הנוצרי איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, האָט מיין טאַטע גענומען פּרעגלען אויף אַ בראָטפּאַן גאַנצע טוצן הינער, קאַטש-קעס און טייבעלעך, און מיראָ, וואָס איז געלעגן אין אַ ווינקל ביים אָנגעגליטן אויוון, האָט מיט גרויס פאַרגעניגן אַריינגעצויגן אין זיינע נאָזלעכער דעם תאַווהדיקן ריח פון געפּרעגלטע גריוון, און טיף און ערנסט פאַרטראַכט צוגעשאָקלט מיטן ווידל.

אַן אַלטער, אַן אויסגעמאַטערטער, כמעט אינגאַנצן בלינד, האָט ער נאָך אַלץ הנאה געהאַט פון לעבן; דערפאַר האָט ער די שלעכטע זייטן פון לעבן אויפגענומען מיט אַ יאוש, וואָס דאָס אַליין האָט שוין גורם געווען, זיי זאָלן נישט זיין אַזוי שרעקלעך. ער איז געווען אַ חכם, און עס וווּנדערט מיך נישט להלוטין, וואָס מיין מאַמע האָט אַריינגענומען אַזאַ שכלדיק באַ. שעפּעניש אינם קרייז פון אירע פרומע מעשים טובים.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן אויסגעהערט די פייערלעכע תפלה אין קירך, האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש אין אַ שטוב וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שמעקעדיקע ריחות; מיין פּאָטער פלעגט זיך זעצן צו דער סעודה ממש מיט אַ רעליגיעזער שמחה. ער פלעגט געוויינלעך פאַרבעטן צו דער סעודה אַ פּאָר שריי-בערלעך פון דער פּראָקוראַטור און בתוכם אויך מיין ליבן רבי, דעם גלח קוּאַניאַר.

כ'געדענק זייער גוט, אַז אויף פּסחא אין יאָר 1725 האָט מיין רבי מיטגעבראַכט מיט זיך דעם ה' ניקאָלאַ קאַרש, וועמען ער האָט אַרויסגעשלעפּט ערגעץ פון אַ לאָך אַרויס, ווו דער

דאָזיקער געלערנטער מאַן האָט טאָג און נאַכט געשריבן פאַר האָלענדישע אַרויסגעבער באַריכטן פון ליטעראַרישן און וויסנשאַפטלעכן לעבן אין פּאַריז.

אויפן געדעקטן טיש איז אין אַ דראָטן געפלאָכטן קיישל געלעגן אַ גאַנצער באַרג רויטע אייער. באַלד נאָכדעם, ווי דער גלח קוואַניאַר האָט אָפּגעזאָגט די געהעריקע ברכות, האָבן מיר אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן די פּסחא-אייער.

— מיר לייענען ביי עליוס לאַמפּרידיוס, — האָט ה׳ ניקאָלאַ קאַרש זיך אָנגערופן, — אַז אַ הון פון אַלעקסאַנדער סעווערס פאָטער, האָט געלייגט אַ רויט איי אין טאָג, ווען זיין זון, וואָס איז שפּעטער געוואָרן רוימישער קייזער, איז געקומען אויף דער וועלט.

לאַמפּרידיוס איז געווען אַ גרויסער שוטה, — האָט דערויף געענטפערט דער פאָטער קוואַניאַר, — און ער האָט בעסער באַדאַרפט דאָס דאָזיקע מעשהלע איבערלאָזן פאַר אַלטע ווייבער, ווייל דאָס איז פּונקט פאַר זיי צוגעפּאַסט. איר, מיין טייערער האָט אָבער צופיל פאַרשטאַנד, כּדי פון דאָזיקן נאַרישן מעשהלע וועלן אַרויסדריגגען דעם קריסטלעכן מנהג צו עסן רויטע אייער אין ערשטן טאָג פּסחא.

— איך גלייב באמת נישט, — האָט ה׳ ניקאָלאַ קאַרש געזאָגט, — אַז דער דאָזיקער מנהג שטאַמט פון אַלעקסאַנדער סעווערס צייטן. פונם מעשהלע, וואָס לאַמפּרידיוס האָט געבראַכט, וויל איך בלויז אָפּלערנען, אַז אַפילו ביי די געצנדינער האָט אַ רויט איי פאָראויסגעזאָגט די העכסטע מאַכט. דאָס איי, — האָט ער צוגעגעבן, — האָט איבעריקנס געמוזט זיין געמאָלט אין אַ רויטער קאָליר, ווייל ס׳איז דאָך קלאָר, אַז הינער לייגן נישט קיין רויטע אייער.

— זייט מוחל, — האָט זיך מיין מאַמע אַריינגעמישט אין געשפּרעך. זי איז געשטאַנען ביים אויוון און באַפּוצט די שיסלען. — אין מיין יוגנט האָב איך געזען אַ שוואַרצע הון, וואָס האָט געלייגט ברוינע אייער. פאַרוואָס זאָל איך זשע נישט צוגעבן, אַז ס׳זענען פאַראַן הינער, וואָס לייגן רויטע אייער,

אָדער לכל הפחות רויטלעכע אייער, ווי למשל פון אַ ציגל-קאַליר.

— דאָס איז גאַנץ מעגלעך,—האָט מיין רבי געזאָגט, — און די נאַטור איז אַזוי פאַרשידנאַרטיק אין אירע שאַפונגען, אַז מיר קאָנען עס זיך קוים פאָרשטעלן. צווישן חיות זענען פאַראַן די משונהדיקסטע באַשעפענישן, און אין די נאַטורוויסנשאַפטלעכע מוזייען זעט מען מאָדנע פאַרזעענישן, וואָס זענען אַ סך אויס-טערלישער פון רויטע אייער.

— אין קיניגלעכן מוזיי, — האָט ה' ניקאָלאַ קאַרש זיך אָנ-גערופן, — איז פאַראַן אַ קאַלב מיט פינף פיס און אַ קינד מיט צוויי קעפ.

—איך האָב געזעען נאָך שענערס אין אָנאָ לעבן שאַרטר,— האָט געזאָגט מיין מאַמע און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ שיסל מיט אָן אַ שיעור קישקעלעך מיט קרויט, וואָס פון זיי האָט געשלאָגן אַ הייסע מחיהדיקע פאַרע. — מיינע הערן, איך האָב געזעען אַ נייגעבוירן קינד מיט פיסלעך פון אַ גאַנז און אַ קאָפ פון אַ שלאַנג.

— היט אייך מיט אייערע רייד, — האָט אויסגערופן דער גלח זשעראָם קואַניאַר,—פאַרגעסט נישט, אַז דער מענטש ווערט געבוירן פון אַ פרוי כדי צו דינען צו גאָט, און ס'האָט נישט דעם מינדעסטן זין, אַז אַ פאַרזעעניש מיט אַ קאָפ פון אַ שלאַנג זאָל דינען צו גאָט, דעריבער איז דער פועל-יוצא דערפון, אַז ס'איז אינגאַנצן נישט פאַראַן אַזעלכע מינים קינדער. מסתמא האָט זיך עס דער הייבאַם געחלומט, אָדער זי האָט פשוט גע-וואָלט פון אייך חוזק מאַכן.

—געערטער גלח,—האָט ה' ניקאָלאַ קאַרש געזאָגט, און לייכט אַ שמייכל געטון,—איר האָט צוזאַמען מיט מיר געזעען אין קיניג-לעכן מוזיי אַ פאַרזעעניש מיט פיר קעפ און פון צוויי געשלעכ-טער, קאָנסערווירט אין אַ גלאָז מיט שפירט, און אין אַ צווייט גלאָז האָבן מיר געזעען אַ קינד אָן אַ קאָפ מיט איין אויג אי-בערן נאָפל.

צי וואָלטן די דאָזיקע פאַרזעענישן געקאָנט בעסער דינען

צו גאָט, ווי יענץ נייגעבוירן קינד מיטן קאָפּ פון אַ שלאַנג, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אונז נאָר וואָס וועגן אים פאַרציילט? און וואָס זאָל מען שוין זאָגן וועגן די, וואָס האָבן צוויי קעפּ, אַזוי אַז מ׳ווייסט נישט, צי זיי האָבן נישט אַמאָל צוויי נשמות? זייט זיך מודה, געערטער פּאָטער, אַז די נאַטור, שפּילנדיק זיך אויף אַזאַ אַכזריותדיקן אופן, מאַכט אָן נישט איין קאָפּ-פאַרדרייעניש די געשווירענע טעאָלאָגן.

מיין רבי האָט שוין געעפנט דאָס מויל, כדי אים צו ענטפערן, און ער וואָלט בלי ספק צעקלאַפּט אַלע פאָרווורפן פון ה׳ ניקאָלאַ קאַרש, אָבער מיין מאַמע, וואָס קיין שום זאַך האָט זי נישט געקענט אָפּהאַלטן צו רעדן דעמאָלט, ווען זי האָט געהאַט חשק דערצו, האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און זיך אָנגערופן הויך אויפן קול, אַז דאָס קינד פון אָנאָ איז נישט געווען קיין מענטשלעך באַשעפעניש, נאָר דער טייוול, וואָס האָט געהאַט אַ קינד מיט דער זעמל-בעקערין.

— דער בעסטער באַווייז, האָט זי צוגעגעבן, — איז, וואָס קיינער האָט עס נישט געוואָלט קריסטלען און מ׳האָט עס קובר געווען אין אַ האַנטוך ערגעץ הינטערן פּלויט. ווען דאָס וואָלט געווען אַ מענטשלעך באַשעפעניש, וואָלט מען עס באַגראָבן אין געהייליקטער ערד. אַז דער טייוול האָט אַ קינד מיט אַ פרוי, ווערט עס געבוירן אין דער געשטאַלט פון אַ פאַרזעעניש.

— טייערע באַלעבאָסטע,—האָט איר דער גלח קוואַניאַר גיצ-ענטפערט.—עס קומט מיר פאָר אַביסל משונהדיק, וואָס אַ פּשוטע פרויערטע ווייסט מער וועגן טייוול, ווי אַ דאָקטאָר פון טעאָלאָגיע, און ס׳חידושט מיך שטאַרק, ווי קאָנט איר גלייבן אויפן וואָרט עפּעס אַ הייבאַם, וואָס פּלאַפּלט נאַרישע רייד?

גלויבט מיר: די דאָזיקע אַלע טייוולאָנישע שטיק זענען נישט מער, ווי אַ פּראָדוקט פון אַ שמוציקער פאַנטאַזיע, וואָס פאַראומרייניקט אייער גייסט. איך האָב ביי קיינעם פון די קירכלעכע פּאָטערס נישט געלייענט, אַז דער טייוול זאָל שוואַנגער מאַכן אַ פרוי. אַלע מעשיות וועגן זנות מיטן שטן זענען נישט מער, ווי עקלדיקע פאַנטאַזיעס, און ס׳איז באמת אַ חרפה, וואָס

די יעזויִטן און דאָמיניקאַנער האָבן געשריבן וועגן דעם גאַנצע אָפּהאַנדלונגען.

—איר זענט פולשטענדיק גערעכט—האָט זיך אָנגערופן ה׳ ניקאָלאַ קאַרש, און גענומען פון טעלער אַ קישקעלע אויפן שפּיץ גאָפּל—איר ענטפערט אָבער נישט אויף מיינע פּאָרווורפן, אז קינדער, וואָס קומען אויף דער וועלט אָן אַ קאָפּ, האָבן גאָר־נישט קיין שייכות מיטן מענטש, וואָס זיין עובדא איז דאָך, ווי די הייליקע קירך זאָגט, צו דינען, דערקענען און ליב צו האָבן דעם אויבערשטן. דערפון זעט מען אויך, אז די נאַטור, וואָס פאַרשווענדט אזוי אויך אָן אַ שיעור קרעפטן איז דעם אמת געזאָגט גאָר ווייניק אין הסכם מיטן טעאָלאָגישן און קריסטלעכן גייסט.

—אָ, האָט מיין פּאָטער אַ געשריי געטון און אָנגעהויבן צו פאָכען מיטן גאָפּל, וואָס צו זיין שפּיץ איז געווען צוגעטשעפּעט אַ פיין שטיקל געבראָטנס.—וואָס זענען דאָס עפּעס פאַרא פינצטערע וויכּוחים. זיי פּאַסן זיך דאָך גאָרנישט פאַר אַזא פייערלעכן יום־טוב. דעם אמת געזאָגט איז שולדיק אין דעם מיין פרוי, וואָס האָט אונז דערלאַנגט צום טיש אַ קינד מיטן קאָפּ פון אַ שלאַנג, פּונקט ווי דאָס דאָזיקע מאכל וואָלט געהאט אָן אָרט אויפן טיש פון אָרנטלעכע לייט. ווי האָט עס בכלל געקאָנט געשען, אַז פון מיינע שיינע רויטע אייער זאָלן זיך אויספּיקן אַזוי פיל טייוולאָנישע מעשהלעך!

—טייערער באַלעבאָס, — האָט זיך אָנגערופן דער גלח קוואַביאַר, — ס׳איז טאַקע אמת, אז פון אייער פּיקן זיך אויס די פאַרשידנסטע זאַכן. די געצנדינער האָבן אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן געדאַנק, אויסגעטראַכט אַ סך פילאָזאָפישע מעשהלעך. מיך פאַרדריסט אָבער, וואָס פון די קריסטלעכע אייער, אויסגעמאָלט אין פּאַרצייטיקער פּורפּור־פאַרב, האָבן זיך געקענט אויספּיקן אַזוי פיל משונהדיקע, אפּיקורסישע בבא־מעשות.

ה׳ ניקאָלאַ קאַרש האָט מיט איין אויג אַ קוק געטון אויף מיין לערער און געזאָגט מיט אַ קאַלטן שמייכל:

—טייערער פּאָטער קוואַביאַר, אָט די דאָזיקע געפאַרבטע אייער,

וואָס זייערע שאָלעכצער וואַלגערן זיך ארום אונטער אונזער פּיס, זענען אין תוך געגומען גאָר נישט אזוי קריסטלעך און קאַטוילישׂ, ווי אייך קומט פאָר. פּסחא-אייער שטאַמען להיפּך פון די געצנדינערישע צייטן און סימבאָליזירן די געהיימניש-פולע דערוואַכונג פון דער נאַטור צום לעבן אין אָנהייב פרי-לינג. דאָס איז אַן אַלטער סימבאָל, וואָס איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אין דער קריסטלעכער רעליגיע.

—מ'וואָלט מיטן זעלבן רעכט אויך געקאָנט האַלטן, אַז דאָס איז דער סימבאָל פון ישו הנוצרים תחית המתים אויפשטיין, — האָט דערויף געענטפערט דער פאָטער קאַניאַר.—וואָס שייך מיר, האָב איך לחלוטין נישט ליב צו באַלעסטיקן די רעליגיע מיט פאַרשידענע סימבאָלן, און איך וואָלט גערן געגלויבט, אַז די שמחה ביים עסן אייער, וואָס מ'האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיי בשעתן תענית, איז די איינציקע סבה, פאַרוואָס זיי באַוויין זיך גראָד איצט אויפן טיש מיט דער געהעריקער פּאָמפּע און געקליידט אין קיניגלעכער פורפור.

דאָס איז אָבער נישט וויכטיק, און דאָס זענען נישט מער ווי נישטיקע קלייניקייטן, וואָס בלויז ערודיטן און ביבלאָטעקאַרן קאָנען זיך מיט זיי אָפּגעבן.

אין אייערע רייד, געערטער הער ניקאָלאַ קאַרש, צווינגט מיך אָבער באַזונדערס צו פאַרטראַכטן דער פאַקט, וואָס איר געפינט אַ סתירה צווישן דער נאַטור און רעליגיע, און איר ווילט דווקא מאכן פון זיי שונאים.

דאָס איז, מיין טייערער ניקאָלא קאַרש, אַן אפּיקורסות, וואָס האָט אפילו אויפגערודערט אונזער גוטמוטיקן באַלעבאָס, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין דעם זין פון אייערע רייד! מיך אַרט עס אָבער זייער ווייניק, און אייערע אַרגומענטן פירן מיך אפילו אויף קיין איין רגע נישט אראָפּ פון וועג, וואָרים איך ווייס ווי אזוי זיך אַן עצה צו געבן אין אַ וויכוח.

געערטער הער ניקאָלאַ קאַרש, אייערע כלומרשט ראציאָ-יאַליסטישע און וויסנשאַפטלעכע רייד זענען אין דער אמתן

נישט מער ווי אַ שמאָל, שמוציק און בלינד הינטער-געסל, וווּ מ׳צעקלאַפּט זיך סוף כל סוף די נאָז. איר האָט זיך גע-חקרנט, ווי יענער געלערנטער אַפּטייקער, וואָס גלויבט, אַז ער האָט משיג געווען די נאַטור, ווייל ער האָט דאָ און דאָרט אַ שמעק געטון א פּיל אָדער אַ זאַלב.

איר האָט לייכטזיניק אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די נאַטירלעכע פּרוכפּערונג, וואָס באַשאַפט פּאַרזעעניש איז נישט פּאָרויסגעזען געוואָרן דורכן בורא עולם, וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטש, כדי ער זאָל זאָגן צו אים אַ שבח:

Pulcher hymnus Dei homo immortalis *)

איר זענט געוועזן אויף אַזוי פיל איידל און נישט דער-גאַנגט אפילו מיט קיין איין וואָרט די ניי-געבוירענע קינדער, וואָס שטאַרבן באַלד, ווי זיי קומען אויף דער ליכטיקער שיין, די משוגעים, שוטים, אידיאָטן און אַלע אַנדערע פּאַרשווינצן, וואָס זענען נישט לויט די רייד פון לאַקטאַנט אַ שיינער שבח צו גאָט—Pulcher hymnus Dei. וואָס ווייסט איר אָבער וועגן זיי, טייערער הער ניקאָלאַ? און וואָס ווייסן מיר יאָ?

איר האַלט מיך מסתמא פּאַר איינעם פון אייערע לייענער אין אַמסטערדאַם אָדער האַאַג, און ווילט מיר איינרעדן, אַז די אומבאַגרייפטע נאַטור איז סותר די הייליקע קריסטלע-כע אמונה.

די נאַטור, מיין הער, קומט אונז פאָר, ווי אַ ריי לויזע בילדער, וואָס זייער אמתע באַדייטונג איז זייער שווער אויס-צוגעפינען. און איך בין טאַקע מודה, אַז בעת מיר פאָלגן זי נאָך אויף שריט און טריט, זענען מיר נישט אימשטאַנד פעסט-צושטעלן, צי דאָס ניי-געבוירענע קינד איז אַ קריסט, צי בכלל אַ מענטשלעך באַשעפעניש, ווייל דער גוף איז געגליכן צו אַ היעראָגליף, וואָס מ׳קאָן אים נישט איבערלייענען.

דאָס איז נאָך אָבער גאָרנישט, ווייל מיר זענען בלויז

---

*) דער אומשטערבלעכער מענטש איז אַ לויב-געזאַנג צו גאָט.

די פאַרקערטע זייט פון שטאָף. לאָמיר זיך נישט צופיל איינ־ שפּאַרן און איינזען, אז פון דער אַנדערער זייט וועלן מיר סוף כּל סוף זיך גאָר נישט דערוויסן. לאָמיר בעסער ווענדן אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם, וואָס איז יאָ פאַרשטענד־ לעך, דאָס הייסט, אויף דער מענטשלעכער נשמה, וואָס איז פאַראייניקט מיט גאָט.

איר מאַכט זיך לעכערלעך, געערטער הער ניקאָלאַ קאַרש, מיט אייערע געדאַנקען וועגן דער נאַטור און דער פּרוכפּע־ רונג. איר קומט מיר פאָר, ווי יענער בירגער, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער פאַרמאָגט אַלע סודות פון קיניג, באשר ער האָט באַקוקט אַלע געמעלן אין זאַל.

פונקט, ווי דער געשפּרעך צווישן קיניג און זיינע מיניס־ טאָרן איז איינגעהילט אין אַ סוד, אַזאַ איז אויך דער גורל פונם מענטשן און דעם געדאַנק, וואָס קומט אַרויס פון דער יצירה און גלייכצייטיק פון באַשעפער. דאָס איבריקע איז נישט מער, ווי נאַרישע פּלוידעריי און איז גוט פאַר טעמפּע מוחות, וואָס ס'איז פּשוט פול מיט זיי אין אַלע הויכשולן און אַקאַדעמיעס.

אויב איר ווילט שוין יאָ מיט מיר רעדן וועגן דער נאַ־ טור, טאָ רעדט זשע מיט מיר בעסער וועגן דער נאַטור, וואָס מ'זעט „אונטערן קליינעם באַקכוס", אין דער פּערזאָן פון דער העפּטערין קאַטערינע, וואָס איז קיילעכדיק און שיין געבויט.

— און איר, מיין טייערער באַלעבאָס, —האָט דער פּאַטער קוּאַניאַר צוגעגעבן, — גיט מיר אַ טרונק ווייַן, וואָרים ס'איז מיר שוין טרוקן געוואָרן אין האַלז, און דאָס אַלץ צוליב דעם הער ניקאָלאַ קאַרש, וואָס גלייבט, אַז די נאַטור איז אַטעיסטיש.

צו אַלדי רוחות, אַזוי דאַרף טאַקע צו זיין, טייערער ני־ קאָלאַ קאַרש. און אויב נישט געקוקט דערויף זאָגט די נאַטור אַ שבח צו גאָט, טוט זי עס אומבאַוווסטזיניק, וואָרים באַוווסטזיין איז נאָר פאַראַן אין מענטשלעכן גייסט, וואָס איז באַגרענעצט און גלייכצייטיק אומבאַגרענעצט. ווייַן!

מיין טאַטע האָט אָנגעפילט מיין רבינס כּוס מיט גוטן רויט-וויין. דערנאָך האָט ער מיטן זעלבן כּוס מכבד געווען דעם הער ניקאָלאַ קאַרש און זיי ביידע געצוואונגען טרינקען צו זיך לחיים. זיי האָבן ביידע טאַקע אַזוי געטון, וואָרים זיי זענען געווען אָרנטלעכע לייט.

VI

דאָס נייע מיניסטעריום

הער שיפּען, וואָס איז אין גרינוויטש געווען אַ שלאָסער, פלעגט אַלעמאָל, ווען ער איז אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז, עסן אין דער שענק פון „דער קיניגין געגזן-פיסל", צוזאַמען מיטן באַלעבאָס און מיין לערער, דער גלח זשעראָם קוּאַניאַר.

יענעם טאָג האָט ער נאָכן צימעס, באַשטעלט ווי אַלעמאָל אַ פלעשל ווייַן, פאַרויכערט זיין פּיפּקע און אַרויסגענומען פון דער קעשענע די „לאָנדאָנער גאַזעט". ער האָט מיט גרויס כוונה געלייענט, געשמייכלט און גלייכצייטיק געטרונקען. דערנאָך האָט ער אויפגעוויקלט זיין בלאַט און אַוועקגעלייגט די פּיפּקע אויפן ברעג טיש.

— מיינע הערן, — האָט ער זיך אָנגערופן, — דאָס מיניסטעריום איז געפאַלן.

— אָ! — האָט מיין לערער זיך אָנגערופן, — דאָס איז נישט אַזאַ וויכטיקע זאַך.

— זייט מוחל, — האָט ה' שיפּען געענטפערט, — דאָס איז גראָד גאָר אַ וויכטיקער ענין, ווייל דאָס פריערדיקע מיניסטעריום איז געווען טאָריסטיש און דאָס נייע וועט געשאַפן ווערן פון די וויגן. איבעריקנס, אַלץ וואָס ס'קומט פאָר אין ענגלאַנד האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג.

—מיין הער, — האָט דערויף מיין לערער געענטפערט, — מיר

האָבן שוין אין פראַנקרייך דורכגעמאַכט אַ סך גרעסערע רע־גירונגס־ענדערונגען, ווי די, וואָס איז איצט געשעען ביי אייך. מיר האָבן געזעען, ווי אויפן אָרט פון די פריערדיקע מלוכה־סעקרעטאַריאַטן האָט מען געשאַפן זעקס, אָדער זיבן ראַטן צו־צען מיטגלידער אין יעדן, די הערן מיניסטאָרן האָט מען צע־שניטן אויף צען שטיקלעך, דערנאָך האָט מען זיי אויפסניי צוריקגעשטעלט אין זייער פריערדיקער פאָרם.

בעת יעדער רעגירונגס־ענדערונג פלעגן זיך געפינען אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געשריגן, אַז אַלץ איז געגאַנגען פאַרלוירן, דערפאַר האָבן ווידער אַנדערע געטענהעט, אַז איצט איז דאָס פאָטערלאַנד געראַטעוועט געוואָרן. מ׳האָט אַפילו פאַר־פאַסט וועגן דעם ספּעציעלע לידלעך.

וואָס שייך מיר, אינטערעסירט מיך זייער ווייניק דאָס, וואָס קומט פאָר אין קיניגלעכן קאַבינעט; איך האָב באַמערקט, אַז דאָס לעבן אַליין ענדערט זיך גאָר ווייניק, און נאָך אַ דורכגעפירטער רעפאָרם בלייבן די מענטשן פונקט אַזוי קאַרג, פויל, אַכזריותדיק, און די זעלבע עגאָיסטן, שוטים און משוגעים וואָס פריער. יאָר־יערלעך ווערט געבוירן די זעלבע צאָל קינדער, ס׳קומט פאָר די זעלבע צאָל חתונות און מ׳הענגט די זעלבע צאָל פאַרברעכער. דאָס אַלץ איז אַ באַווייז, ווי פיין ס׳איז איינגעשטעלט די אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט.

די דאָזיקע אָרדנונג, געערטער הער, איז אַ סטאַבילע און קיין שום זאַך אין דער וועלט איז זי נישט בכּוח אויפצוטרייס־לען, וואָרים די דאָזיקע אָרדנונג שטיצט זיך אויף מענטשלע־כער טפשות און עלנט, און אַזעלכע געשווירענע ריכטער וועלן זיך קיינמאָל נישט טועה זיין. אַזאַ פעסטע געביידע קאָן דרייסט אויסהאַלטן די אָנגריפן פון די ערגסטע מלכים און פון אַ המון פינצטערע עם־האַרצישע פונקציאָנאַרן.

מיין פאָטער האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט צום דאָזיקן שמועס, האַלטנדיק אין האַנט אַ גרויסן גאָפּל; אַז מיין לערער האָט געענדיקט, האָט ער מיט אַן אַנטשלאָסנקייט אין קול

זיך אָנגערופן, אַז ס׳זענען נאָך פֿאַראַן גוטע מיניסטאָרן. ער אַליין גערענקט אַפֿילו איינעם אַזאַ מיניסטער, וואָס איז דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן; ער האָט אַרויסגעגעבן זייער אַ קלוגע פֿאַראָרדנונג, וואָס פֿאַרטיידיקט די קוכערס קעגן דעם פּרעסע־רישן אַפּעטיט פֿון די קצבים און פּאַשטעט־מאַכערס.

— ס׳קאָן זיין, געענטפערט הער טורנעבראַש, — האָט מיין לע־רער געענטפערט, — אָבער אין אַזעלכע ענינים איז די בעסטע זאַך דיסקוטירן מיט די פּאַשטעט־מאַכערס. מ׳דאַרף אָבער קודם כּל פֿעסטשטעלן, אַז די מלוכות דויערן און עקזיסטירן נישט אַדאַנק דער חכמה פֿון אייניקע מיניסטאָרן, נאָר אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פֿון צענדליקער מיליאָנען מענטשן, וואָס לשם פּרנסה טוען זיי די נידעריקסטע און מיאוסטע אַרבעטן, ווי למשל די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפֿטיקט אין דער אינדוס־טריע, האַנדל, לאַנדווירטשאַפֿט, קריגס־מלאָכה און ים־רייזעס. אָט אויף די דאָזיקע פּריוואַטע נויטן צוזאַמען גענומען שטיצט זיך די מאַכט פֿון פֿאָלק, און סיי די מלכים, סיי די מיניסטאָרן האָבן נישט אין דעם קיין שום חלק.

— איר האָט אַ טעות מיין הער, — האָט זיך אָנגערופֿן דער ענגלענדער, — די מיניסטאָרן האָבן יאָ אַ חלק אין דער פֿאָלקס־מאַכט, וואָרים זיי שאַפֿן געזעצן, וואָס איינס פֿון זיי קאָן רייך מאַכן אָדער רויִנירן אַ גאַנצע אומה.

— אָ, אויב עס האַנדלט זיך וועגן דעם, — האָט דער פֿאָ־טער קואַניאַר געענטפערט, — זענט איר אַ ביסל מגזם. די מלוכה־ענינים זענען אַזוי פֿאַרצווייגט און קאָמפּליצירט, אַז איין מענטש איז נישט אימשטאַנד זיי אַרומצונעמען מיטן אויג. מ׳דאַרף דע־ריבער מוחל זיין די מיניסטאָרן, וואָס פֿירן אויס בלינדערהייט זייערע פֿונקציעס, און נישט האָבן אויף זיי אַ בייז האַרץ פֿאַר דאָס גוטס, וואָס זיי האָבן געוואָלט איינפֿירן, אָדער פֿאַר דעם שלעכטס, וואָס זיי האָבן גורם געווען; דערפֿאַר דאַרף מען שטענדיק האָבן אין זינען, אַז זיי האָבן געהאַנדלט, פּונקט ווי קאָלען־מאַיאַר.

ווען מיר וואָלטן איבעריקנס זיך באַצויגן צו אַלעם אָן

פּאַראורטײלן, װאָלטן סײ די גוטע, סײ די שלעכטע זײטן פון לעבן באַקומען אין אונזערע אויגן אַ נישטיקע באַדײטונג, און איך בין שטאַרק מסופק, צי עפּעס אַ געזעץ אָדער אַ פאַראָרדנונג קאָן באמת האָבן אַזאַ װירקונג, װי איר שטעלט אײך פאָר.

אָט נעמט למשל די גאַסן-מײדלעך. דוכט זיך, אַז אין משך פון אײן חודש װערט קעגן זײ אַרויסגעגעבן אַ סך מער געזעצן און פאַראָרדנונגען, װי אין משך פון אַ גאַנץ יאָר קעגן אַלע איבריקע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, און פונדעסטװעגן פירן זײ אויס אומגעשטערט זײער פּראָפעסיע ממש מיט דער גענױי-קײט פון די נאַטור-כּוחות.

זײ לאַכן זיך אויס פון די נאַיװע שרײבערלעך, װאָס האַלטן אין אײן זוכן מיטלען, װי אַזױ זײ אומשעדלעך צו מאַכן; זײ מאַכן חוזק פון מער דע בעזלאַנס *), װאָס האָט בשותפות מיט אַנדערע מלוכה - באַאַמטע געשאַפן אַן אָנמעכטיקע ליגע צום קאַמף מיט דער אויסגעלאַסנקײט.

איך קען אײך בלויז זאָגן, אַז די העפּטערין קאַטע-רינע האָט קײנמאָל נישט געהערט דעם נאָמען פון בעזלאַנס, און פונדעסטװעגן װעט זי זיך לאָזן װױלגײן ביז צו איר לעצטער רגע, און איך האָף, אַז זי װעט מסתמא שטאַרבן אַ פרומע קריסטין.

דערפון דרינג איך ארויס, אַז אַלע געזעץ-פּראָיעקטן, װאָס אַ מיניסטער שטופּט מיט זײ אויס זײן פּאָרטפעל, זענען אין דער אמתן נישט מער, װי נאַרישע פּאַפּירלעך, װאָס נישט זײ זענען בכּוח צו שאַפן בעסערע לעבנס-באַדינגונגען, נישט זײ זענען צעשטע־ן דאָס לעבן.

— געערטער הער קאָניאַר, — האָט געזאָגט דער שלאָסער פון גרינװיטש—מ׳זעט באַלד לויט דעם, װי איר דריקט אויס אײערע

---

*) בעזלאַנס אָדער בעסלאַנס איז לויט מאָנטען געװען דער מער פון באָרבאָ. בעזלאַנס —װאָרט-שפּיל אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, נעמט זיך פון baiser la lance, — באַדײט קושן די רוט, װאָס שלאָגט. (באַמ. פון איבערזעצער).

געדאַנקען, אַז איר האָט אַ קנעכטישן גייסט. איר וואָלט זיך גאַנץ אַנדערש אויסגעדריקט וועגן די געזעצן און מיניסטאָרן, ווען איר וואָלט, ווי איך, געהאַט דאָס גליק צו לעבן אונטער דער הערשאַפט פון אַ פרייער רעגירונג.

— הער שיפען,—האָט דער גלח געענטפערט,—אמת פריי איז דער מענטש, וואָס האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון די מיראַזשן פון דער וועלט. וואָס שייך ווידער דער עפנטלעכער פרייהייט, לאַך איך מיך אויס דערפון, דאָס זענען נישט מער, ווי אילוזיעס, וואָס חנפענען די אייטלקייט פון עמי-הארצים.

— איר ווילט מיר הייסט עס דווקא איינרעדן, אַז די פראַנצויזן זענען מאַלפּעס,—האָט הער שיפען זיך אָנגערופן.

— דערלויבט! — האָט מיין פאָטער אַ געשריי געטון און אָנגעהויבן צו פאָכען מיט זיין ריזיקן גאָפל,— מ'באַגעגנט נאָך אַמאָל צווישן זיי ווילדע לייבן.

— אָבער נישט קיין בירגער,—האָט ה' שיפען געענטפערט.— ביי אייך חקרענען זיך אַלע וועגן די עפנטלעכע ענינים, אָבער פון די אַלע וויכּוחים איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן קיין איין שכלדיקער געדאַנק. אייער פאָלק איז אַ מין טומלדיקע מענאַזשעריע.

— מיין הער,—האָט מיין לערער געזאָגט, — אמת איז, אַז די מענטשלעכע קבוצים, בעת זיי דערגרייכן צו אַ געוויסער מדרגה פון ציוויליזאַציע, באַקומען זיי מאַניערן, ווי אין אַ מענאַזשעריע, וואָרים דער פּראָגרעס פון די מדות צווינגט זיי צו לעבן אין אַ שטייג, אַנשטאָט אַרומצושלעפּן זיך אָן אַ ציל איבער די וועלדער. דאָס דאָזיקע זענען מיר טאַקע ביי אַלע אייראָפּעישע פעלקער.

— מיין הער, — האָט דער שלאָסער פון גרינוויטש זיך אָנגערופן, — ענגלאַנד איז נישט קיין מענאַזשעריע. מיר האָבן אַ פּאַרלאַמענט, און די מיניסטאָרן זענען אָפּהענגיק פון אים.

— מיין הער,—האָט דערויף דער גלח געענטפערט, — נישט ווייט איז די צייט, ווען פראַנקרייך וועט אויך האָבן מיניסטאָרן, וואָס וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פּאַרלאַמענט. נאָך מער,

די צייט איז גורם אַ סך ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע פון די מלוכות, און מיר קענען זיך פאָרשטעלן, אַז אין הונדערט יאָר אַרום וועט אין פראַנקרייך הערשן אַ פאָלקס-רעגירונג.

אָבער דעמאָלט, מיין הער, וועלן די מיניסטאָרן, וואָס האָבן היינט אַ נישטיקע באַדייטונג, אינגאַנצן אויפהערן צו שפּילן וועלכע עס איז ראָל. וואָרים אויב זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן מאָנאַרך און אים האָבן זיי צו פאַרדאַנקען זייער מאַכט און די דויערהאַפטיקייט פון זייער מאַכט, וועלן זיי דעמאָלט זיין פולשטענדיק אָפּהענגיק פון דער עפנטלעכער מיינונג און פון איר כּסדרדיקער וואַקלדיקייט.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די מיניסטאָרן האָבן נאָך אַ געוויסע מאַכט אין אַבסאָלוטע מאָנאַרכיעס, ווי מיר זעען דאָס למשל ביי יוסף'ן, דער זון פון יעקב, מיניסטער פון פרעה, און ביי המנען, מיניסטער פון אַחשורוש; ביידע האָבן געהאַט אַ דעה אין דער רעגירונג, דער ערשטער אין עגיפּטן, דער צווייטער אין פּערסיע.

און מחמת דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט אין פראַנקרייך אַ שטאַרקע מאָנאַרכיע און אַ שוואַכן קיניג, איז מעגלעך געווען, אַז אַזאַ רישעליע זאָל קומען צו אַן אַבסאָלוטער מאַכט. אָבער אין אַ פאָלקס-מלוכה וועלן די מיניסטאָרן האָבן אַזאַ נישטיקע באַדייטונג, אַז אַפילו זייער טפשות און שלעכטסקייט וועט נישט אימשטאַנד זיין צו טון דעם פאָלק אַ רעה.

זיי וועלן באַקומען פון די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטן אַן אומזיכערע און ספקדיקע מאַכט; אַזוי ווי זיי וועלן האָבן שוואַכע אויסזיכטן זיך לאַנג צו האַלטן ביי דער מאַכט, וועלן זיי פאַרברויכן זייערע כּוחות אין טאָגטעגלעכע קאַמפן און פירן אַ נעבעכדיקע עקזיסטענץ!

זיי וועלן גאָל ווערן פון אומזיסטער אָנשטרענגונג אַראָפּצולייענען פון די פינף הונדערט פּנימער פון די פאַרזאַמלטע דעפּוטאַטן, ווי אַזוי זיי דאַרפן אָנפירן מיט די מלוכה-ענינים. זיי וועלן זיך מאַטערן אין בלינדער אָנמעכטיקייט, און אַלע זייערע באַמיונגען צו געפינען אַן אָפּשפּיגלונג פון זייערע איי-

נענע געדאַנקען אין די מוחות פון אַ פינצטערער מאַסע, וואָס איז צעברעקלט אויף פאַרשידענע פאַרטייען, וועלן זיין אומזיסט און סוף כל סוף גיין לאיבוד.

זיי וועלן זיך צוגעוויינען גאָרנישט צו טון און גאָרנישט פּאָראויסצוזען און זיך פאַרנעמען בלויז מיט אינטריגעס און שקר. זיי וועלן אַזוי נידריק פאַלן, אַז זייער ירידה וועט קיי־נעם קיין רעה נישט טון, און בלויז זייערע נעמען, אויסגעקריצט דורך שול־קונדסים מיט קויל אויף די ווענט, וועלן אַמוזירן און וויילן די בירגער.

ה׳ שיפען האָט אַלס ענטפער אויף די רייד בלויז אַ הייב געטון מיט די פלייצעס.

— דאָס איז גאַנץ מעגלעך,—האָט ער געזאָגט, — און איך שטעל מיר גאַנץ לייכט פאָר די פראַנצויזן אין אַזאַ מצב.

— אָ!—האָט געזאָגט מיין לערער,—די גאַנצע וועלט גייט אַרויף אויף דעם זעלבן וועג. אַלע מאָל וועט מען מוזן עסן. אָט־אָ דאָס איז די גרעסטע נויטווענדיקייט, וואָס פון איר קומען אַרויס אַלע אַנדערע.

ה׳ שיפען האָט אַראָפּגעטרייסלט דעם אַש פון זיין פּיפקע און געזאָגט:

— איידער דאָס וועט געשעען, דראָט אונז די געפאַר פון אַ מיניסטעריום, וואָס האָט בדעה צו פּריווילעגירן די לאַנד־ווירטן, אָבער דערפאַר רויִנירן דעם האַנדל, אויב מיר וועלן זיי לאָזן קומען צו דער מאַכט. איך מוז שטיין אויף דער וואַך, וואָרים איך בין אַ שלאָסער פון גרינוויטש. כ׳וועל צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע שלאָסערס און האַלטן פאַר זיי אַ רעדע.

ער האָט אַריינגעלייגט זיין פּיפקע אין קעשענע אַריין און איז אַרויס נישט זאָגנדיק צומאָל קיין גוטע נאַכט.

VII

די נייע מיניסטאָרי

(המשך און סוף)

נאָך דער וויעטשערע איז דער גלח זשעראָם קואַניאַר אַרויס צוזאַמען מיט מיר אויף אַ שפּאַציר איבער דער גאַס פון הייליקן זשאַק; דער אָוונט איז געווען אַ שיינער און מען האָט נאָר וואָס אָנגעצונדן די לאַמטערן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן געוועלב פון דער סען־בענואַ־לע־בעטורנע־קירך, און מיט זיין שיינער, דיקער האַנט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר סכאָלאַסטישע זשעסטן, ווי אויך פאַר איידעלע צערטלעכקייטן, האָט ער מיר געוויזן איינע פון די שטיינערנע בענק, אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן פון אַריינגאַנג, אונטער די גאָטישע פיגורן, וואָס אויף זיי זענען געווען אויסגעקריצט פאַרשידענע ניבול־פה־רייד.

— טורנעבראָש, זון מיינער, — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, — אויב דו האָסט חשק, וואָלטן מיר אויף אַ ווייַלע זיך אַוועקגעזעצט אויף די דאָזיקע אַלטע אויסגעריבענע שטיינער, ווו מיט יאָרן צוריק פלעגן זיך אַוועקזעצן פאַרשידענע אומגליקלעכע גאַסן־מיידלעך און באַוויינען זייער עלנט מזל. ס'קאָן זיין, אַז אַ צוויי דריי פון דער אומגעהייערער צאָל אומגליקלעכע האָבן דאָ געפירט אינטערעסאַנטע, באַמערקונגסווערטע שמועסן.

מיר זענען אויסגעשטעלט אויף אַ געפּאַר באַפאַלן צו ווערן פון אַ מחנה פליי. זון מיינער, אַזוי ווי דו ביסט אין די יאָרן, ווען אַ מענטש גיט זיך אָפּ צום שטאַרקסטן מיט ליבע, וועסטדיר פאָרשטעלן, אַז דאָס זענען די פליי פון זשאַנעט די כּלי-זמרין אָדער פון קאַטערינע די העפּטערין, וואָס זענען זיך נוהג צו פאַרברענגען דאָ די פאַרנאַכטן מיט זייערע געליבטע, און זייערע שטעכענישן וועלן דיר דעריבער פאַרשאַפן אַ הנאה. די יוגנט קאָן זיך דערלויבן אויף אַזאַ אילוזיע.

איך, וואָס כ׳בין שוין אַריבער די יאָרן פון תּאַוודיקע בלאָנדזשעניש, וועל פונדעסטוועגן זאָגן, אַז מ׳דאַרף זיך נישט צו שטאַרק איבערנעמען מיט קערפּערלעכע יסורים, וואָרים אַ פילאָזאָף פאַרלירט נישט די גלייכגעוויכט צוליב אַ פּאָר פליי, וואָס זענען איבעריקנס, ווי אַלץ אין דער וועלט, די סודותדיקע באַשעפענישן פון אויבערשטן.

ביי די רייד האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, גלייכצייטיק האָט ער אָבער אַכטונג געגעבן נישט אויפצוּוועקן דעם קליינעם סאַוואַיאַר, וואָס איז געשלאָפן דערלעבן אויף דער שטיינערנער באַנק צוזאַמען מיט זיין ים-חזירל. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

מיטאַמאָל איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער שמועס, וואָס איז געפירט געוואָרן היינט ביים מיטאָג.

— טייערער פּאָטער,—האָב איך אַ פרעג געטון מיין לערער— איר האָט פריער גערעדט וועגן די מיניסטאָרן. די קיניגלעכע מיניסטאָרן האָבן אייך נישט אימפּאָנירט מיט זייער קליידונג רייכטום און חכמה, און איר האָט אַרויסגעגעבן וועגן זיי אַן אורטייל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרייען גייסט, וואָס קיין שום זאַך פאַרחידושט אים נישט.

דערנאָך האָט איר אַרומגערעדט דעם גורל פון די מלוכה-דינער אין אַ פאָלקס-אָרדנונג (אויב אַזאַ אָרדנונג איז בכלל מעגלעך), און איר האָט זיי געשילדערט, ווי מענטשן, וואָס פאַרדינען מער אויף רחמנות, ווי אויף לויב-רייד. צי זענט איר

אַ קעגנער פון פרייע רעגירונגען, וואָס ווערן געגרינדעט לויט די פּאַרציייטיקע מוסטערן?

— זון מיינער,—האָט מיין לערער געענטפערט,—איך אַליין בין פון דער נאַטור מער געניייגט צו אַ פאָלקס רעגירונג. דאָס דאָזיקע לאָזט זיך קודם כל דערקלערן מיט מיין באַשיידענער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, ווי אויך דערמים, וואָס איך האָב צו ביסלעך שטודירט די הייליקע ביבל, וואָרים גאָט אַליין האָט געזאָגט צו שמואלן אין רמתה:

„די זקני ישראל ווילן אַ קיניג, כדי איך זאָל מער נישט הערשן איבער זיי. אָט ווי אַזוי עס וועט אויסזעען דאָס געזעץ פון קיניג, וואָס וועט קיניגן איבער זיי: אייערע זין וועט ער נע-מען און איינשפּאַנען אין זיינע רייטוואָגנס, און ער וועט זיי צווינגען צו לויפן פאַר זיינע קאָטשן. פון אייערע טעכטער וועט ער מאַכן דינסטן, וואָס וועלן פאַר אים צוגרייטן שמע-קעדיקע זאַלבן, קאָכן פאַר אים און באַקן זיין געבעקס.“

אָט אַזוי שטייט געשריבן אין שמואל א, ט. חוץ דעם ווערן מיר דאָרט געוואויר, אַז דער קיניג איז מכבד זיינע אונ-טערגעגעבענע מיט צוויי טרויעריקע מתנות, מיט דער מלחמה און מיטן צענדליק-שטייער.

און אויב ס'איז אמת, אַז די מאָנאַרכיע איז אַ געטלעכע אינסטיטוציע, איז אויך גלייכצייטיק ריכטיק, אַז זי פאַרמאָגט אַלע מענטשלעכע חסרונות, אַז זי איז דורכאויס שלעכט און נאַריש. ס'ווילט זיך גלויבן, אַז דער הימל האָט אונז מזכה גע-ווען מיט די מאָנאַרכיעס פאַר אונזער שטראָף ווענן.

„זיין כעס מוז מען מפייס זיין מיט בלוטיקע קרבנות.

„און אַ מתנה ברענגט מען אים — די שטראָף פאַר אונזערע פאַרברעכנס.“

זון מיינער, איך וואָלט דיר געקאָנט ציטירן אַ סך שיינע שטעלן פון פּאַרציייטיקע מחברים, ווו די שנאה צום דעספּאָטיזם ווערט געשילדערט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט. אויף וויפיל איך געדענק האָב איך זיך אַלעמאָל באַצויגן מיט ביטול צו די שטאַרקע פון דער וועלט, און אינאיינעם מיטן זשאַנסע-

ניסט בלעז פּאַסקאַל פיל איך אַן עקל צו די אַלע, וואָס פּאָכען חוצפּהדיק מיט דער שווערד.

אָט די אַלע סבות זענען גורם, אַז איך זאָל פון גאַנצן האַרצן זיין אַן אָנהענגער פון דער פאָלקס-רעגירונג. איך האָב שוין נישט איינמאָל וועגן דעם געטראַכט, און מיינע אויספירן וועל איך איבערגעבן אין אַ ווערק פון דעם מין, וואָס זיין הויפּט-געדאַנק איז, אַז מ'דאַרף צעברעכן דעם ביין, כדי אַרויס-צובאַקומען דעם מאַרך.

איך וויל דיר געבן צו וויסן, אַז איך האָב בדעה צו פאַר-פאַסן אַ נייעם „שבח פון דער משוגעת" *), וואָס וועט זיין אויס-געלאָזן אין די אויגן פון די אויסגעלאַסענע לייט; דערפאַר אָבער וועלן די חכמים אַנטפּלעקן אין מיין בוך דעם אמת, וואָס וועט זיין פאַרבאָרגן אונטער דער מאַסקע פון טפשות.

מיט איין וואָרט, איך וועל זיין אַ צווייטער עראַזם, און ווי ער וועל איך זאָגן מוסר די פעלקער. און אין איין קאַפּיטל פון מיין בוך וועסטו, זון מיינער, געפינען אַ ריי דערקלערונגען וועגן ענין, וואָס האָט פאַר דיר אַ באַזונדערן אינטערעס. דו וועסט זיך דערוויסן, ווי עס זעט אויס די אמתע לאַגע פון די מיניסטאָרן, וואָס זענען אָפּהענגיק פון דער מאָנאַרכיע אָדער פון דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג.

— טייערער פאָטער, — האָב איך אויסגערופן, — אָ, ווי איך וואָלט שוין וואָס גיכער געוואָלט לייענען אייער בוך! ווען וועט איר אַמאָל אָנשרייבן דאָס דאָזיקע בוך?

— כ'ווייס נישט, — האָט מיין לערער געענטפערט. — און דעם אמת געזאָגט, וועל איך עס דוכט זיך קיינמאָל נישט אָנ-שרייבן. דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. מיר האָבן נישט די מינדעסטע אַנונג, וואָס דער מאָרגן וועט אונז ברענגען, און די דאָזיקע אומזיכערקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער

*) דאָס לעבנס-ווערק פון עראַזם, באַרימטער הומאַניסט, גע-לעבט אין 16-טן יאָרהונדערט. זיינע ווערק צייכענען זיך אויס מיט אַ בייסנדן סאַרקאַזם. (באַמ. פון איבערזעצער).

נאַנצער מענטשלעכער ראַסע, האָט ביי מיר אָנגענומען באַזונ-דערס בולטע פאָרמען, צוליב דעם וואָס איך האָב אין לעבן נעהאַט זייער אַ סך דורכפאַלן.

איך האָב נישט בדעה צו האַלטן אויף דער דאָזיקער באנק אַ גאַנצע פאָ.יטישע אָפּהאַנדלונג. איך וועל דיר לכל-הדעות איבערגעבן, ווי אַזוי איך האָב בדעה געהאַט אין מיין פיקטיוון בוך צו שילדערן די אָפּהעטיקייט און די שלעכטסקייט פון די דינער פון נאַרישן דעמאָס, בעת ער וועט קומען צו דער מאַכט, אויב דאָס וועט טאַקע אַמאָל געשען; ז'אָס דאָ-זיקע קאָן מען קיינמאָל נישט פאָראויסזעען.

וואָרים איך וויל מיך נישט אונטערנעמען צו זאָגן נביאות; דאָס דאָזיקע לאָז איך איבער פאַר די פרומע בתולות, וואָס זאָגן נביאות, ווי למשל די קומאַנער, פערסיקאַנער אָדער טיבור-טינער סיביללע.

לאָסיר זיך אָבער בעסער אומקערן צו אונזער שמועס. ס'איז שוין אַ מעשה פון אַ יאָר צוואָנציק, ווי איך האָב גע-ווינט אין דער רייצנדער שטאָט סע, וווּ איך האָב פאַרנומען דעם פאָסטן פון בישאָפס-ביבליאָטעקאַר.

אַנומלט איז אין יענער שטאָט געקומען אַ וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן-טרופע, וואָס האָט געשפּילט אַ נישטקשהדיקע טראַגע-דיע ערגעץ אין אַ בויד. איך בין אַוועק אויף דער פאָרשטע-לונג און געזען דאָרט אַ רוימישן אימפּעראַטאָר, וואָס זיין פּערוק איז געווען באַפּוצט מיט אַ סך מער לאָרבער-בלעטער, ווי אַ וואָרשט אויפן יאַריד פון סען-לאָראַן.

דער אימפּעראַטאָר איז געזעסן אויף אַ קאַנאַפּישן פאָטעל; זיינע ביידע מיניסטאָרן, געקליידט אין גאַלאַ-מונדירן, מיט אַלע זייערע אָרדנס און אויסצייכנונגען, האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אויף נידריקע בענקלעך פון ביידע זייטן פון פאָטעל. אַלע דריי האָבן געשאַפן דעם מלוכה-ראַט און אָנגעהויבן צו רעדן ביי דער שיין פון לאָמפּן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַן עפּושדיקן ריח.

בעת דער פאָרשטעלונג האָט איינער פון די מיניסטאָרן אויסגעמאָלט אַ קאַריקאַטור פון די קאָנסולן אין די לעצטע טעג

פון דער רוימישער רעפובליק. ער האָט געשילדערט, ווי זיי האָבן אין משך פון זייער קורץ-דויערנדיקער הערשאַפט געוואָלט מיטאַמאָל אַלץ פאַר זיך פאַרכאַפּן; ער האָט זיי כאַראַקטעריזירט, ווי שונאים פון פאָלק, וואָס טראַכטן מיט קנאה וועגן די, וואָס וועלן פאַרנעמען זייער אָרט, הגם אין דער אמתן וואָלטן זייערע נאָכפאָלגער סיי-ווי-סיי געגאַנגען אין זייערע דרכים און גערויבט און געגזלט דאָס פאָלקס-אייגנס.

אָט וואָס ער האָט דעמאָלס געזאָגט:

—„די נעבעכדיקע מושלים, וואָס הערשן בלויז אַ יאָר

—„האָבן בלויז אין זינען, וואָס מער פון פאָלק אַרויס-
צוקוועטשן געלט,

—„און טוען אַלץ, אַז דער, וואָס וועט נאָך זיי די
מאַכט באַקומען

—„זאָל גאָרנישט ירשענען נאָך זיי.

—„זיין פאָסטן האָט אים ווייניק איינגעבראַכט הכנסה,

—„געלעבט האָט ער דעריבער אויפן חשבון פון דער
רעפובליק,

—„זיכער, אַז מ׳וועט אים זיינע זינד פאַרגעבן,

—„ווייל ס׳זעלבע וועט אויך טון זיין נאָכפאָלגער
לטובת הכלל.“

זון מיינער, די דאָזיקע פערזן דערמאָנען מיט זייער סענטענציעזער גענויקייט די עפּיגראַמען פון פּיבראַק און זענען דער בעסטער טייל פון דער טראַגעדיע, וואָס האָט אין זיך שוין צופיל פון דער שרייענדיקער הפקרות אין די צייטן פון דער פראָנדע *). זי איז איבעריקנס פולשטענדיק פאַרקריפּלט געוואָרן צוליב די העראָישע צווייידייטיקע ווערטלעך אינם סטיל פון דער פירשטין דע לאָנגוויל, וואָס טרעט אַרויס אין דער טראַגעדיע אונטערן נאָמען עמיליע.

---

*) מיט דעם נאָמען ווערט באַצייכנט דער בירגער-קריג צווישן דעם קיניגלעכן הויף און פאַרלאַמענט בעת דער מינדעריעריקייט פון לואי דעם פערצנטן. (באמ. פון איבערזעצער).

איך האָב מיך אויסגעלערנט די דאָזיקע פערזן אויף אויסנווייניק, כדי האָבן די מעגלעכקייט זיך טיפער איבער זיי צו פאַרטראַכטן, ווארים אָפטמאָל געפינט מען אַפילו אין ביליקע טעאַטער-פּיעסן גאַנץ שיינע און אָריגינעלע געדאַנקען.

דאָס, וואָס דער דיכטער האָט אין די אויבן-געבראַכטע שורות געזאָגט וועגן די קאָנסולן פון דער רוימישער רעפּובליק, לאָזט זיך אויך איבערטראָגן אויף די מיניסטאָרן פון די דעמאָקראַטישע מלוכות, וואָס זייער מאַכט איז זייער נישטיק.

זיי, די מיניסטאָרן זענען שוואַך, ווארים זיי זענען אָפּהענגיק פון אַ פאָלקס-פאַרזאַמלונג, וואָס איז נישט פעיק אויסצופירן אַפילו די ווייטגייענדסטע און טיף דורכגעטראַכטע פּלענער פון אַ מיניסטער, וואָס שטייט אין דינסט פון אַ נאַרישן און פוילן מאָנאַרך.

די מיניסטאָרן זענען דעמאָלט גרויס, ווען זיי אַרבעטן מיט אַזאַ באַדייטנדער פּערזענלעכקייט, ווי למשל אַ סוללי, אָדער אַ רישעליע, וואָס איז געווען דער פאַקטישער הערשער פון לאַנד. און ווער זעט דען נישט, אַז דעמאָס וועט נישט פאַרמאָגן די קלוגע אויסגעהאַלטנקייט פון אַ אַנרי דער פערטער, אָדער די נאָכגיביקע פּאַסיוויטעט פון אַ לואי דער דרייצנטער?

אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז ער וועט וויסן, וואָס ער וויל, וועט ער פונדעסטוועגן נישט האָבן קיין אַנונג, אויף וואָס פאַראַ אופן צו פאַרווירקלעכן זיין ווילן, און נישט האָבן די זיכערקייט, אַז זיין ווילן קאָן בכלל פאַרווירקלעכט ווערן. מחמת דעם, וואָס ער וועט אַרויסגעבן שלעכטע באַפעלן, וועט מען אים ווינציק האָרכן און ער וועט דעריבער שטענדיק זיין אין איין מורא, אַז מ׳גרייט צו אויף אים אַ פאַרשווערונג.

די דעפּוטאַטן, וואָס ער וועט אַרויסשיקן אין פּאַרלאַמענט וועלן אַ געוויסע צייט מיט דער הילף פון שקרים און קונצשטיקלעך אים שפּייזן מיט פאַרשידענע אילוזיעס ביז ס׳וועט קומען דער מאָמענט, ווען זיי וועלן באַגראָבן ווערן אונטער די חורבות פון באַרעכטיקטע און נישט באַרעכטיקטע פאַרדאַכטן.

די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמ.ונג וועט באַשטיין פון בלויז מיטל-מעטיקייטן, וואָס וועלן געקליבן ווערן פון אַ פינצטערער מאַסע. אין זייערע געדאַנקען וועט הערשן אַ פינצטערניש און אַ תוהו ובוהו. די פירער פון דער רעגירונג וועלן זיי אָנוואַרפן זייער אומקלאָרן ווילן, און זייערע מיניסטאָרן, וואָס וועלן נישט זיין אַזוי מזלדיק, ווי עדיפּ פונם באַקאַנטן מעשהלע, וועלן איינער נאָכן אַנדערן אויפגעפרעסן ווערן דורכן הונדערט-קעפּיקן ספינקס, דער־פאַר וואָס זיי האָבן נישט געטראָפן די רעטעניש, וואָס דער ספינקס אַליין הייבט זי נישט אָן צו פאַרשטיין.

דאָס ערגסטע אומגליק וועט באַשטיין אין דעם, וואָס זיי וועלן שלום מאַכן מיט זייער אָנמעכטיקייט און זיי וועלן רעדן אַ סך אָנשטאָט עפּעס צו טון. מיט דער צייט וועלן זיי ווערן רעדנער, אָבער שלעכטע רעדנער, וואָרים זיי וועט פעלן דער טאַלענט זיך קלאָר אויסצודריקן און דענקען.

זיי וועלן מוזן זיך לערנען רעדן, אַז ס'זאָל נישט הייסן גערעדט, און די קלוגסטע צווישן זיי וועלן זיין געצוווּנגען צו זאָגן ליגנט פונקט ווי די איבריקע. ס'וועט קומען דערצו, אַז די אינטעליגענטסטע צווישן זיי וועלן ווערן די ערגסטע פאַרברעכער.

און אויב נאָך דעם אַלעם וועט זיך צופעליק געפינען אייגער, וואָס וועט זיין פעיק צו שליסן טראַקטאַטן, רעגולירן די פינאַנסן און אָנפירן מיט מלוכה-ענינים, וועלן אים זיינע פעיקייטן און קענטענישן אַבסאָלוט נישט צו נוץ קומען, ווייל ס'וועט אים שטענדיק אויספעלן צייט, און צייט איז ווי באַ-קאַנט דער שטאָף, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר גרויסע אונטערנעמונגען.

די דאָזיקע דערנידריקנדע באַדינגונגען וועלן אָפּנעמען דעם קוראַזש ביי די בעסערע און רייצן די אַמביציע פון די שלעכטע מענטשן. די וויכטיקסטע אַמטן וועלן פאַרכאַפּט ווערן פון עמי-הארצישע בעל-גאַוואהניקעס, און מחמת דעם, וואָס די אָרנטלעכקייט איז נישט קיין נאַטירלעכע מעלה פון מענטש,

וואָרים זי מוז פריער אַ לאַנגע צייט מיט גרויס קונסט און זאָרגעוודיקייט קולטיווירט ווערן, וועלן אין אַ קורצער צייט גאַנצע מחנות שווינדלערס פאַרפלייצן דעם מלוכה-אוצר.

די צרה וועט נאָך זיין גרעסער צוליב די אומאויפהערלעכע סקאַנדאַלן, וואָרים אין אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג איז זייער שווער עפעס צו פאַרבאַהאַלטן, און אַזוי ווי אַ סך וועלן זיך קאָמפּראָמיטירן וועט אויף אַלע פאַלן אַ חשד.

איך וויל נישט דערפון אַרויסדרינגען, זון מיינער, אַז די פעלקער וועלן דעמאָלט זיין אומגליקלעכער, ווי ביים היינטיקן טאָג. אין מיינע פריערדיקע שמועסן האָב איך דיר שוין נישט איינמאָל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער גורל פון אַ פאָלק איז לחלוטין נישט אָפּהענגיק נישט פון קיניג און נישט פון זיינע מיניסטאָרן.

איך וואָלט מגזם געווען, ווען איך וואָלט געהאַלטן, אַז די געזעצן זענען דער קוואַל פון ווילשטאַנד אָדער פון נויט. נישט געקוקט אָבער דערויף איז די גרעסטע צאָל געזעצן אַ צרה פאַרן פאָלק, און איך האָב גאָר שטאַרק מורא, אַז דער צוקונפטיקער פּאַרלאַמענט זאָל נישט אַמאָל מיסברויכן מיט זיין געזעצגעבערישער מאַכט.

דאָס איז דער קלענסטער חטא פון די פּאַסטוכער קאָלען און זשאַנאַ, וואָס איבן זיך איין אין אַרויסגעבן באַפעלן און טראַכטן: „ווען איך וואָלט געווען קיניג!"... אַז זשאַנאַ וועט ווערן קיניג וועט ער אין איין יאָר אַרויסגעבן מער געזעצן, ווי ס'האָט עס נישט באַוויזן צו טון דער קייזער יוסטיניאַן אין משך פון זיין גאַנצער הערשאַפט. אָט דערפאַר טאַקע האָב איך אַזוי מורא פאַר דער הערשאַפט פון אַ זשאַנאָ אָדער זיינס גלייכן...

מיר דאַרפן אָבער אויך נישט פאַרגעסן, אַז די הערשאַפט פון די מלכים און קסרים איז אין גרעסטן טייל פאַלן געווען אַזוי פאַטאַל, אַז מ'וועט גאָרנישט דאַרפן מורא האָבן פאַר אַ פאַרערגערונג. זשאַנאָ וועט מסתמא נישט אָפּטון מער נאַרישקייטן און עוולות, ווי די פירשטן און מלכים, געקרוינט מיט טאָפּעלע אָדער דרייפאַכע קרוינען, וואָס האָבן פון די צייטן פון מבול פאַרפלייצט די וועלט מיט טייכן בלוט.

כ׳וועל גיין ווייטער און זאָגן, אַז די עב-האַרצות און הייסבלוטיקייט פון פּאַסטוך וועלן האָבן אַ געוויסע מעלה, וואָרים זיי וועלן מאַכן אוממעגלעך די אַזוי גערופענע צווישן-מלוכה-קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ווערט גערופן אויסטויש פון די-פּלאָמאַטישע נאָטן, און איר איינציקער צוועק איז בלויז אָנצו-צינדן אַ פייער פון אומנוצלעכע צעשטערערישע מלחמות.

די מיניסטאָרן פון גוטמוטיקן דעמאָס וועלן אומאויפהער-לעך ווערן געשטויסן, געטרעטן, דערנידריקט, אומגעוואָרפן און באַוואָרפן מיט פוילע עפּל און שטינקעדיקע אייער, ווי דער ערגסטער ליץ אויף אַ פאָרשטעלונג, בעת אַ יאַריד; זיי וועלן קיינמאָל נישט געפינען קיין מינוט צייט, כדי אין דער רויקייט און פאַרבאָרגנקייט פון זייערע אַרבעטס-קאַבינעטן, ביי טישן, גע-דעקט מיט גרינעם טוך, צוגרייטן מאַסן-הריגות פון מענטשן, וואָרים לויט זייער מיינונג זענען די דאָזיקע הריגות אומבאַדינגט נויטיק, כדי איינצוהאַלטן די אייראָפּעישע גלייכגעוויכט, וואָס איז אין דער אמתן אויסגעטראַכט געוואָרן ספּעציעל פאַר די דיפּלאָמאַטן. ס׳וועט שוין מער נישט עקזיסטירן קיין אויסלענדישע פּאָליטיק, און דאָס וועט זיין אַ גרויס גליק פאַר דער אומגליקלעכער מענטשהייט.

ביי די רייד האָט מיין לערער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געזאָגט:

– שוין צייט אַהיימצוגיין, זון מיינער, ווייל די פליי האָבן אָפּניט זיך אַריינבאַקומען אין מיין אַנצוג, וואָס איז אין אַ סך ערטער פול מיט לעכער. אויב מיר וועלן לענגער פאַרבלייבן זיצן אונ-טערן דאָזיקן געוועלב, וועלן מיר פאַרטרייבן די ווילדע עלע-גאַנטע יונגען פון קאַטערינע און פון זשאַנעט, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זייערע ליבע-צערטלעכקייטן.

VIII

די שטאָטישע ראַטמענער

יענעם אָווגט זענען מיר, מיין לערער און איך, אַוועק אין דער שענק „אונטערן קליינעם באַקכוס", ווו מיר האָבן שוין געטראָפן קאַטערינע די העפטערין, דעם לאָמען שליפּער און מיין טאַטן. אַלע דריי זענען געזעסן לעבן טיש ביי אַ קרוג וויין, וואָס פון איר האָבן זיי שוין אויף אַזוי פיל טועם געוועזן, כדי אַריינצופאַלן אין אַ פריילעכער שטימונג.

מ׳האָט געזאָלט אויסקלייבן לויט אַלע פאָרמאַליטעטן צוויי פון פיר ראַטמענער, און מיין טאַטע האָט באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע אין הסכם מיט זיין געזעלשאַפטלעכער שטעלונג און שכל.

— דאָס גאַנצע אומגליק, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איז, וואָס מ׳קלויבט אויס ראַטמענער צווישן באַאַמטע און אַדל און נישט צווישן קוכערס און שענקערס; ס׳איז שלעכט, וואָס זיי באַקומען זייער מאַכט פון קיניג און נישט פון די סוחרים, און ראשית כל פון דער פּאַריזער קוכער-קאָרפּאָראַציע, ווו איך פיר אויס די פונקציעס פון אַ פאָנען-טרעגער.

ווען מיר וואָלטן זיי אַליין אויסגעקליבן, וואָלטן זיי בלי ספק בטל געמאַכט דעם מעשר און דעם שטייער פון זאַלץ, און מיר אַלע וואָלטן געווען די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. אויב די וועלט גייט נישט צוריק, ווי אַ קרעבס, וועט

אַמאָ, אָבער מ׳ז קומען דער טאָג, ווען די ראַטמענער וועלן געקליבן ווערן צווישן אונז.

— איר מעגט זיין גאַנץ זיכער, — האָט דער גלח קואַניאַר געזאָגט, — נישט ווייט איז שוין דער טאָג, ווען די ראַטמענער וועלן אויסגעקליבן ווערן פון די באַלעבאַטים און פון די אַרבעטער.

— היט אייך מיט אייערע רייד, געערטער פּאָטער, — האָט דערויף מיין טאַטע געענטפערט און פאַרצויגן די ברעמען. — אויב די אַרבעטער און געזעלן וועלן האָבן אַ דעה ביי דער וואַל פון ראַטמענער, וועט אַלץ גיין פאַרלוירן.

בעת איך בין געווען אַ געזעלן, האָב איך געטראַכט בלויז וועגן דעם, וואָס מער שאַדן צו ברענגען מיין באַלעבאָס און זיין פרוי. איצט, אַז איך בין געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך און כ׳האָב חתונה געהאַט, האָב איך ענג צונויפגעבונדן די פּאָלי-טיק מיט מיינע פּערזענלעכע ענינים.

לעסטורזשאָן, אונזער גאַסטוואירט האָט אונז געבראַכט אַ קרוג ווייַן. ער איז געווען אַ רויטער, פלינקער און דורכגע-טריבענער פאַרשוין.

— איר שמועסט וועגן די נייע ראַטמענער, —האָט ער זיך אָנגערופן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די פויסטן אָן די היפטן. — איך וואָלט מיך שטאַרק געפרייט, ווען זיי וואָלטן בלויז געהאַט אַזוי פיל חכמה ווי די אַמאָליקע שטאָט-גדולים. יענע האָבן דעם אמת געזאָגט נישט געהאַט אַזאַ געניטע ידיעה אין די עפנטלעכע ענינים, אָבער מיט דער צייט האָבן זיי זיך אָנגע-הויבן צו אָריענטירן אין די שטאָטישע ענינים.

איר ווייסט דאָך מסתמא, טייערער הער לעאָנאַרד (ער האָט גערעדט צו מיין פּאָטער), אַז די שולע, ווו ס׳לערנען זיך די קינדער פון רי סען-זשאַק, איז אַן אַלטע הילצערנע געביידע, און דער מינדעסטער פונק איז גענוג, אַז זי זאָל אַוועק מיטן רויך און ס׳זאָל פון איר איבערבלייבן אַ באַרג אַש. איך בין דעריבער אַוועק צו די הערן ראַטמענער פון שטאָט-ראַט, און זיי דערלאַנגט אַ פּעטיציע.

מיין בריוו האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין איב-

ריק שיינעם סטיל, וואָרים איך האָב אים געגעבן צו שרייבן פאַר זעקס סו עפּעס אַ שרייבערל, וואָס האָט זיין קאָנצעלאַריע ערגעץ אויף וואַל-דע-גראַס.

אין מיין בריוו האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט די הערן ראַטמענער אויף דער געפאַר, אויף וועלכער עס זענען אויסגעשטעלט די קליינע קינדער, וואָס קאָנען אין איין שיינעם טאָג אָפּגעוועדזלט ווערן אויף וואָרשטלעך. איך האָב אויך געבעטן, זיי זאָלן חס האָבן אויף די אָרעמע מאַמעס, וואָס וואָלטן מסתמא דאָס אומגליק נישט איבערגעלעבט.

דער ראַטמאַן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די שול-ענינים האָט מיר אין דריי חדשים אַרום געענטפערט אין אַ העפלעכן טאָן, אַז ער איז באמת שטאַרק באַזאָרגט צוליב דער געפאַר, וואָס דראָט די קליינע קינדער פון דער רי סבן-זשאַק, און אַזוי ווי ער וויל טאַקע אויסמיידן אַ שרפה, שיקט ער מיר צו פאַר די שילער אַ ספּעציעלע פּאָמפּע אויף צו לעשן דאָס פייער.

דער קיניג, האָט ער צוגעגעבן אין זיין בריוו, האָט צום אָנדענק פון זיינע נצחונות, געלאָזט אויסבויען אַ ברונעם, אַ צוויי הונדערט טריט ווייט פון דער שולע, עס איז דעריבער נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ס'זאָל אויספעלן וואַסער, און די קינדער וועלן גאָר גיך זיך אויסלערנען, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט אַ פייערלעשער-פּאָמפּע.

אַז איך האָב איבערגעלייענט דעם דאָזיקן בריוו, האָב איך פאַר גרויס כעס אַזש אַ שפרונג געטון ביז צום סאַמע סופיט. איך בין אויפסניי אַוועק צום שרייבער פון וואַל-דע-גראַס און אים געהייסן אָנשרייבן פאָלגנדן בריוו:

„זייער חשובער שטאָט-טאַטע! אין דער שולע אויף רי סען - זשאַק לערנען צוויי הונדערט יונגלעך, וואָס דער עלטסטער פון זיי איז אַלט זיבן יאָר. אָט דאָס דאַרפן לויט אייער מיינונג זיין גלענצנדע פייער-לעשער, וואָס וועלן לעשן דאָס פייער אין אַן עת-צרה? נעמט גלייכער צו אייער פּאָמפּע און הייסט אויסבויען אַ נייע געמויערטע שולע."

דער דאָזיקער בריוו, פּונקט ווי דער ערשטער, האָט מיך אויך געקאָסט גאַנצע זעקס סו, שוין צוזאַמען מיטן פּאַפּיר און סטעמפּל-אָפּצאָל. מיין געלט איז אָבער נישט געגאַנגען פאַרלוירן, ווייל נאָך צוואַנציק חדשים האָב איך באַקומען אַן ענטפער, ווו דער זעלבער ראַטמאַן האָט מיך פייערלעך פאַרזיכערט, אַז די שול-יונגלעך פון רי סען-זשאַק האָבן כּשר פאַרדינט, דער פּאַריזער מאַגיסטראַט זאָל טראַכטן וועגן זייער זיכערקייט.

דערמיט האָט זיך אַלץ געענדיקט. און זאָל דער דאָזיקער ראַטמאַן חס וחלילה פאַרלאָזן זיין פּאָסטן, וועל איך ווידער מוזן אָנהייבן פון דאָס ניי און אויפסנייי באַצאָלן צוועלף סו דעם שרייבער פון וואַל-דע-גראַס.

—אָט, פאַרוואָס, געערטער הער לעאָנאַרד,—האָט ער פאַרענדיקט זיין דערציילונג, — איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס אין מאַגיסטראַט זיצן מענטשן, וואָס וואָלטן פיל מער אויפגעטון, ווען זיי וואָלטן געטאַנצט אויף די יאַרידן, איז שוין אָבער גלייכער, אַז ס׳זאָלן פאַרבלייבן די אַלטע לא יצלחס, איידער אויף זייער אָרט זאָלן קומען נאָך גרעסערע שלימזלניקעס.

— איך ווידער, — האָט קאַטערינע זיך אָנגערופן, — האָב אַ טענה צום אויספאָרשונגס-ריכטער. ער דערלאָזט, אַז זשאַנעט די כּלי-זמרקע זאָל זיך יעדן טאָג אַרומשלעפּן לעבן דער קירך פון הייליקן בענואַ-לע-בעטורנע. דאָס איז אַ שרעקלעכע חרפּה. זי שלעפּט זיך אַרום איבער די גאַסן אין דער באַגלייטונג פון אַ באַנדע געמיינע שקצים.

מ׳וואָלט באַדאַרפט רעזערווירן די עפנטלעכע ערטער פאַר אָרנטלעכע מיידלעך, וואָס קליידן זיך אָנשטענדיק.

— אָ! — האָט דער לאָמער שלייפער אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן, — איך האַלט להיפך, אַז די טראָטואַרן און גאַסן דאַרפן זיין פאַר אַלע מענטשן. איך האָב נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון אונזער גאַסט-ווירט לעסטורזשאָן און כ׳בין אַוועק צום שרייבערל פון וואַל-דע-גראַס, וואָס האָט אין מיין נאָמען אָנגעשריבן אַ שיינע ביטע לטובת די אָרעמע גאַסן-בעלי-מלאָכות.

קוים באַוויז איך מיך מיט מיין וועגעלע צווישן אָרנטלעכע מענטשן, קומט באַלד צו לויפן אַ פּאָליציאַנט, וואָס וואַרפט אויף מיר אָן אַ פּחד, און טאָמער טרעפט זיך, אַז אַ צוויי לאָקייען אָדער אַ דריי דינסטמיידלעך שטעלן זיך אָפּ פאַר מיין וועגעלע, פּאַלט באַלד אָן אויף מיר אַ ווילדער מחבל, געקליידט אין אַ שוואַרצן אוניפאָרם און באַפעלט מיר אין נאָמען פון בעזעץ זיך אָפּצוטראָגן כּהרף־עין דאָרט, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

דאָ, זאָגט ער צו מיר, געפין איך מיך אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז פאַרדונגען געוואָרן צו קרעמערס, אַ צווייט מאָל, זאָגט ער, געפין איך מיך אויף דער טעריטאָריע פון שלייפער לעבאָרן, וואָס קויפט אויס אַ פּאַטענט. אַן אַנדערש מאָל מוז איך אָפּטרעטן דעם וועג פאַר דער קאַרעטע פון אַ פּרינץ אָדער אַ הויכגעשטעלטן גייסטלעכן.

און אָט אַזוי מוז איך אין איין איילעניש אַלע ווילע צונויפזאַמלען מיינע מכשירים און מאַכן פּיס. איין נס איז נאָך, וואָס די לאָקייען און די דינסטמיידלעך נוצן נישט אויס די בהלה און לקחנען מיר נישט צו אַ פּאָר טיץ מעסערלעך, וואָס מ׳אַרבעט אויס אין שאַטערלאַ.

איך האָב שוין נישט קיין כּוח אויסצוהאַלטן לענגער די צרות. איך בין שוין נישט אימשטאַנד מער איבערצוטראָגן די אומגערעכטיקייטן מצד די, וואָס רעדן אין נאָמען פון דער יוסטיץ, איך האָב בנאמנות גרויס חשק זיך צו צעבונטעווען.

— דערפון דרינג איך אַרויס, — האָט זיך אָנגערופן מיין לערער, — אַז איר זענט אַ גרויסהאַרציקער שלייפער.

— איך בין גאָרנישט גרויסהאַרציק, חשובער פּאָטער, — האָט דער שלייפער באַשיידן געענטפערט. — פּונקט דער היפך, איך וויל נקמה נעמעז, און די ליידנשאַפט האָט מיך געשטויסן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע. בסוד־סודות פאַרקויף איך לידלעך קעגן קיניג, קעגן זיינע קעפּס־ווייבער און מיניסטאָרן.

אין מיין וועגעלע איז פאַראַן זייער אַ גרויסער אויסוואַל פון דער דאָזיקער סחורה. גיט נישט אויס מיין סוד. אָט למשל

יענץ לידל װעגן די צװעלף פײפּערלעך איז ממש אױסגעצײכנט.

— איך װעל אײך נישט פאַרראַטן, — האָט מײן טאַטע געזאָגט. — פאַר מיר האָט אַ שײן לידל דעם זעלבן װערט, װאָס אַ גלעזל װײן און אפשר נאָך מער. איך האָב אױך גאָרנישט קעגן גוט געשאַרפטע מעסערס, און איך פאַרגין אײך פון גאַנצן האַרצן, אַז איר זאָלט פאַרקױפן װאָס מער מעסערט, װאָרים יעדער מענטש דאַרף לעבן און פאַרדינען אױף פּרנסה.

איר מוזט אָבער גלײכצײטיק פאַרשטײן, אַז מ׳קאָן נישט דערלױבן, די גאַסן־האַנטװערקער זאָלן קאָנקורירן מיט די קרע־מער, װאָס האָבן אַן אײגענע קראָם, קױפן אױס אַ פּאַטענט און צאָלן שטײערן. דאָס װאָלט סותר געװען די געזעלשאַפט־לעכע אָרדנונג, און דעריבער קאָן עס בשום אופן נישט טאָלע־רירט װערן.

די חוצפּה פון די דאָזיקע גאַסן־שלעפערס איז פשוט אָין שעור. צו װאָס װאָלט דערגאַנגען, װען מ׳װאָלט זײ נישט גע־האַלטן אין צױם?

אָט למשל פאַראַיאָרן האָט אַ פױער פון מאָנרוזש זיך אָפּגעשטעלט לעבן מײן קראָם און פאַרקױפט געבראָטענע טײ־בעלעך מיט גאַנצע צװײ סו װױנציקער, װי איך. טאָמער איז אײך דאָס נאָך װײניק געװען, האָט ער גענומען שרײַען מיט אַ הױך קול, פון װעלכן די שױבן פון מײן קראָם האָבן אַזש אָנגעהױבן ציטערן:

— געבראָטענע טײבעלעך פאַר פינף סו! אפשר הונדערט מאָל האָב איך אים געדראָט מיט מײן גרױסן גאָפּל. ער האָט אָבער געמאַכט אַ תּמעװאַטע פּנים און מיר געענטפערט, אַז די גאַס איז געמאַכט געװאָרן פאַר אַלעמען.

איך בין סוף־כּל־סוף געצװוּנגען געװען אַרײנצוטראָגן אַן אָנקלאַגע אין דער פּאָליצײ, װעלכע האָט מיך ענדלעך באַפרײַט פון דעם דאָזיקן שלעפער.

איך װײס נישט, װאָס ס׳איז מיט אים געשען, אָבער ביזן הײנטיקן טאָג האָב איך אױף אים אַ רוגזה, װאָרים בעת איך פלעג זען, װי מײנע שטענדיקע קונים קױפן בײ אים

געבראָטענע טייבעלעך פאַרלעכווייז און אַפילו גאַנצע טוצן, האָב איך פאַר גרויס קרענקונג באַקומען די געלזוכט און אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט פטור ווערן פון אַ מרה-שחורה.

אָ, ווי וואָלט איך געוואָלט, מ'זאָל אים אויסטון נאַקעט, אויסשמירן מיט פעך און איינהילן אין אַזוי פיל פעדערן, וויפיל ער אַליין האָט זיי אויסגעצופט פון די טויבן, וואָס ער האָט פאַרקויפט הינטער מיין נאָז, און אין אַזאַ הילוך, פאַרפעדערט פון קאָפּ ביז פיס, זאָל מען אים פירן פאַר אַ שטריקל איבער די גאַסן.

— געערטער הער לעאָנאַרד, — האָט דער לאָמער שלייפער געענטפערט, — איר זענט צו שטרענג צו די אָרעמע לייט. מיט אַזאַ האַנדלונג שטויסט מען זיי אין די אָרעמס פון אומגליק.

— מיין טייערער הער, — האָט מיין לערער זיך געווענדעט מיט אַ שמייכל צום לאָמען שלייפער, — איך וואָלט אייך געגעבן אַן עצה צו פאַרפאַסן אַ סאַטירע אויפן מייסטער לעאָנאַרד און געבן זי איבערצושרייבן פאַר אַ פּאָר גראָשן אַ שרייבערל פון דער סען-אינאָסאַן-קירך. איר וואָלט די דאָזיקע סאַטירע פאַרקויפט צוזאַמען מיט אייער לידל וועגן די צוועלף פייפערלעך פון קיניג לואי.

מ'וואָלט באַדאַרפט אַ ביסל אָנלערנען אונזער פריינד צוליב דעם, וואָס מיט זיין קריכערישקייט לגבי דער מאַכט שטרעבט ער נישט צו פרייהייט, נאָר צו אַ טיראַנישער אָרדנונג.

פון אַלע אייערע רייד, מיינע הערן, בין איך געקומען צו איין אויספיר, אַז די שטאָטישע פּאָליציי האָט זייער אַ שווערע אויפגאַבע, וואָרים זי מוז שלום מאַכן צווישן פאַרשידענע ענינים, וואָס זענען זיך אָפּטמאָל שטאַרק סותר. חוץ דעם בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער עפנטלעכער וווילשטאַנד איז געפורעמט פון אַן אַ שיעור פריוואַטע נויטן, און סוף-כל-סוף איז מיר באמת אַ גרויס ווונדער, וואָס מענטשן, פאַרשלאָסן אין די מויערן פון איין שטאָט, פרעסן זיך איינס דאָס אַנדערע נישט אויף. דאָס איז באמת אַ גרויס גליק מן השמים, וואָס די מענטשן זענען פון דער נאַטור גרויסע פּחדנים.

דער עפנטלעכער פרידן שטיצט זיך אויסשליסלעך אויף דעם, וואָס די בירגער פון איין מלוכה האָבן פשוט מורא פאַר די בירגער פון אַן אַנדערער מלוכה, און דער דאָזיקער פחד וועקט אין זיי אַ קעגנזייטיקן רעספּעקט. איבער די בירגער געפינען זיך די פּרינצן און מלכים, און אַזוי ווי זיי באַמיען זיך ווי ווייט מעגלעך, אַז די בירגער זאָלן ציטערן פאַר דער הערשנדער מאַכט, פאַרזיכערן זיי אויף אַזאַ אופן דעם וועלט-שלום.

וואָס שייך ווידער אונזערע שטאָט-טאַטעס, האָבן זיי אַ גאַנץ באַגרענעצטע מאַכט, און זענען אין דער אמתן נישט אימשטאַנד אונז צו ברענגען קיין שאָדן, ווי אויך נישט קיין נוצן. זייער איינציקער פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי טראָגן גרויסע שטעקנס און פּערוקן.

איר דאַרפט אָבער אויף זיי נישט האָבן קיין פאַראיבל, וואָס זינט דער לעצטער צייט ווערן זיי נאָמינירט דורכן קיניג און האָבן דעם טיטל: אָפיצירן פון דער קיניגלעכער קרוין.

זיי זענען פריינד פון קיניג, און דעריבער זענען זיי גלייכצייטיק שונאים פון אַלע איבעריקע בירגער. און די דאָזיקע שנאה איז גאָך ווי עס איז אויסצוהאַלטן, ווי לאַנג זי נעמט אַרום גלייכמעסיק דאָס גאַנצע פאָלק. פון דאָזיקן רעגן פאַלן אויף אונז אַראָפּ קוים עטלעכע טראָפּן.

אַז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען די שטאָט-טאַטעס וועלן געקליבן ווערן דורכן פאָלק (ווי דאָס איז געווען אין די ערשטע צייטן פון דער מאָנאַרכיע), וועלן זיי האָבן אין שטאָט סיי פריינד, סיי שונאים.

די, וואָס וועלן אויסגעקליבן ווערן דורך די סוחרים, וועלכע קויפן-אויס פּאַטענטן און צאָלן שטייערן, וועלן רודפן די גאַסן-פאַרקויפער. די, וואָס וועלן נעקליבן ווערן פון די גאַסן-פאַרקויפער, וועלן אָנטון צרות די סוחרים. די ראַטמענער, וואָס וועלן געקליבן ווערן פון די בעלי-מלאָכות, וועלן שטרעבן צו ברענגען שאָדן די אַרבעטס-געבער.

דאָס וועט ברענגען צו אומאויפהערלעכע קריגערייען און

רייסעניש. און דער סוף וועט זיין, אַז דער גאַנצער שטאָטראַט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ טומלדיקן יאַריד, ווו יעדער וועט מיט געוואַלט וועלן דורכפירן די פאָרשלאַגן פון זיינע ווייבער.

פונדעסטוועגן שטעל איך מיר פאָר, אַז מ׳וועט אין די שפּעטערע צייטן לחלוטין נישט באַדויערן די אַמאָליקע ראַטמענער, וואָס זענען געווען אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון פרינץ. די שרייענדיקע און טומלענדיקע גאַווה פון די נייע שטאָטטאַטעס וועט בלויז אַמוזירן די בירגער און יעדער איינער וועט ווי אין אַ שפּיגל, זען אין זיי זיין אייגענעם פּרצוף.

די נייע שטאָט-פירער וועלן האָבן אַ מיטלמעסיקע מאַכט. מחמת דעם, וואָס זיי וועלן אַרויסקומען פון פאָלק, וועלן זיי נישט האָבן קיין כּוח צו פאַרבלייבן אין זייער אַמאָליקן צושטאַנד, ווי אויך זיך נישט דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. די רייכע וועלן זיך שרעקן פאַר זייער חוצפּה און די אָרעמע לייט וועלן זיי באַשולדיקן אין פוילקייט און פּהדנות, בעת אין דער אמתן וואָלט מען בלויז באַדאַרפט פעסטשטעלן זייער טומלענדיקע אומבאַהאָלפנקייט.

חוץ דעם אַלעם וועלן זיי פאַרמאָגן די פעיקייט אויסצופירן די נעווינלעכע טאָגטעגלעכע פונקציעס, זיי וועלן פאַרוואַלטן מיטן עפנטלעכן פאַרמעגן מיט יענער צופרידנשטעלנדיקער נישט־צופרידנשטעלנדיקייט, וואָס מ׳קאָן אַלעמאָל דערגרייכן און פונדעסטוועגן קאָן מען קיינמאָל נישט איבערגיין איר גרענעץ.

אָ!—האָט מיין טאַטע אַ שווערן זיפץ געטון— איר האָט זייער שיין גערעדט, טייערער פאָטער, — אויף היינט האָבן מיר שוין אָבער גענוג. לאָמיר נעמען אַ פרישע כּוסה!

XI

די וויסנשאַפט

אַנומלט האָבן מיר, מיין לערער און איך, זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר אַזש ביז צו פּאָן-נעף-בריק, וואָס פון אירע ביידע זייטן האָבן די מוכר-ספרימניקעס אַרויסגעשטעלט צום פאַרקויפן פאַרשידענע ראָמאַנען און מוסר-ספרים. פאַר צוויי סאָלדן קאָן מען דאָרט קויפן די „אַסטרעאַ” און „כּורש דעם גרויסן”, וואָס זענען שטאַרק גענוצט און פאַרפעצט געוואָרן פון די פּראָווינציעלע לעזער, ווי אויך אַ „זאַלב קעגן אַ בראַנד-וווּנד” און פאַרשידענע אַנדערע יעזויִטישע ווערק.

מיין לערער, בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן די ביכער-שטעלן, פלעגט ער זיך נוהג זיין צו בלעטערן און לייענען בחפזון אַ פּאָר זייטלעך. קויפן אַ בוך פלעגט ער גאַנץ זעלטן, וואָרים אים האָט אַלעמאָל אויסגעפעלט אַן איבעריקער גראָשן, טאָמער האָט ער יאָ פאַרמאָגט אַמאָל זיין אייגנס זעקס סו. פלעגט ער זיי פאַרגראָבן ערגעץ אין אַ הינטער-קעשענע, כּדי זיי דערנאָך אויסצוגעבן אין דער שענק „אונטערן קליינעם באַקכוס”.

ס'איז אים איבריקנס נישט געגאַנגען אַזוי שטאַרק אין לעבן צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די ערדישע גיטער, און ער האָט נישט געהאַט דעם מינדעסטן חשק צו האָבן אַפילו דאָס ווערק פון בעסטן שרייבער. פאַר אים איז שוין גענוג געווען, ווען

ער האָט געקענט די ווירטיקסטע שטעלן פון זיין באַליבט בוך, און דערפאַר האָט ער דערנאָך געשעפט פון זיי אָן אַ שיעור מאַ־טעריאַל פאַר זיינע גלענצנדע געדאַנקען און ווערטלעך.

די קראָמען פון פאַן־נעף האָבן אים פאַרשאַפן אַ באַזונ־דערן פאַרגעניגן, וואָריט די ביכער זענען געווען דורכגעזאַפט מיט אַ ריח פון שמאַלץ, וואָס האָט זיך אַהער דערטראָגן פון די שכנותדיקע קראָמען, ווו מ׳פלעגט פאַרקויפן געפּרעגלטע פּרוכטן אין טייג; און דער דאָזיקער גרויסער מאַן האָט איינ־געזאַפּט אין זיך די געשמאַקע ריחות פון דער קיך גלייכצייטיק מיטן ריח פון דער וויסנשאַפט.

ער האָט אַרויפגעזעצט די ברילן אויף דער נאָז און גע־נומען באַטראַכטן די אויסשטעלונג פון אַ קרעמער, דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ צופרידנקייט פון אַ מענטש, וואָס אַלץ ברענגט אים אַריין אין אַ פריילעכע שטימונג, וואָרים עס שפּיגלט בלויז אָפּ די חדוה פון זיין נשמה.

— טורגעבראָש, זון מיינער, — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, — גיב אַ קוק אויף אָט די אויסגעשטעלטע ביכער. וואָס זענען פאַבריצירט געוואָרן אין יענע צייטן, ווען די דרוק־קונסט איז נאָך געווען, אַזוי צו זאָגן, אין די וויקעלעך; און די דאָ־זיקע ביכער זענען אַ בולטער באַווייז, ווי רוי און אומגעשליפן עס זענען געווען אונזערע עלטערזיידעס.

אָט דאָרטן זע איך אַ באַרבאַרישע כראָניק פון מאָנטרעלע, וואָס אין איר איז פאַראַן מער ביטערקייט און גאַל, ווי אין אַ גאַנצן טאָפּ מושטאַרדע; דאָ האָסטו אַ צוויי דריי לעבנס־באַשרייבונגען פון דער הייליקער מאַרגעריט, וואָס אַלטע ווייבער פלעגן אַמאָליקע צייטן צולייגן אַלס קאָמפּרעסן צום בויך, בעת זיי זענען געגאַנגען צו קינד.

עס וואָלט פּשוט אוממעגלעך געווען צו באַגרייפן, ווי אַזוי די אַמאָליקע מענטשן האָבן געקאָנט לייענען און שרייבן אַזעלכע אומגעלומפּערטע נאַרישקייטן, ווען נישט די תּורה, וואָס האָט אונדז געלערנט, אַז די מענטשן ווערן געבוירן נישט קיין איבעריק גרויסע חכמים.

און אַזוי ווי איך האָב זוכה געווען צום ליכט פון דער אמונה, סיי בעת איך האָב געזינדיקט אין בעט, סיי ביים טיש, באַגרייף איך אפשר פיל מער די נאַרישקייט פון די פאַרגאַנגענע צייטן, ווי די אינטעליגענץ פון דער איצטיקער צייט, וואָס קומט מיר פאָר, דעם אמת געזאָגט, אילוזאָריש און אויבערפלעכלעך, אַזאַ, ווי זי וועט פאַרקומען די קומענדיקע דורות; וואָרים דער מענטש איז אין תוך געגומען אַן אומגעלומפּערטע חיה, און דער כלומרשטער פּראָגרעס פון זיין גייסט איז ב״ווין אַ מיראַזש פון דעם אומרו, וואָס עקבערט זיין נשמה.

אָט דערפון נעמט זיך עס טאַקע, זון מיינער, וואָס איך באַצי מיך מיט אַזאַ אומצוטרוי צו דער אַזוי געריפּענער וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע; לויט מיין מיינונג איז זי נישט מער, ווי אַ פוסטער מיראַזש, וואָס דורך איר ברענגט אונז דער יצר־הרע צו אַ נסיון. דו ווייסט מסתמא גאַנץ גוט, אַז איך בין זייער ווייט צו גלייבן אין די אַלע טייוולאָנישע מעשות, וואָס שרעקן אַזוי איבער דעם המון.

איך האַלט, ווי די קירכלעכע פאַטערס, אַז דער נסיון איז אין אונז, און אַז שדים און שלעכטע רוחות האָבן זייער מקור אין אונזער נשמה. איך האָב אָבער אַ גרויסע תרעומה צום הער דעקאַרט און אַלע די פילאָזאָפן, וואָס האָבן נאָכגעטון זיין ביישפיל און אין דער דערקענטעניש פון דער נאַטור געזוכט די כללים פון לעבן און די פּרינציפּן פון דער מענטשלעכער הנהגה.

וואָרים וואָס איי דען, זון מיינער, טורנעבראָש, די דערקענטניש פון דער נאַטור, אויב נישט אַ שפּיל פון אונזערע חושים? און וואָס איז דען, פרעג איך דיך, די אַזוי געריפּענע וויסנשאַפט מיט די אַלע געלערטע, אָנהייבנדיק פון גאַסענדי, וואָס איז לחלוטין נישט געווען קיין נאַר און געענדיקט ביי דעקאַרט און זיינע תלמידים, און ענדלעך ביי יענעם פּרייַלעכן טפש, הער פאָנטענעל?

אַ פאָר בריוון, זון מיינער, אַ פאָר בריוון, פונקט ווי די, וואָס איך טראָג אויף מיינע אויגן. אַלע מיקראָסקאָפּן און שפּאַק־

טיוון זענען אין דער אמתן נישט מער ווי אַ פּאָרברילן, וואָס פירן אונז בעסער אַראָפּ פון וועג.

ס'איז טאַקע אמת, אַז מ'זעט דורך זיי בעסער, ווי דורך מיינע שפּאַקולן, וואָס איך האָב איינגעהאַנדלט פאַראַיאָרן ביי אַן אַפּטיקער אויפן יאַריד אין סען-לאָראַן. דורך דער לינקער בריל זע איך אַ סך בעסער; צום אומגליק איז זי צעבראָכן געוואָרן דעם לעצטן ווינטער מיט אַ קלאַפּ פון אַ בענקל, וואָס דער לאָמער שלייפער האָט געוואָרפן מיר אין קאָפּ אַריין, ווארים ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז איך האָב אַרומגענומען קאַטע-רינע די העפטערין. דאָס איז אַ גראָבער בעל-גוף, וואָס איז פולשטענדיק באַהערשט פון דער קערפּערלעכער תּאווה.

אַזוי איז עס, טורנעבראָש, זון מיינער, אָט די אַלע אינ-סטרומענטן, וואָס מיט זיי האָבן די געלערטע און סתּם נייגע-ריקע פאַרפולט זייערע גאַלעריעס און קאַבינעטן, אָט די אַלע פאַרגרעסער-גלעזער, אַסטראָלאַבן און בוסאָלן, זענען אין דער אמתן נישט מער, ווי אַ מיטל צו פאַרגרעסערן די אָפּנאַרעריי פון די חושים.

וואָס מער אונז דוכט זיך, אַז מיר דערנענטערן זיך צו דער נאַטור, אַלץ מער וואַקסט דער פאַטאַלער תּהום פון עמ-האַרצות, וואָס רינגלט אונז אַרום.

די געלערנטעסטע צווישן אונז אונטערשיידן זיך פון די עמי-האַרצים בלויז דערמיט, וואָס זיי זענען אַ סך מער געאיבט אינם אַמוזירן זיך מיט דער אומגעהייערער צאָל קאָמפּליצירטע טעותים און פעלערס.

זיי קוקן אויפן וועלטאַל דורך אַ געשליפענעם טאָפּאַז, איינגעפאַסט אין אַ ראַם, אַנשטאָט צו קוקן אויף אים מיט די אויגן, ווי גאָט האָט געהייסן און ווי ס'טוט עס למשל דיין פרומע, גאָטספאָרכטיקע מאַמע. די אויגן, וואָס קוקן דורכן שפּאַקטיוו בלייבן אָבער די זעלבע וואָס פריער, זיי ענדערן נישט אַפילו אויף קיין איין האָר דעם שטח פון חלל. נישט געקוקט דערויף, וואָס די מענטשן באַנוצן גאָר עמפּפינדלעכע וואָגן, בלייבט אָבער די משא פון די קערפּערס איינע און די זעלבע; זיי

אַנטפּלעקן נייע מיראַזשן און ווערן אַ שפּילעכל פון נייע אי־לוזיעס. אָט דאָס איז עס אײַנגאַנצן!

ווען איך, זון מיינער, וואָלט נישט געגלויבט אין דער אומדערשיטערלעכקייט פון די הייליקע דאָגמעס פון אונזער רע־ליגיע, וואָלט איך גאָר גיך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די גאַנצע מענטשלעכע וויסנשאַפט איז נישט מער ווי אַ בלאָנד־זשעניש אין דער פינצטערניש און אַ פּראָגרעס אין תּוהו־ובוהו; כ׳וואָלט דעמאָלט געפּועלט בײַ זיך אָדער אַראָפּצוּוואַרפן זיך אין דער סענע, וואָס האָט, זינט זי פליסט אין איר געלעגער, נישט איין דערטרונקענעם געזען, אָדער אַהינצוגיין צו קאַטע־רינען און אין אירע תּאַוההדיקע אָרעמס פאַרגעסן די גאַנצע אַרומיקע וועלט. דאָס לעצטע וואָלט נאַטירלעך געווען אין אַ סתּירה מיט מײַן גלחישער סוטאַנע און עלטער.

אַזוי ווי איך בין אַרומגעריגגלט מיט אָן אַ שיעור אינ־סטרומענטן, וואָס נאַרן בלויז אָפּ מײַן אויג, בלײַבט מיר איבער נישט מער, ווי צו זוכן אַ מקום מקלט אין דער אמונה. און וואָלט איך חס וחלילה געוואָרן אויסגעקליבן אין דער אַקאַדע־מיע, וואָלט איך מיך דעמאָלט געפילט גאָר שרעקלעך.

מײַן טײַערער לערער האָט געהאַלטן די דאָזיקע רעדע, שטייענדיק בײַם ערשטן פּאַראַפּעט פון דער בריק, לינקס, נישט ווײַט פון דער רי דאַפין. זײַנע רייד האָבן שטאַרק איבערגע־שראָקן אַ ביכער־הענדלער, וואָס האָט אים אָנגענומען פאַר אַ כּשוף־מאַכער. מיטאַמאָל האָט דער גלח אַ כאַפּ געטון אַן אַלטע געאָמעטריע, אילוסטרירט מיט גאָר שלעכטע צייכנונגען פון סע־באַסטיאַן לעקלערק, און אויפסניי אָנגעהויבן צו רעדן:

— ס׳קאָן זײַן, אַז ווען איך וואָלט נישט געווען קיין קריסט און קאַטוילִיק, וואָלט איך אָנשטאָט זיך צו וואַרפן אין די אָרעמס פון ליבּ׳ז אָדער פון דער סענע, מיטן גאַנצן לײַב און לעבן זיך גענומען שטודירן די מאַטעמאַטיק, ווו דער גײַסט געפינט די דערנערונג, גאָך וועלכער ער בענקט צום שטאַרקסטן: דעם המשך און די קאָנטינויִטעט. און איך בין מיך מודה, אַז

אָט דאָס קליינע, דורכשניטלעכע ספּרל צווינגט מיך אין אַ גע־
וויסער מאָס צו אָנערקענען די מענטשלעכע גאוֹנות.

ביי די רייד האָט ער אַן עפן געטון דאָס בוך פון סעבאַס־
טיאַן לעקלערק, אויפן אָרט ווו עס ווערט גערעדט וועגן דריי־
עקן און עס אַ זעץ געטון מיט אַזאַ שטאַרקן אימפּעט, אַז ער
האָט עס שיער נישט צעריסן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער עס
אַוועקגעשליידערט פון זיך מיט עקל.

— די צאָלן,—האָט ער אַ ברום געטון אונטער דער נאָז,—
זענען ליידער אָפּהענגיק פון דער צייט, די ליניעס — פון רוים,
און ביידע זענען סוף כּל סוף אַ מענטשלעכע אילוזיע. מחוץ
פונם מענטש איז נישט פאַראַן נישט קיין מאַטעמאַטיק, נישט
קיין געאָמעטריע, און אין תּוך גענומען איז דאָס אַ וויסנשאַפט,
וואָס גיט אונז נישט די מעגלעכקייט איבערצוטרעטן די גרע־
נעצן פון אונז אַליין, הגם זי מאַכט אָפּט דעם איינדרוק פון
אימפּאָנירנדער אומאָפּהענגיקייט.

דאָס זאָגנדיק האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס
צום ביכער־הענדלער און טיף אָפּגעאָטעמט.

—טורנעבראָש, זון מיינער,—האָט ער זיך אָנגערופן. — דו
זעסט, ווי ס'פּרעסט מיך אויף אַ חולשת, וואָס נאָר איך אַליין
בין שולדיק אין איר; גיב אַ קוק ווי ס'ברענט פאַר תּאווה מיין
קערפּער, וואָרים איך האָב אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ פלאַמענ־
דיק העמד.

ער האָט זיך אויסגעדריקט בילדעריש און אין אַלעגאָריעס,
וואָרים אין דער אמתן האָט ער געטראָגן אַ צעריסענע, אויס־
געריבענע סוטאַנע, וואָס האָט זיך געהאַלטן קוים אויף צוויי
דריי קנעפּלעך. די קנעפּלעך האָבן חוץ דעם נישט געשטעקט
אין די פּאַסיקע לעכלעך; און וויפיל מאָל מ'האָט אים דערויף
אויפמערקזאַם געמאַכט, פלעגט ער אויסברעכן אין אַ געלעכטער
און זאָגן, אַז די קנעפּלעך זיינע זענען אַ טרייע אָפּשפּיגלונג
פון די מדות, וואָס הערשן אין דער הויפּטשטאָט.

ער האָט זיך אָנגעצונדן און גערעדט מיט היץ:

— כ'האָב פיינד די וויסנשאַפט, וואָרים כ'האָב זי אַמאָל

פיל ליב געהאַט, און דערמיט בין איך ענלעך צו יענע מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ דער תאווה און באַליידיקן די פרוי, דערפאַר וואָס זי האָט נישט פאַרווירקלעכט זייערע חלומות.

איך האָב אַלץ געוואָלט וויסן און איך קום איצט אָפּ פאַר מיין זינדיקן שגעון. אָ, ווי גליקלעך זענען, — האָט ער צוגעגעבן, — אָט די אַלע פשוטע מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט יענעם שאַרלאַטאַן!

און ער האָט מיט דער האַנט געוויזן אויף די לאָקייען, צימער-מיידלך און אַנדערע ליידיק-גייערס פון די געסלעך אַרום דעם פאָרט פון הייליקן ניקאָלאַ, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט עפּעס אַ לץ, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין דינער געמאַכט פאַרשידענע קונצשטיקלעך.

— גיב אַ קוק, טורנעבראָש, — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, — זיי לאַכן פון גאַנצן האַרצן, בעת זיי זעען, ווי איין לץ גיט דעם חבר זיינעם אַ שטויס אין הינטערשטן חלק. אין דער אמתן איז דאָס זייער אַן אַמוזירנדער ספּעקטאַקל. אָבער די מינדעסטע רעפלעקסיע מאַכט מיר קאַליע דאָס פאַרגעניגן, וואָרים אויב מ׳פּרוווט זיך נאָר פאַרטיפן אינם תוך פון די דאָזיקע קונצשטיקלעך, אַזוי הערט מען באַלד אויף צו לאַכן.

אַלס קריסט וואָלט איך אַ סך פריער געדאַרט באַגרייפן, וויפיל שווינדל ס׳איז פאַראַן אין יענער מאַקסימע פון אַ געצנדינער: „גליקלעך איז דער, וואָס האָט זוכה געווען צו דערקענען די אור-סיבה!” איך וואָלט זיך באַדאַרפט פאַרשליסן אין דער הייליקער עם-הארצית, ווי אין אַ קלויסטער-גאָרטן און ענלעך ווערן צו אַ קליין קינד.

איך וואָלט מיך אויף זיכער נישט דערקענט אויף די גראָבע, אומגעלומפּערטע וויצן פון אַזאַ מאַנדראָר למשל (יענער מאָליער פון פאָן-נעף האָט פאַר מיר ווייניק רייץ, בעת דער אַנדערער קומט מיר פאָר שוין צו פיל הזיריש). דערפאַר וואָלט איך מיך באַשעפטיקט מיטן פלאַנצן פאַרשידענע ירקות אין מיין גאָרטן, און איך וואָלט געטון לויבן דעם השם יתברך אין די בלומען און פרות פון מיינע עפּל-ביימער.

אַ הפקרדיקע נייגעריקייט האָט מיך אַראָפּגעפירט פון וועג, און מיינער, טורנעבראָש; מחמת דעם, וואָס איך האָב זיך אָפּגעגעבן צופיל מיט ביכער און געלערטע האָב איך פאַרלוירן די גייסטיקע רויקייט, די הייליקע פשטות און יענע ריינקייט פון די קליינטשיקע, וואָס איז באמת ווערט באַוווּנדערט צו ווערן, וואָרים זי ווערט נישט פאַרפלעקט אַפילו אין קרעטשמע אָדער אין שענק.

קאָנסט דיר נעמען למשל אַ ביישפיל פון לאָמען שלייפער, אָדער, האָב נישט אויף מיר קיין פאַראיבל, פון דיין טאַטן, דעם קוכער, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פשטות, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַ בעל-עבירהניק און אַ שכור.

גאַנץ אַנדערש קומט אָבער פאָר מיט דעם מענטש, וואָס האָט שטודירט ביכער, ער וועט שוין קיינמאָל נישט וויסן פון גייסטיקער רויקייט, און אין זיין האַרצן וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן דער פונק פון אַנטוישטער גאווה און אַן איידעלער אומעט.

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ מיליטערישער פויק, וואָס האָט פאַרטויבט זיינע ווייטערע רייד...

X

די אַרמעע

בעת מיר זענען געשטאַנען ביי פּאָן-נעף, האָבן מיר מיט-אַמאָל דערהערט דאָס קלאַפּן אין אַ פּויק. דאָס האָט אַ סערזשאַנט פאַרשריבן רעקרוטן. ער איז געשטאַנען אין מיטן פּלאַץ, אונ-טערשפּאַרנדיק זיך מיט די פויסטן אָן די היפטן, אַרומגערינגלט פון אַ טוץ זעלנער, וואָס האָבן אַרויסגעזעצט אויפן שפּיץ פון זייערע באַגנעטן קישקעלעך מיט זעמל. אַ המון גאַסן-יונגען און אויסגעלאָסענע פרויען האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט אָפענע מיילער.

ער האָט פאַרדרייט זיינע וואָנסעס און אָנגעהויבן צו רעדן.

— נישט כדאי צו הערן זיינע רייד, — האָט מיין לערער געזאָגט צו מיר. — אַ שאָד די צייט, דער דאָזיקער אונטער-אָפי-ציר רעדט אין נאָמען פון קיניג, ער קאָן זיך דעריבער באַגיין אָן שכל.

אויב דו ווילסט הערן אַ געניאַלע רעדע אויף דער זעל-בער טעמע, מוזטו אַהינגיין אין אַ מלינה אויפן קע דע לאַ-פע-ראַי, ווו מ׳ווערבירט לאָקאַיען און סתם פויערן. די דאָזיקע לייט, וואָס רעקרוטירן זעלנער, זענען פאַקטיש די געמיינסטע אויסוואורפן, זיי זענען אָבער זייער באַרעדעוודיק.

כ׳געדענק, אַז אין מיין יוגנט, נאָך ווען דער פאַרשטאָר-בענער מלך האָט געלעבט, האָב איך געהערט אַ וואונדערבאַרע

רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן פון איינעם אַזאַ מענטשן־הענדלער, וועלכער פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ קרעמל אויף וואַלע־דע־מיזער.

ער האָט וווערבירט זעלנער פאַר די קאָלאָניעס און גע־האַלטן מער וויניק אַזאַ רעדע:

— יונגע לייט, וואָס רינגלט מיך אַרום, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — איר האָט מסתמא געהערט וועגן לעגענדאַרן לאַנד, וואָס געפינט זיך אין הודו. ווער פון אייך וויל געפינען זיין גליק, דער זאָל זיך אַוועקלאָזן אין יענעם לאַנד אַריין.

„אפשר ווילט איר גאָלד, פערל און דימענטן? דאָס אַלץ וואַלגערט זיך דאָרט ווי מיסט אויף די גאַסן, מ'דאַרף זיך בלויז אַראָפּבייגן, און מ'נעמט צוזאַמען פולע הויפנס. איר דאַרפט זיך אָבער צומאָל נישט אַראָפּבייגן, ווארים די ווילדע מענטשן וועלן אייך פאַרשפּאָרן אַרבעט און עס אויפהייבן אָנשטאָט אייך.

„איך רעד שוין נישט וועגן די פאַרשידנאַרטיקסטע דע־ליקאַטע פּרות, ווי קאַווע, ציטרינען, גראַנאַטן, מילגרוימען און אַנאַנאַסן, וואָס וואַקסן דאָרט ווי אין גן־עדן אין אַ ווילדן צושטאַנד. ווען איך וואָלט געהאַט צו טון מיט פרויען, וואָלט איך זיי געקאָנט פאַרציילן אָן אַ שיעור וווּנדער וועגן דאָזיקן לעגענדאַרן לאַנד, איך רעד דאָך אָבער צו מאַנסלייט...”

איך לאָז דורך, זון מיינער, דאָס אַלץ, וואָס ער רעדט וועגן רום; גלויב מיר אָבער, אַז ער קאָן זיך פאַרמעסטן מיט זיין טעמפּעראַמענט מיט דעמאָסטענעסן און מיט זיין באַרעדעוו־דיקייט שטייט ער לחלוטין נישט אָפּ פון ציצעראָן.

אַלס רעזולטאַט פון זיין רעדע האָט מען פינף אָדער זעקס אומגליקלעכע אַוועקגעשיקט אין די קאָלאָניעס, וווּ זיי זענען מסתמא געשטאָרבן פון דער דזשומע, וואָס הערשט אין יענע זומפּיקע געגנטן. דו זעסט אַלזאָ, אַז די רעדנער־קונסט איז אַ געפערלעכער וואָפן און דער זשעני פון דער קונסט באַ־נוצט זיך מיט איר סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן.

דאַנק גאָט, זון מיינער, טורנעבראָש, וואָס דו ביסט פון דער נאַטור נישט באַשאָנקען געוואָרן מיט קיין שום טאַלענטן.

און אויף אַזאַ אופן האָט דיך אויסגעמיטן די חרפה צו ווערן מיט דער צייט אַ קוואַל פון צרות פאַר די מענטשן. די פון גאָט אויסדערוויילטע דערקענט מען דורך דעם, זון מיינער, וואָס זיי האָבן נישט אינגאַנצן קיין שכל.

איך אַליין האָב מיך איבערצייגט, אַז די באַדייטנדע אינטעליגענץ, וואָס דער הימל האָט מיך מיט איר באַשטראָפט, איז אין דער אמתן געווען פאַר מיר אַן אומאויפהערלעכע קייט פון צרות און געפאַרן סיי אויף דער וועלט און מסתמא אויך אויף יענער וועלט.

וואָס וואָלט למשל געשען, ווען איך וואָלט געהאַט דאָס האַרץ און דעם מוח פון אַ צעזאַר? מיינע תאוות וואָלטן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דער מחיצה, וואָס טיילט אָפּ איין גע-שלעכט פון אַנדערן, און איך וואָלט נישט געוווסט פון קיין רחמנות. איך וואָלט אָנגעצונדן שרעקלעכע מלחמות אינעווייניק און מחוץ פון דער מלוכה.

יענער גרויסער צעזאַר האָט נאָך כאָטש פאַרמאָגט אַן איידל האַרץ און אַ געוויסע מילדקייט. ער איז געשטאָרבן, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פרומען מערדער.

אָ, אומגליקלעכער טאָג, פאַרשאָלטן אויף אייביק, בעת חיות באַהערשט פון פּרינציפּן האָבן אַ תל געמאַכט פון יענעם רייצנדן פּאַרזענעניש!

איך בין ווערט צו באַוויינען דעם געטלעכן יוליוס, צו-זאַמען מיט זיין מאַמען, די געטין ווענוס, און אויב איך רוף אים אָן פּאַרזענעניש, איז עס בלויז פון צערטלעכקייט, וואָרים אין זיין האַרמאָנישער נשמה איז נישט געווען קיין שום אַנדערע דיסהאַרמאָניע, חוץ דעם געוואַלטיקן דראַנג נאָך מאַכט.

ער האָט געהאַט אַ נאַטירלעכע פאַרשטענדניש פאַר ריטם און מאָס. און אין זיין יוגנט האָט ער גלייכצייטיק הנאה גע-האַט פון דער גראַמאַטיק און פון די עולם-הזה-תאוות.

ער איז געווען אַ גלענצנדער רעדנער און די שיינקייט פון זיין געשטאַלט האָט צוגעגעבן חן דער בכיוונדיקער האַרב-קייט פון זיינע רייד. ער האָט ליב געהאַט קלעאָפּאַטרען מיט

יענער געאָמעטרישער גענויקייט, וואָס דרינגט אַרויס פון אַלע זיינע פּלענער און מעשׂים. זיינע שריפטן און העלדישע מעשׂים צייכענען זיך אויס מיט אַ גענישלער קלאָרקייט.

ער איז געווען אַן אָנהענגער פון אָרדנונג און כּוח שלום אַפילו בעת דער מלחמה, ער איז געווען שטאַרק עמפּפינדלעך אויף דער האַרמאָניע און גלענצנד באַהאַוונט אין די קאָמפּליצירטעסטע יורידישע קאָנסטרוקציעס; און מיר באַרבאַרן, וואָס מיר זענען, לעבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג אונטערן מאַיעסטאַט פון זיינע געזעצן, וואָס האָבן געמאַכט פון דער וועלט דאָס, וואָס זי איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

דו זעסט אַלזאָ, זון מיינער, אַז איך שפּאַר אים נישט קיין לויב-רייד און ליבע. אַלס מיליטער-אָנפירער, דיקטאַטאָר און העכסטער פּריסטער האָט ער געפּורעמט די וועלט מיט זיינע איידעלע הענט.

און איך, וואָס בין איך שוין נישט געווען? איך בין גע-ווען פּראָפעסאָר פון רעדנער-קונסט אין קאָלעזש פון באָווע, סעקרעטאַר פון אַן אָפּערע-זינגערין, ביבליאָטעקאַר פון בישאָף פון סעע, אַ שרייבער אין דער קירך פון הייליקן אינאָסאַן און אַ לערער פון דיין טאַנס זון אין דער שענק „קיניגין געזונ-פּיסל".

איך האָב פאַרפאַסט אַ קאַטאַלאָג פון ווערטפולע מאַנוס-קריפּטן, איך האָב אָנגעשריבן עטלעכע פּאַשקווילן, וואָס עס לוינט זיך אַפילו אויף זיי נישט אָפּצושטעלן; אויף פּאַפּיר, וואָס מען וויקלט געווינלעך דערמיט איין ליכט האָב איך אָנגעוואָרפן אַ ריי געדאַנקען, וואָס קיין שום בוכהענדלער וויל זיי נישט אַרויסגעבן.

און דאָך, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, וואָלט איך נישט פאַרטוישט מיין עקזיסטענץ אויפן גורל פון גרויסן צעזאַר, וואָרים מיין אומשולדיקייט וואָלט דערפון שטאַרק געליטן.

איך וויל שוין ליבער זיין אַ פּשוטער, פינצטערער מענטש, אַן אָרעמאַן, וואָס אַלע באַציען זיך צו אים מיט ביטול און פאַראַכטונג, ווי איך בין עס אין דער אמתן, איידער אויפצוּ-

הייבן זיך אויף יענע שטאַפּלען, ווו מ׳פירט אַרויף די מענטש־הייט אויף נייע מיט בלוט באַגאָסענע וועגן.

אָט־אָ דער סערזשאַנט, זון מיינער, וואָס זיינע געשרייען דערגרייכן אַזש דאָ אַהער, איז מבטיח זיינע צוהערער אַ זעקסער אַ טאָג און אַ לאַבן ברויט מיט פלייש, און זיינע רייד וועקן אויף אין מיר טיפזיניקע געדאַנקען וועגן דער אַרמעע און מלחמה.

איך האָב שוין דורכגעמאַכט אַלע פּראָפעסיעס, חוץ דער פּראָפעסיע פון אַ זעלנער, וואָס האָט אַלעמאָל געוועקט אין מיר עקל און פחד אַדאַנק דער קנעכטישקייט, דעם פאַלשן רום און דער אַכזריות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער מלאכה. דאָס אַלץ איז געוואַלטיק סותר מיין פרידלעכע נאַטור, מיין ממש ווילדע ליבע צו דער פרייהייט און מיין גייסטיקע סטרוקטור, וואָס ווייס ווי געהעריק אָפּצושאַצן די רום פון אַ מוסקעטער.

איך רעד שוין נישט וועגן מיין געוואַלטיקער נייגונג צו פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, וואָס קענען בשום אופן נישט גיין אין איין פּאָר מיט די מיליטערישע איבונגען. די פאַרשטייסט דאָך שוין איצט גאַנץ גוט, אַז אויב איך וויל נישט ווערן קיין צווייטער צעזאַר, וועל איך מכל־שכן נישט ווערן אַ פּשוטער זעלנער.

און איך וועל נישט פאַרהוילן פאַר דיר, זון מיינער, אַז די מיליטער־דינסט איז אין מיינע אויגן די שרעקלעכסטע צרעת, וואָס פרעסט אויף דעם אָרגאַניזם פון די פּאָליציייאישע מלוכות.

דאָס איז אַ פילאָזאָפישע אָנשוידונג. עס לייגט זיך נאָרנישט אויפן שכל, אַז די גרעסטע צאָל מענטשן זאָלן האָבן די זעלבע אָנשויונגען. סיי די קסריים, סיי די רעפּובליקן וועלן אין דער אמתן אַלעמאָל האָבן צו זייער דיספּאָזיציע אַזוי פיל זעלנער, וויפיל זיי וועלן נאָר דאַרפן האָבן, כדי צו מאַכן פאַראַדן און פירן מלחמות.

ביים בוכהענדלער בלעזאָ האָב איך געלייענט די אָפּהאַנדלונג פון מאַקיאַוועלי, וואָס איז פּראַקטפול געבונדן אין פאַר־

מעט. די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג פאַרדינט באמת פּראַכטפול גע-בונדן צו ווערן; איך אַליין פּערזענלעך האַלט זייער שטאַרק פונם סעקרעטאַר פון דער פלאָרענטינישער רעפּובליק, וואָס האָט דער ערשטער אַראָפּגעריסן פון דער פּאָליטיק יענע פלומרשטע מאַסקע פון יושר, וואָס שטיצנדיק זיך אויף איר טוען די פּאָליטיקער אָפּ די געמיינסטע פאַרברעכנס.

דער דאָזיקער פלאָרענטינער האָט געזען, אַז זיין פּאָ-טערלאַנד איז אונטערגעוואָרפן אַ נידערטרעכטיקער באַנדע גע-דונגענע זעלנער, און ער האָט דעריבער געחלומט וועגן שאַפן אַ נאַציאָנאַלע און אַ פּאַטריאָטישע אַרמעע.

ער האָט זיך אויסגעדריקט ערגעץ-ווו אין זיין בוך, אַז צום יושרדיקסטן איז, ווען אַלע בירגער וואַכן איבער דער זי-כערקייט פון זייער פּאָטערלאַנד און פאַרוואַנדלען זיך אין זעל-נער. דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך אַנומלט געהערט אין בלעזאָס בוכהאַנדלונג, בעת ה׳ ראָמאַן האָט מיט אַזאַ התלהבות זיך אָנגענומען פאַרן כבוד פון דער מלוכה.

ער האָט זיך געזאָרגט אויסשליסלעך פאַר דער טובה פון זיין לאַנד און געהאַלטן, אַז אַלע פּערזענלעכע ענינים דאַרפן גע-בראַכט ווערן ווי אַ קרבן אויפן אַלטאַר פון דער עפנטלעכקייט.

מאַקיאַוועלי וויל, דאָס איז פולשטענדיק קלאָר, אַז מיר, מחמת דעם, וואָס מיר זענען בירגער, זאָלן מיר אַלע ווערן זעלנער. דערמיט וויל איך נישט זאָגן, אַז דאָס איז ריכ-טיק. איך וועל אָבער אויך נישט זאָגן, אַז דאָס איז נישט ריכ-טיק, פשוט צוליב דעם, וואָס יושר און אומיושרדיקייט זענען אַ פּראָדוקט פון שכל, און אין אַזאַ פאַל קאָנען בלויז דעצי-דירן די סאָפיסטן.

— וואָס! — האָב איך אויסגערופן, ווייטיקלעך איבעראַשט, —טייערער לערער, איר האַלט, אַז די יוסטיץ איז אָפּהענגיק פון די פּילפּולים פון עפּעס אַ סאָפיסט, און אונזערע האַנד-לונגען זענען ריכטיק אָדער גישט ריכטיק אָפּהענגיק פונם איינזען פון אַ פּיפּיקן חברה-מאַן, וואָס האָט זיך ליב צו חכמע-

נען, אָ, דער דאָזיקער געדאַנק טוט מיר אָן אַזאַ עגמת נפש, אַז איך קאָן קוים רעדן.

— טורנעבראָש, זון מיינער, — האָט דער פּאָטער קואַניאַר געענטפערט, — נעם אין באַטראַכט, אַז איך רעד וועגן דער מענטשלעכער יוסטיץ, וואָס האָט קיין שייכות נישט מיט דעם געטלעכן יושר און איז איבערהויפּט אַפילו סותר די געטלעכע גערעכטיקייט.

די מענטשן האָבן אין אַלע צייטן געפּרוּווט צו דערגיין די מהות פון יושר און אומגערעכטיקייט מיט דער הילף פון דער רעדנער-קונסט, וואָרים נאָר זי איז אימשטאַנד אַרומצוגעמען אַרגומענטן פאַר און קעגן.

דו וואָלסט אוודאי געוואָלט, זון מיינער, אַז די גערעכטיקייט זאָל זיך שטיצן אויפן געפיל, איך וואָרן דיך אָבער, צו אויף אַזאַ שמאָלן באָדן וועסטו קוים אויפבויען אַן עלנטביידל, אַ צעלט פון אַלטן צוואַנדער, אָדער אַ קליין הייזל, ווי פילעמאָן האָט געוווינט מיט באַסי. אָבער דער יוכטיק-פּאַלאַץ, דער טורעם פון די מלוכהשע אינסטיטוציעס, מוז האָבן אַ שטאַרקערן פונדאַמענט.

די בלויזע אומגעקינצלטע פּשטות און איינפאַכקייט וואָלט נישט געוועזן בכח צו טראָגן אויף זיך אַזאַ מוראדיקע משא. עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס די דאָזיקע אומגעהייערע מויערן שטיצן זיך אויף אַ פונדאַמענט פון טויזנט-יעריקע ליגנטס, און אויפגעבויט זענען זיי געוואָרן אַדאַנק דער איידעלער און אכזריותדיקער קונסט פון די געזעצגעבער, באַאַמטע און פּרינצן.

ס'איז בכלל אַן אומזין, זון מיינער, טורנעבראָש, צו שטעלן די פראַגע, צי אַ געזעץ איז יושרדיק אָדער אומיושרדיק; דאָס דאָזיקע איז נוגע דער מיליטער-דינסט, פונקט ווי אַלע אַנדערע מלוכהשע אינסטיטוציעס, און וועגן זיי קאָן מען נישט זאָגן, אַז זיי זענען גוט אָדער שלעכט אין פּרינציפּ, וואָרים ס'איז נישט פאַראַן קיין פּרינציפּן און כללים חוץ דאָס, וואָס פון אים נעמט אַלץ זיין התחלה.

זון מיינער, דו מוזט דיך היטן פאַר דער דאָזיקער פאַר־שקלאַפונג, וואָס שטיצט זיך בלויז אויף ווערטער, וואָרים די מענטשן גיבן זיך אונטער מיטן גוטן ווילן אַזאַ מין ממשלה. אין וויסן זאָלסטו, אַז דער באַגריף פון יוסטיץ האָט נישט קיין שום זין, מיטן אויסנאָם פון דער טעאָלאָגיע, ווו ער באַקומט אַ געגויע און שרעקלעכע ממשות.

וויסן זאָלסטו, אַז הער ראָמאַן איז נישט מער, ווי אַ סאָפיסט, בעת ער פרווט צו באַווייזן, אַז מיר זענען מחויב צו דינען דעם קיניג. פונדעסטוועגן גלויב איך אָבער, אַז אויב דער קיניג וואָלט אין אַ געווויסן טאָג גערופן אַלע בירגער צום מיליטער, וואָלטן זיי בלי ספק אויסגעפירט זיין באַפעל מיט הכנעה און אפשר אויך מיט פיל שמחה און התלהבות.

איך האָב באַמערקט, אַז זעלנעריי איז די נאַטירלעכסטע פּראָפעסיע פון מענטש, צו איר איז ער נוטה צום לייכטעסטן אדאַנק זיינע איינגעבוירענע אינסטינקטן און נייגונגען, וואָס זענען גאָר נישט קיין געהויבענע. חוץ אַ פּאָר זעלטענע אויס־נאַמען, צו וועלכע איך אַליין פאַררעכן מיך אַליין, קאָן מען דעם מענטש באַצייכנען ווי אַ חיה, באַוואָפנט מיט אַ מוסקעט.

גיב דעם מענטש אַ שיינעם אוניפאָרם און זאָג אים צו, אַז ער וועט זיך קאָנען שלאָגן, און ער וועט זיין צופרידן. דער־פון נעמט זיך אויך, וואָס מיר אָנערקענען די מיליטאַריסטישע מלוכה פאַרן העכסטן טיפּ פון אַ מלוכהשער פאָרם. דאָס איז אין אַ געוויסן זין אמת, וואָרים די דאָזיקע מלוכה־פאָרם איז די עלטסטע, און שוין די ערשטע מענטשן האָבן געפירט צווישן זיך מלחמה. די מיליטאַריסטישע מלוכה איז צום בעסטן צוגע־פּאַסט צו דער מענטשלעכער נאַטור, וואָרים אין אַזאַ אָרדנונג טראַכט מען צום ווינציקסטן, און ס'איז דאָך קלאָר, אַז מיר זע־נען לחלוטין נישט באַשאַפן געוואָרן צו טראַכטן.

דער געדאַנק איז אַ חולאת, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר געוויסע יחידים, און ווען די דאָזיקע מגפה וואָלט זיך צו פיל פאַרשפּרייט, וואָלט דער מענטשלעכער מין גאָר

גיך אויסגעשטאָרבן. די זעלנער לעבן בייזאַמען, אין קאַזאַרמעס. און דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע חיה.

זיי קליידן זיך אין בלוי-ווייסע, אין בלוי-רויטע און בלוי-גרויע מונדירן, זיי טראָגן פאַרביקע בענדער, פעדערן און קאָקאַרדעס, און דאָס אַלץ כדי געפעלן צו ווערן די מיידלעך, פונקט ווי דער האָן פוצט זיך אויס אין זיינע פעדערן, כדי נושא חן צו זיין ביי דער הון.

זיי גייען גערן אויף דער מלחמה, ווו זיי האָבן אַ געלעגנהייט צו רויבן און צו גזלענען, און דער מענטש איז פון דער נאַטור אַ גנב, באַהערשט פון געמיינע תאוות, ער צייכנט זיך אויס מיט דעסטרוקטיווע אייגנשאַפטן און ווערט שטאַרק נתפעל פון מיליטערישן רום.

אָט די דאָזיקע ליבע פון מיליטערישן רום דעצידירט שטענדיק, וואָס מיר פראַנצויזן כאַפן זיך אַלעמאָל צום געווער. און זיכער איז, אַז די עפנטלעכע מיינונג ווערט צום שטאַרקסטן נתפעל פון מיליטערישן רום. אויב מ'וויל זיך אין דעם איבערצייגן, איז גענוג צו לייענען די געשיכטע. און דעמאָלט וועסטו מוחל זיין דעם פשוטן קאַפראַל, וואָס ער איז נישט קיין גרעסערער פילאָזאָף פון טיטוס ליוויוס.

XI

די אַרמעע

(המשך)

מיין טייערער לערער האָט ווידער אויפגענומען דעם געשפרעך:

— מ׳דאַרף געדענקען, זון מיינער, אַז די מענטשן זענען אין משך פון הונדערטער יאָרן פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ קייט, וואָס מ׳זעט קוים אַרויס פון איר אַ פּאָר רינגען, און זיי גיבן צו גאָר אַ גרויסע באַדייטונג אַזעלכע מנהגים, וואָס זייער אָפּשטאַמונג גרייכט אַזש ביז צו די אוראַלטע באַרבאַרישע צייטן.

די דאָזיקע עם-הארצות שאַפט אַ גינסטיקן באָדן פאַר זייער פוסטער גאַווה. זיי בויען זייער רום אויף פאַרצייטיקע אומגליקן, און די איידלקייט פון געווער שטאַמט איינגאַנצן פון יענער פאַרצייטיקער ווילדקייט, וואָס אַ זכר פון איר געפינען מיר אין תנך און אין דער ליטעראַטור.

און ווער זענען דען אין דער אמתן די מיליטערישע ערן-לייט, וואָס גרויסן זיך מיט אַזאַ חוצפּהדיקער גאַווה, אויבן נישט דעגענערירטע שרידי-פּליטה פון יענע אומגליקלעכע פאַרצייטיקע וואַלד-יעגער, וואָס דער דיכטער לוקרעציוס האָט זיי אַזוי געטרוי אויסגעמאָלט, אַז מ׳ווייס נישט, צי דאָס זענען מענטשן, צי ווילדע חיות?

צי איז עס נישט באמת אַ חוזק, טורגעבראָש, זון מיינער, אַז גראָד די מלחמה און די יאַגד, וואָס ביים בלויזן געדאַנק

ווען זיי וואָלט מען באַדאַרפט רויט ווערן פאַר חרפּה, וואָרים זיי ברענגען אונז אַרויף אויפן זכרון די עלנטע נויטווענדיקייטן פון אונזער נאַטור און אונזער איינגעוואָרצלטע שלעכטסקייט, זענען להיפך, ווי מ׳האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, געוואָרן דווקא דער סימבאָל פון מענטשלעכער גאווה, און ווערן פאַרערט און פאַרגעטערט פון די קריסטלעכע פעלקער?

צי איז דען נישט קיין חרפּה, וואָס דווקא די פּראָפעסיע פון אַ קצב און תּליון ווערט געשטעלט העכער פאַר אַלע אַנדערע פּראָפעסיעס בלויז דערפאַר, וואָס זי איז זינט הונדערטער יאָרן איבערגעגאַנגען בירושה אין איין פאַמיליע?

עס איז דאָך ממש אַן אומדערהערטע זאַך, אַז די ציוויליזירטע פעלקער האָבן פאַרערט זייערע בירגער לויט דער צאָל מאָרדן און הריגות, וואָס איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון זייערע מערדערישע אבות.

— געערטער פאָטער, — האָב איך געפרעגט מיין לערער,— צי האַלט איר נישט, אַז די פּראָפעסיע פון אַ זעלנער איז דעריבער אַזוי פאָרערט, מחמת דעם, וואָס דער זעלנער איז אויסגעשטעלט אויף כּסדרדיקע געפאַרן און מ׳פאָדערט פון אים אַ סך קוראַזש?

— זון מיינער, — האָט מיין לערער דערויף געענטפערט,— אויב מ׳זאָל ווען אין דער אמתן אָפּשאַצן די איידלקייט פון מענטש אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געפאַר, אויף וועלכער ער איז אויסגעשטעלט, וואָלט איך אַפילו קיין איין רגע זיך נישט געוואַקלט צו פאַרעכענען צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע די פויערן און בעלי-מלאכות, וואָרים זיי זענען טאָג-טעגלעך אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר צו שטאַרבן פון מידקייט און הונגער.

די געפאַרן, וואָס דראָען די זעלנער און די קאַפּיטאַנען זענען נישטיק סיי לויט זייער צאָל, סיי לויט זייער דויערעוודיקייט. די זעלנער זענען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר געטראָפן צו ווערן פון אַ קויל בלויז אין משך פון אַ פאָר שע.

פון זייער לעבן, און אַ קויל איז אויך נישט אַלעמאָל שטערב-לעך, בעת די נויט פאַרניכטעט גאַנצע דורות מענטשן.

די מענטשן זענען איבערפלעכלעך און לייכטזיניק, זון מיינער, אויב זיי שטעלן העכער די מעשים פון אַ זעלנער, ווי די מיפולע אַרבעט פון אַ פשוטן אַרבעטער, אויב זיי שעצן מער די צעשטערונג און די חורבות, וואָס אַ מלחמה איז גורם, ווי די ווערק פון דער מענטשלעכער קונסט און מלאכה.

— געערטער פאָטער, — האָב איך ווייטער געפרעגט, — ציי האַלט איר נישט, אַז די זעלנער זענען נויטיק, כדי צו שיצן פאַרן שונא די גרענעצן פון דער מלוכה, און מיר דאַרפן זיי שעצן אויס דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פאַר זייער נוצלעכקייט?

— אמת איז, זון מיינער, אַז די מלחמה איז איינע פון די נויטווענדיקייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור און ס׳איז בכלל זיך שווער פאָרצושטעלן אַ פאָלק, וואָס זאָל זיך קיינמאָל נישט שלאָגן, דאָס הייסט, אַז עס זאָלן נישט זיין אין אַ פאָלק מערדערס, רויבערס און אונטערצינדערס. ס׳איז זיך אויך שווער פאָרצושטעלן אַ פירשט, וואָס זאָל אין אַ געוויסער מאָס נישט זיין קיין אוזורפאַטאָר. מ׳וואָלט אים דאָס פאָרגעוואָרפן און זיך באַצויגן צו אים מיט ביטול, מחמת דעם וואָס ער האָט נישט ליב דעם מיליטערישן רום.

די מלחמה איז, ווי דו זעסט, אומבאַדינגט נויטיק די מענטשן, זי איז פיל מער צוגעפאַסט צו זייער נאַטור, ווי דער פרידן, וואָס איז נישט מער ווי אַ הפסקה צווישן איין מלחמה און דער אַנדערער. דערפון נעמט זיך עס, וואָס די קלענסטע נאַרישקייט, דער מינדעסטער אויסרייד איז גענוג, אַז איין קי-ניג זאָל וואַרפן זיין אַרמעע קעגן צווייטן קיניגס חילות. זיי פאַררופן זיך שטענדיק אויף זייער כבוד, וואָס איז אויסערגעוויינלעך דעליקאַט און עמפפינדלעך.

ס׳איז גענוג די קלענסטע באַליידיקונג, אַז ס׳זאָל זיך מאַכן אַ פלעק, וואָס קאָן אָפּגעוואַשן ווערן בלויז אינם בלוט פון צען, צוואַנציק, דרייסיק, הונדערט טויזנט מענטשן, פראָפאָרציאָנעל צו דער אַלגעמיינער צאָל פון דער באַפעלקערונג.

אַז מ׳פאַרטראַכט זיך וועגן דעם אויבערפלעכלעך, קאָן מען בשום אופן נישט פאַרשטיין, אויף וואָס פאַרא אופן קאָן דער כבוד פון מלך רייגעוואַשן ווערן אינם בלוט פון צענדליקער טויזנטער אומגליקלעכע; ווען מ׳פאַרטראַכט זיך אָבער ויעגן דעם טיפער, קומט מען גאָר גיך צום אויספיר, אַז דאָס זענען נישט מער, ווי פוסטע רייד; די מענטשן לאָזן זיך אָבער גערן ממיתן צוליב פוסטע ווערטער.

מ׳דאַרף אָבער נאָך מער באַוווּנדערן, וואָס אַ מלך באַ־קומט דעם גרעסטן כבוד, בעת ער פאַרכאַפּט ביים שונא אַ פּראָ־ווינץ, און אַזאַ פאַרברעכן, וואָס וואָלט באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט, ווען עס וואָלט אויסגעפירט געוואָרן פון אַ פשוטן בירגער ווערט געלויבט ביזן הימל, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז אויסגעפירט געוואָרן אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן, אַדאַנק דער מיטהילף פון געדונגענע גזלנים.

ביי די רייד האָט מיין טייערער לערער אַרויסגעצויגן פון טאַש זיין טאַביק־שקעטל און גענומען אַ שמעק טאַביק.

— געערטער פאָטער, — האָב איך אַ פרעג געטון, — צי זענען דען נישט פאַראַן קיין גערעכטע מלחמות, וואָס ווערן גע־פירט לטובת דעם פאָלק, אָדער דער מ׳ענטשהייט?

—טורנעבראָש, זון מיינער, — האָט ער מיר געענטפערט, — ביי די ציוויליזירטע פעלקער איז די אומגערעכטיקייט די סיבה פון דער מלחמה, וואָס איז אויסערגעוויינלעך אכזריותדיק און פאנאַטיש. די ערשטע מלחמות זענען געפירט געוואָרן מיטן צוועק צו באַזעצן נעווישע שבטים אויף אַ פרוכטבאַרן באָדן. אייף אַזאַ אופן האָבן די בני ישראל איינגענומען דאָס לאַנד כנען. דער הונגער האָט זיי געשטויסן צו דער מלחמה.

מיטן פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע איז די מלחמה גע־וואָרן אַ מיטל אויף צו פאַרכאַפּן קאָלאָניעס און נייע אָבזאַץ־מערק, ווי מ׳קאָן דאָס זעען אויפן ביישפיל פון שפּאַניע, האָלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך.

אָפטמאָל פלעגט זיך אויך טרעפן, אַז די קיניגן און קסריים האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך פראָווינצן, וואָס האָבן זיי לחלוטין

נישט געבראַכט קיין שום נוצן. דער איינציקער צוועק פון דער מלחמה איז געווען א תּל צו מאכן, רויִנירן, אויסשעכטן די פיינדלעכע באַפעלקערונג, אָן שום נוצן פאַר זיך, אפשר בלויז כדי דערנאָך האָבן א גרונד אויפצובויען פּיראַמידן, אָבעליסקן און טריומפאַלע בויגנס.

אַזאַ מין מיסברויכן מיט דער מלחמה איז פּשוט עקלדיק און מ׳הייבט אָן צו גלויבן, אַז די פעלקער וועלן וואס אַמאָל שלעכטער און ווילדער, וואָס גרעסער עס איז דער פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע, און די מלחמה, וואָס איז אן אָרגאני־שער באשטאַנד־טייל פון דער מענטשלעכער נאַטור, ווערט פון זיך אליין נעפּירט, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס זענען שוין פון לאנג פארשוואונדן געוואָרן די סיבות, וועלכע האָבן גע־שטויסן צו מלחמות.

אָט די דאָזיקע מיינונג פארשאפט מיר שטאַרק עגמת נפש, ווייל סיי פון דער נאַטור און סיי לויט מיין שטעלונג בין איך געניינגט ליב צו האָבן די מענטשן; איך ווער באַזונ־דערס טרויעריק, זון מיינער, טורנעבראַש, בעת איך זע, אַז מיין טאַביק־שקעטל איז ליידיק, און דאָס טאַקע פּירט מיך אַרויס פון אומגעדולד, ווייל ס׳באַווייזט מיר, ווי אָרעם איך בין.

אַזוי ווי איך האָב נעוואָלט, אַז ער זאָל אָפּטרייבן פון זיך אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען, און חוץ דעם איז מיר גע־גאַנגען אין לעבן עפּעס צו לערנען פון אים, האָב איך אים געפרעגט, צי דער בירגער־קריג קומט אים נישט פאָר, ווי די שוידערלעכסטע פאָרם פון מלחמה.

— דער בירגער־קריג וועקט אין מיר עקל, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מלחמות, ער דערנידריקט אָבער נישט אויף אַזוי פיל, ווי אַ געוויינלעכע מלחמה.

וואָרים די בירגער, אויב זיי הייבן שוין אויף אַ האַנט איינער קעגן אַנדערן, ווייסן זיי כאָטש לכל־הפחות פאַרוואָס זיי שלאָגן זיך, אָבער בעת מען שיקט זיי אַרויס אין קאַמף מיטן שונא, האָבן זיי נישט די מינדעסטע אַנונג, צוליב וואָס זיי גייען זיך שלאָגן.

רעזולטאַט פון דער אויסערגעוויינלעכער פאָלקס־נויט. זיי נעמען זיך פון פאַרצווייפלונג און זענען דער איינציקער אויסוועג, וואָס מיט זיין הילף קאָנען די אומגליקלעכע פאַרבעסערן זייער עקזיסטענץ און טיילמאָל אויך פאַרכאַפּן פאַר זיך אַ חלק פון דער מאַכט.

מ׳דאַרף אָבער באַמערקן, זון מיינער, אַז וואָס מער די רעוואָלוציאָנערן זענען אומגליקלעכער — און דערמיט אַליין פאַר־דינען זיי מ׳זאָל זיי אַ סך מוחל זיין, — אַלץ ווייניקער שאַנסן האָבן זיי צו געווינען די רעוואָלוציע.

אויסגעהונגערט, פאַרפּינצטערט, באַוואָפנט בלויז מיט זייער שרעקלעכן כעס, ווענען זיי נישט פעיק דורכצופירן קיין איין גראַנדיעזן פלאַן, זיי זענען נישט אימשטאַנד פאָראויסצו־זען אויף אַ ווייטן מרחק, און דעם קיניג גיט זיך דעריבער איין גאַנץ לייכט זיי צו באַרויקן.

דערפאַר איז אים אָבער אַ סך שווערער צו באַהערשן דעם אויפשטאַנד פון די שטאַרקע און רייכע, און אַזאַ בונט פאַרשאַפט אים בלויז אַ חרפּה און בושה, ווארים אין דאָזיקן פאַל זינט אים נישט דאָס רעכט פון דער נויטווענדיקייט.

וויסן זאָלסטו, זון מיינער, האָט מיין לערער צוגעגעבן, אַז סיי דער בירגער־קריג, סיי דער אויסערלעכער קריג, זענען סוף כל סוף אַ שרעקלעכע פּלאָג, און ביידע נעמען מיך דורך מיט אַ שרעקלעכן עקל.

XII

די אָרמע

(המשך און סוף)

— זון מײַנער, — האָט מײַן לערער װײַטער גערעדט — אָט װעל איך דיר באַלד אױסמאָלן אַ בילד פֿון דעם רום און גלײַכצײַטיק פֿון דער חרפּה פֿון די אָרעמע זעלנער, װאָס דינען צום קיניג. אין דער אמתן שטױסט אונדז די מלחמה צוריק אין יענע צײַטן פֿון ברוטאַלן באַרבאַריזם, װאָס איז טיף אײַנגעװאָרצלט אין אונזער נאַטור; זי איז אַ פּועל יוצא פֿון אַ פֿאַרװילדונג, װאָס שטעלט אונדז אין אײן רײ מיט די װילדע חיות.

איך מײן נישט דאָ בלױז די לײבן און העגער, װאָס שטאָלצירן מיט זײער קאַמפּס-לוסטיקײט, איך װיל דאָ אױך דערמאָנען די פֿײגעלעך, װאָס האָבן שטאַרק ליב זיך אַרומצוקריגן און אַפֿילו די אינזעקטן, װי די מוראַשקעס און די װעספּן, װאָס פֿירן צװישן זיך אַזעלכע פֿאַרביטערטע קאַמפֿן, אַז מיר געפֿינען נישט צומאָל אַן ענלעכן בײַשפּיל אין דער רוימישער געשיכטע.

די הױפּט-סבּות פֿון די מלחמות זענען דיזעלבע סײ בײַם מענטש, סײ בײַ דער חיה. ס׳גײט קודם כּל אין פֿאַרכאַפּן פֿאַר זיך װאָס מער רױב און גזלה, אין פֿאַרטײדיקן די נעסט אָדער צו פֿאַרשאַפֿן זיך אַ לעבנס-חבר פֿון װײַבלעכן מין.

אין דעם לעצטן פֿאַל איז נישט פֿאַראַן דער מינדעסטער

חילוק צווישן אַ מענטש און אַ חיה, און דאָס אויפכאַפּן די סאַבינעריגס דערמאָנט פולשטענדיק די נאַכט־קאַמפן פון די הירשן, וואָס באַשפּריצן די וועלדער מיט זייער בלוט. מיר האָבן בלויז איינס דערגרייכט, מיר האָבן באַפּוצט די נידריקע און באַטירלעכע אינסטינקטן מיט די באַגריפן פון כבוד, וועגן וואָס מיר האַלטן אין איין פּלוידערן, נישט רעכנענדיק זיך לגמרי מיט די כללים פון שכל.

אויב מיר האַלטן ביים היינטיקן טאָג, אַז מיר שלאָגן זיך און פירן מלחמות אין נאָמען פון איידעלע, העכערע מאָטיוון, איז דאָס נישט מער, ווי אַ פּוסטע איינרעדעניש. וואָס מער קאָמ־פּליצירטער און אומקלאָרער עס איז דער צוועק פון דער מלחמה, אַלץ עקלדיקער און שרעקלעכער קומט זי פאַר אין מיינע אויגן. און אויב ס'איז אמת, זון מיינער, אַז מענטשן דערהרגענען איינער דעם אַנדערן בלויז אין נאָמען פון זייער ערע, איז די מלחמה פּשוט אַ ווילדע משוגעת.

מיר האָבן איבערגעשטיגן מיט אונזער רשעות און אכזיורת די ווילדעסטע חיות, וואָס וועלן קיינמאָל נישט טון יענעם קיין שלעכטס, אויב זיי האָבן נישט דערצו קיין גרונט. און אמת איז, אַז דער מענטש איז טויזנט מאָל ערגער און דעגענערירטער אין זיינע מלחמות, ווי די ווילדע בופל־אָקסן אָדער די מוראַש־קעס, בעת זיי פירן צווישן זיך מלחמה.

דאָס איז נאָך אָבער נישט אַלץ. איך האָב פיינד די אַר־מעע נישט אַזוי צוליב דער פאַרוויסטונג, וואָס זי פאַרשפּרייט אַרום זיך, ווי צוליב דער עם־הארצות און פינצטערקייט, וואָס באַגלייטן זי אויף יעדן שריט און טריט. ס'איז נישט פאַראַן קיין גרעסערער שונא פון דער קונסט, ווי אַ ראש פון געדונגענע זעלנער אָדער פּאַרטיזאַנען, און געוויינלעך שטייט אַזאַ קאַפּיטאַן אינטעלעקטועל נישט אַ סך העכער פון זיינע זעלנער.

די געוווינהייט אָנצוואַרפן זיין ווילן מיט געוואַלט איז גורם, אַז דער מיליטערמאַן הערט אויף אינגאַנצן צו זיין עמפּ־פינדלעך אויף דער רעדנער קונסט, וואָס ציט איר יניקה פון דער באַד־ערפניש איבערצוציייגן דעם אַנדערן ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנ־

דער, וואָס דער מיליטערמאַן שטאָלצירט אַזוי מיט זיין בטול־צום וואָרט און צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דער קונסט.

איך דערמאַן מיך, אַז בשעת איך בין געווען ביבליאָטע־קאַר ביים בישאָף אין סעע, האָב איך דאָרט באַקענט אַ קאַפּי־טאַן, וואָס איז גרוי געוואָרן אויף דער מלחמה און אויפן שלאַכט־פעלד. ער האָט געשמט פאַר אַ מוטיקן מאַן און שטאָלצירט מיט זיין ברייטער שראַמע, וואָס האָט אים דורכגעשניטן דאָס גאַנצע פּנים.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ ווילער פאַרשוין, וואָס האָט אין משך פון זיין לעבן אַ סך מענטשן אומגעבראַכט און פאַר־גוואַלטיקט אַ גרויסע צאָל נאָנעס, ער האָט דאָס אָבער נישט געטון מחמת אַ ספּעציעלער רשעות. ער האָט זיך זייער גוט גע־קאָנט אויף זיין קונסט, און אין קיין שום פולק האָט נישט עק־זיסטירט אַזאַ דיסציפּלין, ווי אין זיינעם.

חוץ דעם האָט ער זיך אויך אויסגעצייכנט מיט אַ גאָלדענעם כאַראַקטער, ער איז געווען אַ גלענצנדער חבר ביי אַ גלעזל ווין; דאָס דאָזיקע האָב איך גאַנץ אָפט אַליין פעסטגעשטעלט אין שענק „אונטערן ווייסן פערד”, ווו איך בין נישט אָפּגע־שטאַנען פון אים בעתן טרינקען.

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען אים צו באַגלייטן ביי־נאַכט (וואָרים מיר זענען געווען באַפריינדעט), בעת ער האָט גע־לערנט זיינע זעלנער, ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך אָריענטירן אין פעלד לויט די שטערן. לכתחלה האָט ער זיי איבערגעגעבן אַ באַפעל פון ח׳ ליוווא, און מחמת דעם, וואָס ער פלעגט אים איינחזרן מיט זיינע זעלנער אין משך פון דרייסיק יאָר, האָט ער דעריבער קיין איין מאָל נישט געמאַכט קיין טעות, פונקט אַזוי, ווי איך וואָלט נישט געמאַכט קיין אַ טעות אין די תפילות: אַ ווע און פאַטער נאָסטער.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו דערקלערן די זעלנער, אויף וואָס פאַראַ אופן זיי זאָלן אויסזוכן דעם פּאָלאַר־שטערן; מ׳קאָן אים ווי באַקאַנט פעסטשטעלן לויט די אַנדערע שטערן,

וואָס דרייען זיך ארום אים, אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון אַ ווייזער פון אַ זייגער.

ער האָט אָבער אליין זיך נישט איבריק אָריענטירט אין זיינע רייד. וואָרים נאָכדעם, ווי ער האָט אַ צוויי דריי מאָל איבערגעחזרט דעם זעלבן זאַץ מיט אַ באַפעלערישן טאָן, האָט ער זיך צוגעבויגן צו מיין אויער און מיר איינגערוימט:

— צו אַלדי רוחות! טייערער פאָטער, ווייזט מיר, ווו ס'געפינט זיך דער פאַרשאָלטענער פאָלאַר-שטערן. כאַפּט מיך דער רוח, אויב איך ווייס, ווי אַזוי אונטערצושיידן דעם דאָזיקן שטערן צווישן אַזוי פיל ליכטלעך, וואָס זענען צעזייט איבערן הימל!

איך האָב אים אין אַ פּאָר ווערטער אויסגעלערנט, ווי אַזוי ער דאַרף אויסזוכן דעם שטערן און אים צום סוף געוויזן מיטן פינגער.

— אָ! אָ! — האָט ער אויסגערופן, — דער קונדס שטעקט גאָר הויך! פון דאָזיקן אָרט קאָן מען זיך פריער אויסדרייען דעם קאַרק, איידער מ'קאָן דערזען דעם דאָזיקן שטערן.

און ער האָט מאָמענטאַל ארויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די זעלנער זאָלן זיך צוריקציען מיט פופציק טריט, ווייל אויף אַזאַ אופן וועלן זיי קאָנען בעסער זען דעם פאָלאַר-שטערן.

דאָס, וואָס איך פאַרצייל דיר, זון מיינער, האָב איך געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן. דו וועסט דאָך בלי ספק מודה זיין, אַז דער דאָזיקער וואָפן-טרעגער האָט אַ גאַנץ נאַיוון באַגריף וועגן דעם וועלט-סיסטעם און קודל כל וועגן די פאַראַלאַקסן פון די שטערן.

אָבער נישט געקוקט דערויף האָט ער אויף זיין שיינעם געשטיקטן מונדיר געטראָגן מיט שטאָלץ די קיניגליכע אָרדנס, און די מלוכה האָט אים צוגעטיילט אַ סך מער כבוד, ווי אַ געלערנטן גלח. אָט די דאָזיקע עם-הארצות, וואָס הערשט אין דער אַרמעע, קאָן איך בשום אופן נישט ליידן.

ביי די רייד האָט מיין לערער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ וויילע, כדי אָפּצוזיפצן, און איך האָב אים אַ פרעג געטון, צי

האַלט ער נישט, אַז כּדי צו געווינען אַ שלאַכט דאַרף מען פאַר־מאָגן אַ סך אינטעליגענץ.

אָט וואָס ער האָט מיר דערויף געענטפערט:

— זון מיינער, טורנעבראָש, אויב מיר זאָלן נעמען אין באַטראַכט אַלע שוועריקייטן, וואָס מ׳האָט אויסצושטיין ביים אָרגאַניזירן און פירן אַן אַרמעע, אַלע ידיעות, וואָס אָן זיי איז כּמעט אוממעגלעך זיך צו באַגיין בעת אַן אָנפאַל אָדער בעת דער פאַרטיידיקונג פון אַ געוויסער פּאָזיציע, מיט איין וואָרט, אויב מיר זאָלן זיך פאַרטראַכטן, וויפיל פעיקייטן און קענטנישן ס׳איז נויטיק כּדי אויסצואַרבעטן אַ סטראַטעגישן פּלאַן, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז בלויז אַ מיליטערישער גאון, ווי צע־זאַר למשל, איז פעיק געווען דורכצופירן אַזאַ אונטערנעמונג. עס איז דעריבער אַ גרויס וווּנדער, וואָס נאָך אים האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע זענען בכּוח געווען צו באַהערשן די קריגס־קונסט.

אַ גרויסער פירער דאַרף קודם כּל זיין באַקאַנט נישט בלויז מיט דער געאָגראַפיע פון לאַנד, ער מוז אויך זיין גוט באַהאַוונט אין די אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אינדוסטריע און מנהגים פון פאָלק. מיט זיין געדאַנק דאַרף ער אַרומנעמען אָן אַ שיעור קליינע פאַקטן און פונם דאָזיקן תּוהו־ובֿוהו אויסאַרבעטן פּשוטע און אַלץ אַרומנעמענדיקע באַגריפן.

די פּלענער, וואָס ער האָט דורכגעטראַכט מיט אַלע פּרטים אין משך פון אַ סך וואָכן, דאַרף ער קענען מיט איינמאָל ענ־דערן, אויב דאָס דאָזיקע איז אַ רעזולטאַט פון דער נייער לאַגע. כּדי מ׳זאָל זיין פעיק דערויף מוז מען פאַרמאָגן אַ נישט דורכ־שניטלעכן שכל און אַן אויסערגעוויינלעכן קוראַזש.

דער געדאַנק פון קריגס־פירער דאַרף זיך דאָ באַוועגן מיט די לאַנגזאַמע טריט פון אַ טשערעפּאַכע, אָדער ווי אַן אָדלער אַרויספליען אין ווייטן הימל אַריין. אָט דאָס דאָזיקע איז פול־שטענדיק ריכטיק.

נעם אָבער אין באַטראַכט, זון מיינער, אַז בעת צוויי אַרמעען שטייען איינע אַקעגנאיבער דער אַנדערער, מוז דאָך

איינע פון זיי באַזיגט ווערן, און דערפון איז קלאָר, אַז די אַנ־דערע מוז זיין די זיגעריק, מעג איר פירער נישט פאַרמאָגן אַלע מעלות פון אַ סטראַטעג, מעג ער אַפילו אינגאַנצן זיך נישט אויסצייכנען מיט קיין שום מעלות.

עס זענען פאַראַן פעיקע פירער, עס טרעפן זיך אָבער אויך אַזעלכע גליקלעכע, וואָס האָבן לגמרי נישט פאַרדינט באַ־רימט צו ווערן, און דאָך איז זייער רום דערמיט לחלוטין נישט פאַרמינערט געוואָרן. זאָג אַדרבא אַליין, ווי איז עס מעגלעך ביי אַזעלכע משונהדיקע און אומגעריכטע באַגעגענישן אויסצו־טיילן, וואָס אַזעלכעס איז אַ רעזולטאַט פון דער קריגס־קונסט און וואָס עס האָט גורם געווען דער גליקלעכער צופאַל?

דו פירסט מיך אָבער אַראָפּ פון וועג, טורנעבראַש, זון מיינער, וואָרים איך וויל דאָך דיר אויפווייזן, אַז ביים היינ־טיקן טאָג איז די מלחמה אַ חרפה פאַרן מענטש, בעת אַמאָל האָט זי אים געבראַכט כּבוד.

מחמת דעם, וואָס די מלחמה האָט צוליב נויווענדיקייט אַרומגענומען אַלע מלוכות, איז זי געוואָרן די גרויסע דערציער'ין פון מענטשלעכן מין. אַ דאַנק איר האָבן די מענטשן זיך אויס־געלערנט אַ סך נוצלעכע זאַכן, וואָס זענען נויטיק פאַר דעם אויפבוי פון שטעט.

אַ דאַנק דער מלחמה האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו זיין געדולדיק, אַנטשלאָסן, אָפּצולאַכן פון דער געפאַר און מוסר נפש זיך זיין אין אַ נויטיקן פאַל. אין יענעם טאָג, ווען די פאַסטוכער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוקאָלערן ריזידיקע פעלזן־שטיי־נער און אויסגעבויט פון זיי אַ פאַרטיידיקונגס־מויער, וואָס הינ־טער איר האָבן זיי פאַרטיידיקט זייערע פרויען און קינדער, — אין יענעם טאָג איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע סאָציאַלע אָר־גאַניזאַציע און ס'איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַרן צוקונפטיקן פּראָגרעס פון דער קונסט און וויסנשאַפט.

אַלע גרויסע ערפינדונגען, וואָס מיר פאַרמאָגן היינט, ווי למשל דאָס פּאָטערלאַנד, די שטאָט, יענע אידעאַלע זאַך, וואָס

די רוימער האָבן ליב געהאַט אַ סך מער ווי די געטער, — „אורבס״, — איז אַ טאָכטער פון דער מלחמה.

די ערשטע שטאָט איז געווען אַ געוויסער שטח, אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער מויער, און אָט אין דער דאָזיקער האַרטער וויג, וואָס האָט זיך אָפּט געבאָדן אין בלוט, זענען עס געשאַפן געוואָרן יענע דערהויבענע געזעצן, די אינדוסטריע, די קונסט און חכמה. און טאָקע דערמיט לאָזט זיך פאַרענטפערן, פאַרוואָס דער אמתער גאָט וויל מ׳זאָל אים רופן א ל - צ ב א ו ת.

איך זאָג דיר נישט דאָס אַלץ, זון מיינער, טורנעבראָש, כדי דו זאָלסט באַלד אַהינגיין צום סערזשאַנט און אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז דו טרעטסט אַריין אין דער אַרמעע, אָדער זאָלסט באַקומען חשק צו ווערן אַ העלד מיט דער הילף פון זעכציק שטעקנס, מיט וועלכע מ׳וועט דיך יעדן טאָג מכבד זיין.

אין אונזערע צייטן האָט די מלחמה אויפגעהערט צו זיין דאָס, וואָס זי איז געווען אַמאָל, זי איז נישט מער, ווי אַ צרה, וואָס מיר האָבן באַקומען בירושה, דער צוריקקער צו אַ ווילד לעבן, מיט איין וואָרט — אַ פאַרברעכערישער אומזין. דאָס לעבן פון די היינטיקע פירשטן, און באַזונדערס פון פאַרשטאָרבענעם קיניג, וועט אַלעמאָל זיין דער סימבאָל פון מענטשלעכער שאַנדע, וואָרים פון דער מלחמה האָבן זיי זיך געמאַכט אַ שפּילעכל און אַ פאַרווײַלונג פאַר זייער הויף-קאַמאַרילע. ס׳פאַרשאַפט מיר פשוט אַ צער ביים געדאַנק, אַז מיר וועלן נישט זען דעם סוף פון די דאָזיקע שרעקלעכע מאַסן-הריגות.

אויב עס האַנדלט זיך וועגן דער צוקונפט, וואָס איז אינגאַנצן איינגעהילט אין אַ שלייער פון געהיימניש, דאַרפסטו דיך נישט וווּנדערן, זון מיינער, אַז איך קוק אויף איר דורך דער פּריזמע פון מיין נאַטירלעכער מילדקייט און איך שאַץ זי אָפּ לויט דער גערעכטיקייט-מאָס, וואָס איז אין מיר. די צוקונפט איז זייער אַ באַקוועמער באָדן פאַר פאַרשידענע אוטאָפּיעס. דאָס

איז דאָס אוטאָפּישע לאַנד, ווו דער תּלמיד־חכם האָט ליב אויפ־צובויען גראַדיעזע לופט־שלעסער.

איך וויל גלויבן, אַז אין דער צוקונפט וועלן די פעלקער זיך פאַרנעמען מיט פרידלעכע אַרבעטן. אַן אָנזאָג פון דאָזיקן וועלט־שלום זע איך אינם כסדרדיקן וווּקס פון די באַוואָפנו־גען אין די צוקונפטיקע דורות.

די אַרמעען וואַקסן כסדר סיי אין דער צאָל, סיי אין קראַפט. נישט ווייט איז דער טאָג, ווען גאַנצע פעלקער וועלן איינגעשלינגען ווערן דורכן דאָזיקן שרעקלעכן פאַרזעעניש. דע־מאָלט אָבער וועט דאָס פאַרזעעניש אויסהויכן די נשמה פון אי־בערעסן זיך, עס וועט פּלאַצן, ווייל עס וועט ווערן דיק אי־בער דער מאָס.

XIII

י אָקאַדעמיע

יענעם טאָג זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז דער בישאָף דע סעע איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער געהאַלטן אַ לויב-רעדע לכּבוד דעם הייליקן מאַקלו, וואָס מ׳האָט אַנערקענט פאַר אַ מייסטער-ווערק; איך גלויב גערן, אַז אין זיין רעדע וועט מען געפינען אַ סך גלענצנדע שטעלן, וואָרים מיין לערער, דער גלח קוּאַניאַר, האָט צוגעלייגט זיין האַנט צום דאָזיקן ווערק, נאָך איידער ער האָט פאַרלאָזן דעם בישאָף צוזאַמען מיט דעם צימער-מיידל פון מאַדאַם לאַ-באַיוו.

דער בישאָף פון סעע האָט געשטאַמט פון העכסטן נאָרמאַנדישן אַדל. זיין פרומקייט, זיין ווייַן-קעלער און זיינע פערדשטאַלן האָבן געשמט אין גאַנצן לאַנד, און זיין אייגענער שוועסטערן-זון האָט שטאַרק מיטגעווירקט, ער זאָל אויסגעוויילט ווערן אין דער אַקאַדעמיע.

זיין וואַל האָט דעריבער קיינעם נישט פאַרווונדערט. זי איז אויפגענומען געוואָרן פון אַלע מיט גרויס צופרידנקייט, מיטן אויסנאַם פון די גראַמען-מאַכערס פון „קאַפע פראָקאָפ״ וואָס זענען קיינמאָל נישט צופרידן. זיי האָבן דאָך אָבער שטענדיק ליב צו דרייען מיט דער נאָז.

מיין גוטער לערער האָט זיי געמוסרט אויף זיין געוויינ-

לעבן, עטוואָס גוטמוטיקן שטייגער.

— וואָס האָט עפּעס ה׳ דיקלאָ זיך צו באַקלאָגן? — האָט ער געזאָגט. — פון נעכטן אָן איז ער דאָך גלייכבאַרעכטיקט מיטן בישאָף פון סעע, וואָס האָט און זיין רשות דאָס בעסטע פון פראַנצויזישן קלער און די שענסטע הינט אין גאַנצן לאַנד. וואָרים די אַקאַדעמיקער זענען גלייך אין די אויגן פון געזעץ. *)

דעם אמת געזאָגט איז דאָס טאַקע אַ פיקטיווע גלייכהייט,

---

*) סען-עוורעמאָן. — „די אַקאַדעמיקער":

גאָדאָ

„גוטמאָרגן, טייערער קאָלטע.

קאָלטע

(וואַרפט זיך אויף די קני)

גרויסער בישאָף פון גראַס,

זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, וואָס איך האָב צו טון.

און אפשר זאָל איך קושן דעם זוים פון אייער קלייד?

גאָדאָ

מיר זענען ביידע גלייך, הייב דיך אויף, קאָלטע,

מיר זענען דאָך עפּעס ביידע זין פון אַפּאָללאָ.

קאָלטע

אויב אַזאַ איז דער ווילן פון אייער עמינענץ,

בין איך גרייט אויפצושטיין.

גאָדאָ

צווישן אונז טאָר נישט זיין קיין שום אונטערשיד.

איך בין טאַקע בישאָף, אַבער דאָ בין איך קודם-כל גאָדאָ".

דער גלח קוואַניאַר האָט געלעבט נאָך בעתן אַלטן רעזשים. מ׳פלעגט דעמאָלט זאָגן, אַז די אַקאַדעמיע האָט אָפּגעשאַפן אַלע סתירות צווישן אירע מיטגלידער, הגם זיי זענען נישט געווען גלייך אין די אויגן פון געזעץ.

די אַקאַדעמיע איז צעשטערט געוואָרן אין יאָר 1793, ווי דער לעצטער מקום-מקלט פון דער אַריסטאָקראַטיע.

וואָרים נאָך דער זיצונג שטייגט דער בישאָף איין אין זיין גע־גילדעטער קאָטש, און ה׳ דיקלאָ גייט צופוסנס איבער די רינג־שטאָקן און באַשפּריצט מיט בלאָטע זיינע זאָקן. אויב אָבער דער הער דיקלאָ האַלט זיך פאָרט נישט פאַר זיינס גלייכן מיטן בישאָף פון סעע, פאַרוואָס זשע שטופּט ער זיך דאָרט, וווּ מ׳דאַרף נישט.

פאַרוואָס־זשע לייגט ער זיך נישט אַריין אין אַ פעסל, ווי למשל דיאָגענעס, אָדער ווי איך, וואָס פאַרברענג מיינע פאַר־יאָרן אין אַן עלנטער בויד ביי דער קירך פון הייליקן אינאָ־סאַן? בלויז דעמאָלט, ווען מ׳ליגט אין אַ פעסל, אָדער ווען מ׳שלאָפט אין אַ בויד, איז מען אימשטאַנד אויף אַן אמת צו הערשן איבער די מענטשן. נאָר אַזאַ מענטש איז אַן אמתער פרינץ און אַ פאַקטישער הערשער. גליקלעך איז דער, וואָס האָט נישט געלייגט קיין האָפנונג אויף דער אַקאַדעמיע! גליקלעך איז דער, וואָס איז פריי פון באַגערן און מורא, און ווייסט, אַז אַלץ איז הבל הבלים! גליקלעך איז דער, וואָס ווייסט, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין נפקא מינה צווישן אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע און אַ געוויינלעכן מענטש!

נאָר אַזאַ מענטש איז מסוגל צו פירן אַ רויק און גליק־לעך לעבן. און ער איז טאַקע באמת פריי. די פרייהייט באַ־גלייט אים אומעטום, ווו ער גיט זיך נאָר אַ ריר. ערגעץ אין אַ שאָטן פייערט ער אָרגיעס פון חכמה, און אַלע מוזעס טוען צו אים שמייכלען.

אַזוי האָט גערעדט מיין לערער, און איך האָב באַוווּ־דערט דעם לויטערן ענטוזיאַזם, וואָס האָט געקלונגען אין זיין שטים און געפלאַקערט אין זיינע אויגן. אין מיר האָט אָבער אויפגעקאָכט יוגנטלעכער אומרו. איך האָב געוואָלט זיך וואַרפן אין קאַמף אַריין, זיך אַרויסזאָגן פאַר אָדער קעגן דער אַקאַדעמיע.
— געערטער פאָטער, — האָב איך אים אַ פרעג געטון, — ציִ איז דען נישט די פליכט פון דער אַקאַדעמיע אויסצוקלייבן די גרעסטע פערזענלעכקייטן פון לאַנד, איידער אַריינגעמען די בישאָפן,

וואָס זייער איינציקער זכות איז די פּראָטעקציע פון אַ קרוב? *)

— זון מיינער, — האָט מיין לערער געלאַסן געענטפערט, — דער בישאָף פון סעט צייכנט זיך אויס אין זיינע פּאַסטאָראַלע בריוו מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שטרענגקייט פון מידות. ער איז גרויסהאַרציק און גאַלאַנט אין זיין פּריוואַטן לעבן, ער איז לסוף די קרוין פון פּראָווינציעלער קלער און חוץ דעם האָט ער געהאַלטן יענע באַרימטע דרשה לכּבוד דעם הייליקן מאַקלו, וואָס איר שטעלט וועגן דער וווּנדערבאַרער אויסהיילונג פון פּראָווינציעלן מלך האָט אַלעמען אַריינגעבראַכט אין אַ געוואַלטיקער התפּעלות. און אַז ער איז דער פעטער פון אַן איינפלוס-רייכן מלוכה-מאַן, האָט די אַקאַדעמיע אים דערפאַר נישט געטאָרט אויסקלויבן?

עס וואָלט באמת געווען ווילד און אוממענטשלעך צו באַשטראָפן דעם בישאָף פון סעט דערפאַר, ווייל זיינע קרובים פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָסטנס אין דער מלוכה. די אַקאַדעמיע האָט ליבער אָוועקגעקוקט דערויף, און דאָס אַליין איז שוין אַן איידעלע טאָט.

— געערטער פּאָטער, — האָב איך זיך אָנגערופן, — האָט נישט קיין פּאַראיבל, וואָס מיין געפיל פּראָטעסטירט קעגן אייער אויספירן. אַלע ווייסן, אַז דער בישאָף פון סעט צייכנט זיך בלויז אויס מיט דער בויגעוודיקייט פון זיין כאַראַקטער, און אויב ער וועקט באַוווּנדערונג, איז עס בלויז צוליב דעם, וואָס ער קאָן די קונסט פון גליטשן זיך צווישן די פּאַרטייען.

מיר זענען למשל געווען עדות, ווי ער האָט זיך געהנדלט צו די יעזויטן און זשאַנסעניסטן און פאַרבאָרגן זיין פּחדנישע פּאַרזיכטיקייט אונטער דער מאַסקע פון קריסטלעכער באַרמהאַרציקייט. ער רעדט זיך איין, אַז ער האָט אויפגעטון זייער פיל מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געוועקט ביי קיינעם קיין אומצופרידנקייט, און זיין איינציקע פליכט באַשטייט אין פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן.

---

*) ער האָט דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז די קיניגלעכע פּריווי-

אויב ער האָט איבערגעצויגן אויף זיין זייט די מערהייט שטימען פון די אויסדערוויילטע פון קיניג*), איז עס זיכער נישט זיין פּערזענלעכער פאַרדינסט. זיינע גייסטיקע פעיקייטן האָבן אוודאי און אוודאי נישט גורם געווען דערצו, וואָרים חוץ דעם פּאַנעגיריק פון הייליקן מאַקלו, וואָס ער האָט קוים באַוויזן איבערצולייענען, (דאָס איז אַלעמען גאַנץ גוט באַקאַנט), האָט דער דאָזיקער פרידלעכער בישאָף פאַרפאַסט א פּאָר עלנטע שאַבלאָן-בריוו צו זיינע שעפּעלעך.

אין דער אמתן צייכנט ער זיך אויס נישט מער, ווי מיט פיינער באַנעמונג און העפלעכער שפּראַך. צי זענען דאָס נעגוגנדע מאָטיוון, כדי צו ווערן אומשטערבלעך?

— טורנעבראָש, זון מיינער, — האָט דער גלח קואַניאַר רויִק געענטפערט, — דו טראַכסט פּונקט אַזוי ווי דיין מוטער, מסתמא האָסטו דאָס באַקומען פון איר בירושה, און עפּעס חלומט זיך מיר, אַז נאָך אַ לאַנגע צייט וועסטו פאַרבאַהאַלטן דיין איינגעבוירענע פּשטות. איך גראַטוליר דיר.

דערפון איז נאָך אָבער נישט געדרונגען, אַז די אומשולדיקייט דיינע זאָל דיר געבן דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אַן אומגערעכטן אורטייל. ס'איז גענוג, בעת זי מאַכט דיך נאַיוו.

די אומשטערבלעכקייט, וואָס מ'האָט צוגעפּסקנט דעם הערסעע וויל נישט וויסן פון אַ באָסוע אָדער אַ בעלזענס; זי איז קיינמאָל נישט אויסגעקריצט געווען אין די הערצער פון די פאַרחידושטע פעלקער; זי איז בלויז פאַרשריבן אין אַ ריזיקן רעגיסטער, און דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז די דאָזיקע פּאַפּירענע לאָרבער-קראַנצן באַפּוצן אַוודאי און אַוודאי נישט די קעפּ פון העלדן.

און וואָס איז כ'לעבן דער אומגליק, אַז צווישן די פערציק אויסדערוויילטע איז פאַראַן מער שיינע מאַניערן, ווי גאונות?

לעגיעס פון בישאָף האָבן נישט קיין שום שייכות מיט זיינע אַקאַדעמישע קוואַליפיקאַציעס.

*) דער קיניג איז געווען דער פּראָטעקטאָר פון דער אַקאַדעמיע

די מיטלמעסיקייט טריומפירט אין דער אַקאַדעמיע. און ווי פאַרנעמט זי דען נישט דעם אויבן אָן? צי פאַרנעמט זי אפשר נישט דעם אויבנאָן אין פאַרלאַמענט, אין קיניגלעכן ראַט, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט נישט דאָרט קיין אָרט? צי דאַרף מען דען זיין אַ זעלטענע פערזענלעכקייט כדי צו אַרבעטן איבער אַ ווערטערבוך פון אומבאַנוצטע אויסדריקן, בעת מיר זענען געוווינט אין אים צו זוכן די ווערטער פון טאָג־טעג־לעכן לעבן?

די אַקאַדעמיע, ווי דיר איז באַקאַנט, איז געשאַפן געוואָרן, כדי צו פאַרפעסטיקן גוטע מנהגים און געוויסע באַרמען פון דער רעדנער־קונסט. איר אויפגאַבע איז אָפּצוריי־ניקן די שפּראַך פון אַלע אַרכאַיזמען און פאַרשידענע פּראָווינצ־יאַליזמען, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל נישט דערלאָזן, אַז אין דער ליטעראַטור זאָלן זיך באַווייזן אַ צווייטער ראַבעלע אָדער אַ מאָנטען, וואָס האָבן פאַראומרייניקט די שפּראַך מיט אַן אַ שיעור פּראָווינציאַליזמען און ניבול־פה־רייד.

מ׳האָט דעריבער צונויפגעזאַמלט די עלעגאַנטעסטע לייט, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט שיינע מאַניערן, און שריפט־שטעלער, וואָס אין זייער אינטערעס איז געלעגן זיך דערמיט צו באַקענען. ס׳איז אָבער אַנטשטאַנען אַ מורא, אַז די דאָזיקע חברותא זאָל זיך אַמאָל נישט דערלויבן דורכצופירן די רע־פאָרם פון דער פראַנצויזישער שפראַך אויף אַ טיראַנישן אופן. מ׳האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז די מורא איז געווען אומ־זיסט און די אַקאַדעמיקער האַלטן זיך אין די ראַמען פון די הערשנדע מנהגים און האָבן גאָרנישט בדעה דורכצופירן ווייטגייענדע רעפאָרמען.

נישט געקוקט אויף דער אָפּאָזיציע פלעגט מען ווייטער זאָגן, ווי פריער: איך פאַרמאַך די טיר.*)

*) עס איז קלאָר, אַז מ׳פאַרמאַכט נישט די טיר, נאָר דאָס צימער. און אין דער אמתן האָט די אַקאַדעמיע פאַרבאָטן טאַקע דעם דאָזיקן אויסדרוק.

די חברותא האָט זיך גאָר גיך אָפּגעזאָגט פון קאַמף און זי האָט בלויז פאַרצייכנט אין דער ענציקלאָפּעדיע, אַז דער אויס-דרוק ווערט אין אַלגעמיין באַנוצט. דאָס איז די איינציקע אויפ-גאַבּע פון די אומשטערבלעכע.*) אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט גענוג צייט האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשידענע פאַרווײַלונגען. זיי האָבן זיך דעריבער געמוזט צוקלויבן פריילעכע, עלעגאַנטע און גייסטרייכע חברים, מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט שיינע מאַניערן און פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָסטנס אין דער געזעלשאַפט.

דער גרויסער טאַלענט פאַרמאָגט נישט אַלעמאָל די דאָזיקע מעלות, און דער גאון איז פּונקט להיפּך ווייניק געזעלשאַפטלעך. אַ נישט דורכשניטלעכער מאַן גיט זיך זעלטן אַן עצה אין לעבן.

די אקאַדעמיע האָט דעריבער זיך גאַנץ לייכט געקאָנט באַגיין אָן אַ דעקאַרט אָדער אַ פּאַסקאַל. קיינער וואָלט אָבער נישט געזאָגט, אַז זי וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן אַ גאָדאָ אָדער אַ קאָנראַר אָדער אָן אַלע אַנדערע אירע מיטגלידער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט עלעגאַנץ, שיינע מאַניערן און זענען פריי פון יעטוועדע פאָראורטיילן.

— אַזוי גאָר! — האָב איך אויסגערופן, — די אַקאַדעמיע איז אַלזאָ נישט דער סענאַט פון געטלעכע לייט, דער ראַט פון די אומשטערבלעכע; די אַקאַדעמיע איז אַלזאָ נישט דער חשובער אַרעאָפּאַג פון דער פּאָעזיע און רעדנערײַ-קונסט!

„איך זאָג, אַ מנהג חוזקט אָפּ פון שׂכל,
„יעדער זאָגט דווקא: איך פאַרמאַך די טיר.
„אַ מנהג סאַנקציאָנירט די ווערטער,
„וואָס ס'לעבן האָט פאַרקריפּלט;
„און אויב דו ווילסטו ס'זאָל ווערעם זיין אין סוף דעצעמבער,
טאָ גיב זשע מיט דער טיר אַ זעץ און פאַרמאַך דאָס צימער"
(סען-עוורעמאָן: „די אַקאַדעמיקער")

*) אין יענע צייטן האָט די אַקאַדעמיע נישט פאַרטיילט קיין פּריזן.

— בשום אופן נישט, זון מײַנער. דאָס איז אַ חבֿרותא, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט שײנע און עלעגאַנטע מאַניערן. און אַ דאַנק דעם האָט זי זיך געוואַלטיק קונה שם געווען בײַ די פֿרעמדע פּעלקער און באַזונדערס בײַ די אײַנוווינער פֿון דער מאָסקווער מלוכה.

דו האָסט גאָרנישט קײן באַגריף, זון מײַנער, מיט וואָס פֿאַרא באַוווּנדערונג עס באַציִען זיך צו דער פּראַצוויזישער אַקאַדעמיע די דײַטשע באַראָנען, די רוסישע גענעראַלן און ענגלישע מילאָרדן. די דאָזיקע אײראָפּעער האַלטן זײער שטאַרק פֿון אונזערע אַקאַדעמיקער און... פֿון אונזערע טענצערינס.

איך האָב אַנומלט באַקענט אַ סאַרמאַטישע פּרינצעסין, זײער אַ גרויסע שײנהײט, וואָס האָט פֿאַרבראַכט אַ קורצע צײַט אין פּאַריז. זי האָט אומבאַדינגט זיך געוואָלט באַקענען מיט אַן אַקאַדעמיקער, אַלץ אײנס, צי אַן אַלטער, צי אַ יונגער און אים דווקא געוואָלט אַוועקגעבן איר צניעות.

— אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, ווי איר זאָגט, — האָב איך אויסגערופֿן, — פֿאַרשטײ איך נישט, ווי קאָנען די אַקאַדעמיקער קאָמפּראָמיטירן זײער גוטן נאָמען מיט אַזאַ שלעכטן אויסוואַל.

— טורנעבראָש, זון מײַנער, — האָט מײַן טײַערער לערער מיך באַרויקט, — לאָמיר נישט אַרויסגעבן קײן שלעכטן אורטײל וועגן שלעכטע וואַלן; קודם כּל דאַרף מען אין דעם פֿאַל, ווי אויך אין אַלע אַנדערע פֿאַלן זיך אײַן אַ גרויסער מאָס פֿאַרלאָזן אויפֿן צופֿאַל, וואָס איז, אויב מ'זאָל זיך טיפֿער און ערנסטער וועגן דעם פֿאַרטראַכטן, דער סימבאָל פֿון גאָטס ווירקונג אויף דער וועלט, דער אײנציקער ממשותדיקער וועג, וואָס דורך אים קומט צו אַ קלאָרן אויסדרוק די השגחה פּרטית.

וואָרים דו פֿאַרשטײסט דאָך גאַנץ גוט, זון מײַנער, אַז דאָס, וואָס מ'רופֿט אין אַלגעמײן די אומזיניקײט פֿון גורל, דער קאַפּריז פֿון גליק, איז אין דער אמתן בלויז אַ רעוואַנש פֿון דער געטלעכער חכמה, וואָס חוזקט אָפּ אויף אַזאַ אופֿן פֿון די עצות און נבֿואות פֿון די פֿאַלשע נבֿיאים.

חוץ דעם מוז מען יעדער מענטשלעכער פֿאַרזאַמלונג

איבערלאָזן אַ געוויסע פרייהייט צו האָבן אירע אייגענע קאַפּריזן און פאַנטאַזיעס. אין אַ געזעלשאַפט, וואָס וואָלט זיך געשטיצט אויסשליסלעך אויפן שכל וואָלט געווען ממש נישט אויסצוהאַלטן; אַזאַ געזעלשאַפט וואָלט אויסגעגאַנגען פאַר לאַנגווייליקייט אונטער דער אייזקאַלטער הערשאַפט פון דער גערעכטיקייט.

אַזאַ געזעלשאַפט וואָלט נישט געקאָנט אָנגיין פאַר מענטשן און אַפילו נישט פאַר פריי, ווען זי וואָלט פון צייט צו צייט נישט טועם געווען פונם תאַווהדיקן פאַרגעניגן צו באַליידיקן די ענטלעכע מיינונג אָדער דעם מענטשלעכן שכל.

דאָס איז דער קלענסטער חטא פון די גרויסע פון דער וועלט, וואָס טוען אָפּ די משונהדיקסטע נאַרישקייטן. מיט וואָסזשע איז דען די אַקאַדעמיע בעסער למשל פון דער טערקישער מלוכה, וואָס האָט אַ האַלבע לבנה אין איר הערב, אָדער פון אַ שיינער פרוי, וואָס איז אַ שפּילעכל פון די אויסטערלישסטע קאַפּריזן.

אַ סך סותרדיקע ליידנשאַפטן האָבן זיך פאַראייניקט צוזאַמען, כּדי סוף כּל סוף ברענגען צום פאַטאַלן רעזולטאַט, וואָס נעמט צו די גאַל ביי די פּראָסטע מענטשן. אָרנטלעכע מענטשן האָבן אַ גרויס פאַרגעניגן, בעת זיי נעמען אַן אומגליקלעכן שלימזל און מאַכן אים פאַר אַן אַקאַדעמיקער.

אויף אַזאַ אופן דערהויבט דער אויבערשטער דעם אָרעמאַן פון שטויב. אַזעלכע געשעענישן זענען אַ געוואַלטיקע אַטראַקציע פאַר די פעלקער, און די, וואָס האָבן זיי גורם געווען, רעדן זיך איין, אַז זיי זענען באַשאָנקען מיט אַ געהיימנישפולער און שרעקלעכער קראַפט.

צי איז דען פאַראַן אַ גרעסער פאַרגעניגן, ווי אַרויסצושלעפן אַזאַ שלימזל פון זיין לאָך און אין דער זעלבער צייט לאָזן אין שאָטן דעם אמתן געלערטן און וויסנשאַפט-מאַן. דאָס איז דאָס זעלבע, ווי מ׳וואָלט מיט איין שלוק אַראָפּגעשלונגען אַ וווּנדערבאַרן און זעלטענעם געמיש פון צופרידנגעשטעלטער באַרעמהאַרציקייט און געזעטיקטער קנאה. דאָס איז אַ תאַווה, וואָס באַפרידיקט אַלע חושים, מיט איין וואָרט, דעם גאַנצן מענטש.

און דו ווילסט, אַז די אַקאַדעמיקער זאָלן זיך מיטן גוטן ווילן אָפּזאָגן פון אַזאַ תּאַווהדיקן געטראַנק?

חוץ דעם דאַרף מען נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז בעת זיי שאַפן זיך אַזעלכע איידעלע פאַרגעניגנס, מיינען זיי דערמיט קודם כּל זייער אייגענע טובה. וואָרים נעם דיר גוט אין זינען אַריין, זון מיינער, טור נעבבראַש, אַז אַ חברותא, וואָס וואָלט באַשטאַנען אויסשליסלעך פון גרויסע לייט, וואָלט געווען קליין אין דער צאָל און וואָלט אויסגעגאַנגען פון לאַנגווייליקייט און אומעט.

די גרויסע לייט ליידן נישט איינער דעם צווייטן און זענען זייער קנאַפּ גייסטרייך. דעריבער איז נויטיק און ס'איז זייער געוווּנטשן אויסצומישן זיי מיט די קליינטשיקע. דאָס דאָזיקע אַמוזירט זיי. די קליינטשיקע קומט זייער שטאַרק צונוץ די שכנות מיט די גרויסע לייט, און די גרויסע לייט האָבן אַ געלעגנהייט צו מאַכן פאַרגלייכן; אויף אַזאַ אופן האָבן סיי די גרויסע, סיי די קליינע לייט דעם זעלבן נוצן.

מ'דאַרף פּשוט באַוווּנדערן דעם געניאַלן מעכאַניזם, וואָס מיט זיין הילף באַשענקט די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע אַ טייל פון אירע מיטגלידער מיט דער גאונות פון די איפּערגעבליבענע. דאָס איז אַ פאַרזאַמלונג פון זונען און פּלאַנעטן, ווו יעדער פינקלט מיט זיין אייגענעם אָדער געבאָרגטן ליכט.

איך וואָלט געזאָגט נאָך מער, די שלעכטע וואָלן זענען פּשוט נויטיק פאַרן קיום פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע. אויב זי וואָלט נישט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז די פאַרלאָזט זיך אויף אַ צופאַל, וואָלט זי ממש פאַרחאַסט געוואָרן, און זי וואָלט פּשוט נישט געקאָנט מער עקזיסטירן.

אין אונזער רעפּובליק פון וויסנשאַפט און קונסט וואָלט זי געווען געגליכן צו אַ טריבונאַל אינמיטן פאַרמשפּטע. מחמת דעם, וואָס זי וואָלט קיינמאָל קיין טעות נישט געהאַט, וואָלט זי ממש געוועקט אַן עקל און אַ שרעקלעכע שנאה. וואָס פאַראַ שרעקלעכע חרפה וואָלט דאָס געווען פאַר די נישט אויסגעקלי-

פּנע, ווען יעדער אויסדערוויילטער וואָלט תּמיד געווען דער בעסטער?

די טאָכטער פון רישעליע *) מוז זיין אַ ביסל לייכטזיניק, די וויזן, אַז זי איז נישט אַ צו גרויסער בעל-גאווה. אירע קאַפּריזן און פאַנטאַזיעס ראַטעווען טאַקי איר כּבוד. איר אומיושרדיקייט באַפעסטיקט בלויז איר אומשולד, און אויב מיר ווייסן, אַז זי איז קאַפּריזנע, פילן מיר זיך נישט באַליידיקט, ווען זי שטויסט עמיצן אָפּ פון זיך.

די טעותים ברענגען איר אָפטמאָל אַ גרויסן נוצן, און כ׳הייב אָן צו גלויבן, אַז זי טוט עס בכּיוון. דאָס איז באמת אַ וווּנדערבאַרער מעטאָד איינצושפּאָרן אויף אַזאַ אופן צער די קאַנדידאַטן, וואָס זי האָט אָפּגעוואָרפן. אַזעלכע מין וואָלן אַנטוואָפנען די קנאה, און אָט צוליב די דאָזיקע כּלומרשטע טעותים און פעלערס דאַרפן מיר באַוווּנדערן די רעאַלע אוןווירקלעכע חכמה פון דער אַקאַדעמיע.

*) רישעליע — דער באַרימטער פראַנצויזישער מלוכה-מאַן אין זיבצנטן יאָרהונדערט איז געווען דער גרינדער פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע.

(באַמערקונג פון איבערזעצער.)

11

די רעוואָלוציאָנער

יענעם טאָג האָבן מיר, מיין לערער און איך, באַזוכט ווי געוויינלעך די בוכהאַנדלונג „אונטערן שילד פון דער הייליקער קאַטערינע.” דאָרט האָבן מיר באַגעגנט דעם באַוווּסטן ה׳ ראָקס-טראָנג, וואָס איז געשטאַנען אויפן סאַמע שפּיץ לייטער און גע-נישטערט צווישן די ביכער.

דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט אים פאַרמשפּט אויף אייביקע תפיסה דערפאַר, וואָס ער האָט זיך באַטייליקט אינם אַטענטאַט פון מאַנמאָוס. ער האָט דעריבער געוווינט אין פראַנק-רייך, פון וואַנען ער פלעגט אָן אויפהער און רעגלמעסיק שיקן אַרטיקלען אין די ענגלישע צייטונגען *).

מיין טייערער לערער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ בענקעלע, און אויפגעהויבן זיינע אויגן צום באַלקן, וווּ ה׳ ראָקסטראָנג דאָט ווי אַ וויעוויערקע אַרומגע-טאַנצט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער רירעוודיקייט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן.

---

*) אין די מעמואַרן, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן אויפשטאַנד פון מאָנמאָוס, האָב איך נישט געפונען די מינדעסטע הערה וועגן ה׳ ראָקסטראָנג.

(באַמ. פון אַרויסגעבער)

— געלויבט צו גאָט! — האָט ער געזאָגט. — ווי איך זע, געערטער הער רעוואָלוציאָנער, פילט איר זיך זייער גוט און איר זענט שטענדיק יונג.

הער ראָקסטראָנג האָט אָפּגעמאָסטן מיין לערער מיט אַ פּאָר פלאַמענדיקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פון זיין בלאַס פּנים.

— גראָבער גלח, — האָט ער נעפרעגט, — פאַרוואָס האָט איר מיך געקרוינט מיטן נאָמען רעוואָלוציאָנער?

— איך רוף אייך רעוואָלוציאָנער, געערטער הער ראָקסטראָנג, ווייל איר האָט געליטן אַ מפּלה. מ׳איז אַ רעוואָלוציאָנער, בעת מ׳איז דורכגעפאַלן און מ׳האָט געליטן אַ מפּלה. די זיגער זענען קיינמאָל נישט קיין רעוואָלוציאָנערן.

— געערטער גלח, איר רעד מיט אַ ציניזם, וואָס עס נעמט ממש אָן אַן עקל פאַר אים.

— דערלויבט, הער ראָקסטראָנג! דאָס איז נישט מיין געדאַנק, די דאָזיקע רייד האָט אַרויסגעזאָגט אַ גרויסער מאַן: איך האָב זיי נעפונען אין די כּתבים פון יוליוס צעזאַר סקאַליזשער.

— אויף אַזאַ אופן, האָבן אייערע כּתבים, געערטער גלח, אַ גאַנץ קנאַפּן ווערט, און דער דאָזיקער געדאַנק האָט נישט דעם מינדעסטן זין. אונזער מפּלה האָבן מיר בלויז צו פאַרדאַנקען דער וואַקלדיקייט פון אונזער פירער, און אויב ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זיין לעבן, האָט אונזער אידעע נאָך דערמיט נישט אויפגעהערט צו זיין גערעכט. און די אָרנטלעכע לייט, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי ווערן באַזיגט פון רשעים, הערן נאָך דערמיט נישט אויף צו זיין אָרנטלעכע לייט.

— הער ראָקסטראָנג, הערט ליבער אויף צו רעדן וועגן אָרנטלעכע לייט און אויסוואורפן, בעת עס האַנדלט זיך וועגן פּאָליטיק, וואָרים אַזעלכע רייד לעכערן מיר ממש די אויערן. די דאָזיקע איינפאַכע אומגעקינצלטע טערמינען זענען גוט געווען אויף צו באַצייכענען די אָנהענגער פון גוטם און שלעכטס אין יענע אַמאָליקע צייטן, פאַר דער באַשאַפונג פון דער וועלט

בעת די מלאכים האָבן געפּירט צווישן זיך פּאַרביטערטע קאַמפן, און וואָס אייער דיכטער מילטאָן האָט מיט אַזאַ גוזמא באַזונגען.

אָבער אויף אונזער ערד-קויל זעגען די פיינדלעכע לאַגערס נישט אָפּגעטיילט אַזוי גענוי איינער פון אַנדערן, אַז מ'זאָל זיין אימשטאַנד אָן שום פאָראורטייל און חניפה אונטערצושיידן צווישן דער אַרמעע פון די געבענטשטע און דער אַרמעע פון די פאַרשאָלטענע; מ'קאָן היינט צומאָל נישט באַצייכנען, וועלכער צד עס איז גערעכט און וועלכער אומגערעכט.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז נאָר דער דער דערפאָלג דעצידירט וועגן דער ריכטיקייט פון אַ געוויסער אידעע; איר פילט אייך באַליידיקט, בעת איך זאָג, אַז מ'איז אַ רעוואָלוציאָנער, בעת מ'איז באַזיגט, אָבער זאָל אייך נאָר געלינגען צו פאַרכאַפּן די מאַכט, און איר אַליין וועט באַקעמפן די רעוואָלוציע.

— געערטער פאָטער, איר ווייסט נישט, וואָס איר רעדט. איך בין אַלעמאָל אויף דער זייט פון די באַזיגטע.

— אמת איז, הער ראָקסטראָנג, אַז איר זענט פון דער נאַטור אַ פאַרביסענער שונא פון דער מלוכה. אייער פאַרביסנקייט נעמט זיך באַזונדערס פון אייער נישט דורכשניטלעכן גייסט, וואָס האָט הנאה, בעת ער זעט אומעטום חורבות און צעשטערונג.

— איר האַלט דאָס, געערטער פאָטער, פאַר אַ חטא?

— געערטער הער ראָקסטראָנג, ווען איך וואָלט געווען אַ פּאָליטיקער און אַ פריינד פון קיניג, ווי למשל דער הער ראָמאַן, וואָלט איך אייך געהאַלטן פאַר אָנגעזעענעם פאַרברעכער. איך בין נישט אַזאַ הייסער אָנהענגער פון דער פּאָליטישער רעליגיע, כדי כ'זאָל אַזש אויפגעבראַכט ווערן פון אייערע פאַרברעכנס און פאַרשווערונגען, וואָס מאַכן אָן מער טומל, ווי שלעכטס.

— געערטער פאָטער, איר זענט אוממאָראַליש.

— אָ, איר דאַרפט מיך אַזוי שטרענג נישט פאַראורטיילן, געערטער הער ראָקסטראָנג, גלויבט מיר, אַז נאָר פאַר דעם פרייז קאָן מען זיך קויפן די מצווה פון אַוועקקוקן אויף אַ סך זאַכן.

— וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם, וואָס איר קוקט אַוועק אויף אַ סך זאַכן, בעת איר מאַכט נישט דעם מינדעסטן חלוק צווישן מיר, וואָס כ'בין אַן אומגליקלעכער קרבן פון הער־שנדן רעזשים און פון פאַרברעכערישן פאַרלאַמענט, וועלכער האָט מיך פאַרמשפּעט אויף אַזאַ אומיושרדיקן און אומפאַרשעמטן אופן?

— איר מאַכט אַ קאָמישן איינדרוק, הער ראָקסטראָנג, אויב איר פאָדערט יושר ביי די לאָרדן.

— צי איז דאָס נישט קיין הימלשרייענדיק פאַרברעכן?

— אמת איז, הער ראָקסטראָנג, אַז איר זענט פאַרמשפּט געוואָרן אויפן סמך פון אַן אומזיניקער אויספאָרשונג, דורכגע־פירט פון לאָרד־קאַנצלער, צוליב אַ זאַמלונג פּאַמפלעטן, וואָס פון זיי פאַלט קיין איינע, גענומען באַזונדער, נישט אַרונטער אונטער דער ווירקונגס־קראַפט פון די הערשנדע געזעצן אין ענגלאַנד.

עס איז קלאָר, אַז אין אַ לאַנד, ווו מ'מעג שרייבן אַלץ, זענט איר באַשטראָפט געוואָרן פאַר אייניקע אַנטימלוכהשע שריפטן; אמת איז, אַז איר זענט געמשפט געוואָרן אויף אַן אויסערגעוויינלעכן און אומדערהערטן אופן, און אפילו די מאַ־יעסטעטישע צביעות פון דער קרוין־יוסטיץ האָט נישט געקאָנט פאַרהוילן דעם פאַקט, אַז אויף אַן אַנדערן לעגאַלן וועג וואָלט איר לגמרי נישט פאַרמשפט געוואָרן.

אמת איז, אַז די מילאָרדן, וואָס האָבן אייך געמשפט, איז שטאַרק אין לעבן געגאַנגען אייך אומצוברענגען, וואָרים דער נצחון פון מאַנמאָוס און זיינע אָנהענגער וואָלט זיי בלי ספק אַראָפּגעוואָרפן פון זייערע פּאָסטנס. אמת איז, אַז אייער גורל איז שוין פון פריער געחתמעט געוואָרן אויף דער סעסיע פון קרוין־ראַט.

אמת איז, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס איר האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן, זענט איר פּטור געוואָרן פון אַ גאַנץ מיטלמעסיקער אָבער דערפאַר שטאַרק פּיינלעכער מאַרטירערשאַפט. וואָרים אייביקע תפיסה איז ווייט נישט אַזאַ אָנגענעמע שטראָף, נישט

געקוקט דערויף, וואָס מיר רעדן זיך איין, אַז אַמאָל וועלן מיר באַפרייט ווערן.

אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרנישט צו טון מיט יושר אָדער מיט אומגערעכטיקייט. איר זענט געמשפט געוואָרן, ווי אַ פּאָליטישער פאַרברעכער און דאָס אַליין פאַרשאַפט אַן אויסערגעוויינלעכן כּבוד. צווישן די לאָרדן, וואָס האָבן אייך פאַרמשפט זענען געווען עטלעכע, וואָס האָבן פּונקט אַזוי ווי איר מיט צוואַנציק יאָר צוריק געחלומט וועגן אַטענטאַטן.

אייערע פאַרברעכנס האָבן שטאַרק אָנגעשראָקן די מענטשן, וואָס זענען הײַנט ביים רודער, און דאָס איז אַ פאַרברעכן, וואָס ס׳איז שווער מוחל צו זיין. די מיניסטאָרן און זייערע פריינד פאַררופן זיך שטענדיק אויף דער טובה פון דער מלוכה, בעת אַ געפאַר דראָט זייער פאַרמעגן אָדער נעזעלשאַפטלעכער שטעלונג, און זיי רעדן זיך איין, אַז דאָס לאַנד קאָן זיך אָן זיי נישט באַגיין. וואָרים דאָס זענען אין גרעסטן טייל פאַלן פּראַקטישע לייט און גאָר קנאַפּע פילאָזאָפן. דאָס באַדייט נאָך אָבער נישט, אַז זיי זענען אין תוך שלעכט.

זיי זענען מענטשן, און דאָס איז שוין פולשטענדיק גענוג צו פאַרענטפערן זייער באַדויערנסווערטע מיטלמעסיקייט, טפשות און גיריקייט.

ווען האָט איר זיי אַנטקעגנגעשטעלט, הער ראָקסטראָנג? אַנדערע מענטשן, פּונקט אַזוי מיטלמעסיק, ווי זיי און אפשר נאָך גיריקער. וואָרים זיי זענען מער אויסגעהונגערט. דער לאָנדאָנער המון וואָלט פּונקט אַזוי געליטן פון די נייע מושלים, ווי פון די אַלטע. ער האָט געוואַרט אויף אייער נצחון אָדער מפּלה, כּדי קאָנען אָננעמען אַ שטעלונג. און דערמיט האָט ער באַוויזן ווי קלוג און פאַרזיכטיק ער איז. דאָס פאָלק ווייס גאַנץ גוט, אַז פון אַ רעגירונגס-ענדערונג וועט עס זייער ווייניק פאַרלירן אָבער גלייכצייטיק אויך האָבן אַ גאַנץ קנאַפּן נוצן.

אַזוי האָט געזאָגט מיין לערער קוואַניאַר.

ה׳ ראָקסטראָנג האָט שטייענדיק אויפן שפיץ לייטער אָנגעשטאָט אַן ענטפער אָנגעהויבן שרעקלעך צו פאַכען מיט די

העגט; דאָס פּנים זיינס איז געווען רויט ווי אַ פלאַם, אין די אויגן האָט געפלאַקערט אַ העלישער כעס און זיינע האָר זענען געווען שויעקלעך צעשויבערט.

— געערטער גלח, — האָט ער אָנגעהויבן, — איך קאָן נאָך ווי עס איז פאַרשטיין די גנבים אין אַלע מינים אויסוורפן פון פּאַרלאַמענט און פון דער רעגירונג, אייך קאָן איך אָבער בשום אופן נישט באַגרייפן. אין פלוג האָט איר דערין נישט קיין שום אינטערעס, און פונדעסטוועגן האַלט איר בייזוויליק אונטער די זעלבע אידעען, וואָס מיינע פאַרפאָלגער נוצן אויס פאַר זייער פערזענלעכן געברויך.

משמעות, איר זענט טויזנט מאָל ערגער פאַר זיי, וואָרים דאָס אַליין, וואָס איר זענט כלומרשט נישט פאַראינטערעסירט אין דעם, וועקט אין מיר אַ שרעקלעכן עקל. איך הייב אייך אָן צו פאַראַכטן, הער קואַניאַר!

— דאָס איז אַ סימן, אַז איך בין אַ פילאָזאָף, — האָט מיין לערער געענטפערט מיט אַ געלאַסענער שטים. — עס ליגט שוין ווייזט אויס עפּעס אַזעלכעס אין דער נאַטור פון די געלערטע לייט, וואָס באַליידיקט און פירט אַרויס פון גלייכגעוויכט די איבעריקע מענטשן. אַנאַקסאַגאָראַס איז געווען אַ גלענצנדער ביישפּיל פון אַזאַ מין געלערטן. איך רעד שוין נישט וועגן סאָקראַטעסן, וואָס איז געווען נישט מער, ווי אַ סאָפיסט.

מיר זעען למשל, אַז אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער האָבן די שפּעקולאַטיווע גייסטער אַרויסגערופן די גרעסטע סקאַנדאַלן; אייך דוכט זיך בלי ספק, אַז צווישן אייך און אייערע שונאים איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק, און פונקט, ווי זיי פאַרדינען מ'זאָל זיי פאַראַכטן, אַזוי דאַרף מען אייך פאַרערן און אויפהויבן ביז צום הימל.

דערלויבט מיר צו זאָגן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אילוזיע און אַ פועל-יוצא פון אייער פוסטער גאוה און איבערגעטריבענעם קוראַזש. אין דער אמתן פאַרמאָגט איר די זעלבע חסרונות און מענטשלעכע ליידנשאַפטן, ווי די, וואָס האָבן אייך פאַרמשפּעט.

ס'איז טאַקע אמת, אַז איר זענט אָרנטלעכער פון זיי און אָן אַ פאַרגלייך קלוגער, דערפאַר אָבער צייכנט איר זיך אויס מיט אַ געיואַלטיקער שנאה, און פון דער נאַטור זענט איר גע-נייגט צו מחלוקתן; דאָס דאָזיקע איז גורם, אַז אין אַ פּאָליציי-אישער מלוכה קוקט מען אויף אייך קרום און מיט חשד.

די ציַיטונגס-פּראָפּעסיע, אין וועלכער איר צייכנט זיך אַזוי שטאַרק אויס, האָט פאַרבלענדט אייער גייסט אויף אַזוי ווייט, אַז אַפילו זייענדיק אַ קרבן פון הערשנדן רעזשים, זענט איר פּאָרט נישט געראַכט.

דאָס, וואָס איך זאָג אייך, וועט מיך בלי ספק צעקריגן סיי מיט אייך, סיי מיט אייערע שונאים, און איך בין פעסט איבערציַיגט, אַז איך וועל קיינמאָל נישט באַקומען פון מיניס-טערי קיין דאַנק און אָנערקענונג. איך האַלט אָבער פיל מער פון דער פרייהייט פון געדאַנק, ווי פון אַ פעטן פּאָסטן. ס'קאָן זיין, אַז איך וועל אויפרייצן קעגן זיך אַ סך מענטשן, דער-פאַר וועל איך אָבער באַפרידיקן מיין גייסט און כ'וועל קענען רויק שטאַרבן.

— גלח — האָט זיך אָנגערופן ה' ראָקסטראָנג,—איך בין אייך מוחל, וויל כ'האָב דעם איינדרוק, אַז איר זענט אַ ביסל נישט ביי די ריינע געדאַנקען. איר מאַכט נישט קיין שום אונטער-שיד צווישן רשעים און אָרנטלעכע לייט, און אין אייערע אויגן האָט אַ פרייע מלוכה דעם זעלבן ווערט, וואָס אַ רעגירונג פון דעספּאָטן און פאָלקס-אונטערדריקער. איר זענט אַ לונאַטיקער פון עפּעס אַ משוגעדיקן מין.

— הער ראָקסטראָנג,—האָט דערויף מיין טייערער לערער געענטפערט,—לאָמיר בעסער גיין נעמען אַ טרונק ווין אין „קליי-נעם באַקכוס", און ביי אַ גלעזעלע משקה וועל איך אייך געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס איך בין אַזאַ קנאַפּער אָנהענגער פון יעטוועדער רעגירונגס-פאָרם, און צוליב וועלכע סבות עס שטייט מיר לגמרי נישט אָן זיך צו ווינטשן אַן ענדערונג פון הערשנדן רעזשים.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן,—האָט הער ראָקסטראָנג געענטפערט,—כ׳וועל באמת מיט גרויס הנאה טרינקען אַ גלעזעלע משקה מיט אַזאַ בייזן פילאָזאָף, ווי איר זענט.

ער איז מיט איין שפרונג אַראָפּ פון דער לייטער, און זאַלבעדריט זענען מיר אַוועק אין שענק.

XV

די פאַרשווערונג

ה׳ ראָקסטראָנג, וואָס איז געווען אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד, האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין פאַראיבל אויף מיין לערער צוליב זיין אויפריכטיקייט. בעת דער באַלעבאָס פון „קליינעם באַקכוס״ האָט אונז געבראַכט אַ קרוג וויין, האָט דער פאַמפלעטיסט אויפגעהויבן זיין כּוס און געטרונקען פאַרן געזונט פון גלהן קוּאַניאַר, וועמען ער האָט באַצייכנט, ווי דעם פריינד פון באַנדיטן, די שטיצע פון דער טיראַניע און אויסוואורף אין גלחישע קליידער, דאָס אַלץ האָט ער אָבער אויסגעדריקט אין האַרציקע, גוטמוטיקע רייד.

מיין לערער איז נישט געבליבן הינטערשטעליק און ער האָט אין וויציקע רייד געטרונקען פאַרן געזונט פון אַזאַ געניאַלן מענטש, ווי ה׳ ראָקסטראָנג, וואָס די פילאָזאָפיע איז ביז איצט נישט בכּוח געווען צו פאַרטונקלען זיין נאַטירלעכע שטימונג.

— איך ווייס גאַנץ גוט — האָט ער צוגעגעבן, — אַז מיין שכל איז אויפגעפרעסן געוואָרן פון דער רעפלעקסיע. און אַזוי ווי דער מענטש איז פון דער נאַטור לחלוטין נישט גענייגט זיך צופיל צו פאַרטיפן אין באַטראַכטונגען, בין איך מיך טאַקע מודה ומתודה, אַז מיין נטיה צו פילאָזאָפישער מעדיטאַציע איז אַן אויסטערלישע און לגמרי אומבאַקוועמע משוגעת. זי מאַכט

מיך קודם כל אומפעיק צו יעדער אונטערנעמונג; וואָרים אויפ־טון עפּעס ממשותדיקס קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען מ׳קוקט נישט צו ווייט און מ׳טראַכט וואָס ווייניקער.

איר וואָלט באמת פאַרחידושט געוואָרן, טייערער הער ראָקסטראָנג, ווען איר וואָלט אייך פאָרגעשטעלט, ווי גייסטיק אָרעם עס זענען געווען די גרויסע גאונים, וואָס האָבן מיט זייערע ווערק אויפגעטרייסלט די יסודות פון דער וועלט.

די גרויסע מיליטערישע פירער און פּאָליטיקער, וואָס האָבן געענדערט דעם אויסזען פון דער וועלט, האָבן זיך אַלע־מאָל גאַנץ קנאַפּ אָפּגעגעבן מיטן תּוך פון די מענטשן, וואָס איבער זייער גורל האָבן זיי געהאַט די הויפּט־דעה. זיי פלעגן זיך אָפּגעבן מיט קליינלעכע פּרטים פון זייערע גרויסע פּלע־נער, און די קלוגסטע צווישן זיי זענען מיט איין בליק אים־שטאַנד געווען אַרומצונעמען קוים אַ גאַנץ קליינע צאָל אָביעקטן.

אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, הער ראָקסטראָנג, וואָלט איך בשום אופן נישט בכוח געווען איינצונעמען למשל די אינדישע מלוכה, ווי דאָס האָט געטון אַלעקסאַנדער מוקדון, אָדער גרינדן און הערשן איבער אַ ריזיקער אימפּעריע; איך וואָלט בכלל נישט געווען פעיק צו וואָסער איז אַנדערער גראַנדיעזער אונ־טערנעמונג, וואָס לאָזט נישט צורו די גאווה פון אַ געוואַלטיק־אַקטיווער נשמה.

באַלד ביי די ערשטע שריט, נאָך ביים סאַמע אָנהייב וואָלט די רעפלעקסיע מיך פּאַראַליזירט און ווו איך וואָלט מיך נישט געגעבן קיין ריר, וואָלט איך געהאַט אַ גרונט זיך אָפּצושטעלן.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט אין מיין זייט און אָפּזיפצנדיק זיך געווענדעט צו מיר מיט פאָלגנדע רייד:

— דער מענטש, וואָס טראַכט, איז אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן. טורנעבראָש, זון מיינער, זאָל דיך דער אויבערשטער אָפּהיטן דערפון, פּונקט ווי ער האָט אָפּגעהיטן פון דאָזיקן אומגליק זיינע צדיקים און הייליקע, ווי אויך די אַלע, וואָס האָבן זוכה געווען צו עולם הבא, ווייל אַזאַ איז געווען זיין חסד.

די מענטשן, וואָס טראַכטן ווייניק אָדער טראַכטן גאָר־נישט, לעבן גליקלעך אויף דער וועלט און זענען זוכה צו יענער וועלט, בשעת די, וואָס טראַכטן, זענען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר צו פאַרלירן סיי זייער עולם-הזה, סיי זייער עולם-הבא. אַזוי פיל שלעכטס איז פאַראַן אין געדאַנק.

גאָט עס דיר גוט אין זינען אַריין, און אַ פחד זאָל אַרומנעמען דיין נשמה, וואָרים דער נחש-הקדמון איז געווען דער ערשטער פילאָזאָף און ער איז ביזן הייִנטיקן טאָג פאַר-בליבן זייער אייביקער מלך!

דער גלח קואַניאַר האָט אַ זופּ געטון פון כּוס און ווייטער גערעדט מיט אַ נידריקער שטים:

— אויב איך האָב נאָך אַ האָפענונג, אַז איך האָב נישט פאַרלוירן מיין חלק עולם הבא, נעמט זיך עס דערפון, וואָס ס'איז נאָך פאַראַן אין אייניציקער געביט, צו וועלכן מיין שכל האָט זיך נישט צוגערירט: איך האָב שטענדיק געלאָזט צו רו די דאָגמעס און אמתן פון אונזער קריסטלעכער אמונה.

צום אומגליק האָב איך מיך שטענדיק געגריבלט אין די מענטשלעכע מעשים און זייערע מנהגים, און אָט פאַרוואָס איך וועל קיינמאָל נישט זוכה זיין צו זיין דער הערשער פון אַן אינזל, ווי למשל סאַנטשאָ-פאַנטשאָ.

— דאָס איז דווקא אַ גרויסע מעלה, — האָט ה׳ ראָקסטראָנג געענטפערט מיט אַ געלעכטער, — וואָרים אייער אינזל וואָלט געוואָרן אַ מקום-מקלט פאַר באַנדיטן און רוצחים; אויף אייער אינזל וואָלטן פאַרברעכער געמשפּעט די אומשולדיקע, אויב אַזעלכע וואָלטן דאָרט על-פּי צופאַל פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.

— ס׳קאָן זיין, הער ראָקסטראָנג, כ׳מיין אויך אַזוי — האָט מיין טייערער לערער געענטפערט. — ס׳איז אפשר מעגלעך, אַז ווען איך וואָלט געווען דער גובערנאַטאָר פון עפּעס אַ צווייטער באַראַטאַריאַ-אינזל, וואָלטן דאָרט געהערשט טאַקע אַזעלכע מנהגים, ווי איר האָט נאָר וואָס געזאָגט. אין אייניקע שטריכן האָט איר כאַראַקטעריזירט אַלע עקזיסטירנדע מלוכות. כ׳בין

שטאַרק מסופק, צי מיין מלוכה וואָלט געווען בעסער פון די איבריקע.

וואָס שייך די מענטשן, האָב איך בנוגע זיי גאַנץ ווייניק אילוזיעס, און אויב איך האָב זיי נישט פיינד, באַצי איך מיך דערפאַר צו זיי מיט גרויס ביטול. געערטער הער ראָקסטראָנג, איך באַצי מיך צו זיי מיט אַ צערטלעכער פאַראַכטונג, און פונדעסטוועגן זענען זיי מיר גאָרנישט דאַנקבאַר, להיפך, זיי ווילן, מ׳זאָל זיי דווקא פיינד האָבן.

מ׳באַליידיקט זיי, בעת מ׳ווייזט זיי אַרויס יענץ זיסע, איי־דעלע געפיל, וואָס רופט זיך ביטול און איז דאָס באַרמהאַר־ציקסטע, גראַציעזסטע און מענטשלעכסטע פון אַלע געפילן.

און פאַקטיש איז דאָך די קעגנזייטיקע פאַראַכטונג דער יסוד פון שלום אויף דער ערד, און ווען די מענטשן וואָלטן זיך באַצויגן איינער צום אַנדערן מיט אויפריכטיקן ביטול, וואָלט דאָס שלעכטס אינגאַנצן פאַרשווונדן און די מענטשן וואָלטן געלעבט אין פריינדלעכע באַציונגען.

דאָס גאַנצע שלעכטס אין די ציוויליזירטע געזעלשאַפטן נעמט זיך דערפון, וואָס די מענטשן רעקספעקטירן זיך קעגנזיי־טיק, און פונם באַגריף פון כבוד האָבן זיי זיך געשאַפן עפעס אַ מין פאַרזעעניש, וואָס הערשט איבער זייער גוף און נשמה. דאָס דאָזיקע געפיל מאַכט זיי שטאָלץ און אַכזריותדיק, און איך קאָן נישט פאַרטראָגן די גאווה, וואָס פאָדערט כבוד צו זיך און צו אַנדערע, פונקט ווי כאָטש איינער פון אדמס זין וואָלט פאַרדינט געערט צו ווערן!

אַ חיה, וואָס פרעסט און זויפט (גיסט מיר אָן אַ כוס ווייַן) און איז עוסק אין ענינים פון ליבע, פאַרדינט העכסטנס מ׳זאָל רחמנות האָבן אויף איר; ס׳קאָן זיין, אַז זי איז אפשר אינטערע־סאַנט און אָפטמאָל אויך אַנגענעם. זי פאַרדינט אָבער בשום אופן נישט מ׳זאָל איר אָפּגעבן כבוד, וואָס איז אין דער אמתן אַן אומזיניקער און ווילדער פאַראורטייל.

אָט די דאָזיקע איבערגלייבעניש איז דער מקור פון אַלע אונזערע צרות און אומגליקן. דאָס איז די עקלדיקסטע פאָרם

פון געצנדינערײ; און אויב מ׳וויל פאַרזיכערן די מענטשן כאָטש אַ דערטרעגלעכע עקזיסטענץ, מוז מען לכתחלה אַרויספירן זיי אויפן וועג פון נאַטירלעכער עניוות.

זיי וועלן זײַן גליקלעך, בעת זיי וועלן באַהערשט ווערן פון איין געמיינזאַם געפיל בנוגע זייער לאַגע אויף דער ערד און זיי וועלן פאַראַכטן איינער דעם אַנדערן, נישט אויסשליסנדיק אַפילו זיך אַליין פון דאָזיקן פולקאָמען ביטול.

ה׳ ראָקסטראָנג האָט געהויבן מיט די פּלייצעס:

— מײַן דיקער גלח, — האָט ער געזאָגט — איר זענט אַ חזיר.

— איר מאַכט מיר באמת אַ פֿיינעם קאָמפּלימענט, — האָט מײַן טייערער לערער געענטפערט; — איך בין נישט מער, ווי אַ פּשוטער בשר-ודם און איך פיל אין מיר די שפּראָצונגען פון יענער ביטערער גאווה, וואָס איך האָב פֿיינד פון גאַנצן האַרצן און פון יענער שטאָלצקייט, וואָס טרײַבט די מענטשלעכע ראַסע צו דועלן און מלחמות.

ס׳זענען פאַראַן מאָמענטן, געערטער הער ראָקסטראָנג, ווען איך וואָלט מיך געלאָזט אַפילו קעפּן פאַר מײַנע אַנשויונגען, און דאָס אַליין איז שוין אַ משוגעת. וואָרים סוף כּל סוף, פון וואַנען האָב איך די זיכערקייט, אַז איך פאַרשטיי מיך בעסער אויף געוויסע זאַכן, ווי איר, וואָס אײַערע געדאַנקען זענען סותר דעם שכל? גיסט אָן מײַן כּוס!

ה׳ ראָקסטראָנג האָט גאַסטפרײַנדלעך אָנגעפילט דעם כּוס פון מײַן לערער.

— געערטער פאָטער, האָט ער זיך צו אים געווענדעט.

איר זענט אַ חסר-דעה, איך האָב אײַך אָבער פונדעסטוועגן ליב, איך וואָלט געוואָלט אָבער וויסן, וואָס עס שטויסט אײַך אָפּ אין מײַן עפנטלעכער טעטיקייט און פאַרוואָס איר טרעט אַרויס קעגן מיר צוזאַמען מיט די טיראַנען, פעלשער, גנבים און איבערנעקויפטע ריכטער.

— געערטער הער ראָקסטראָנג, — האָט מײַן לערער דערויף געענטפערט, — דערלויבט, אַז איך זאָל אײַך, אײַערע פרײַנד

און שונאים, קודם-כל באַהאַנדלען מיט יענער מילדער גלייכגילטיקייט וואָס מאַכט אַ סוף צו אַלע אַמפּערנישן און מחלוקתן און גיט די גוואַראַנציע פון שלום. דערלויבט מיר צו זאָגן, אַז איך האָב קנאַפּ רעספּעקט סיי פאַר די ערשטע, און אויך פאַר די צווייטע, און איך האָב דעריבער נישט בדעה זיי צו פאַרטיידיקן און פאָדערן יושר אָדער באַשטראָפן זיי מיט שווערע שטראָפן.

די מענטשן, וואָס זיי זאָלן נישט טון, זענען זיי אַלעמאָל אומשולדיק און איך פאַרגין פון גאַנצן האַרצן אייער לאָרד-קאַנצלער, וואָס דעקלאַמירט וועגן די מלוכה-פאַרשווערונגען אין סטיל פון ציצעראָ. זאָל עס אים ווויל באַקומען. איך האָב אַ גאַנץ קנאַפּע פאַרשטענדניש פאַר קאַטילינאַ-רעדעס. אַלץ איינס קעגן וועמען זיי זענען געווענדט.

עס פאַרשאַפט מיר באמת גרויס עגמת-נפש, בעת איך זע, ווי איר באַשעפטיקט זיך מיט דער פראַגע פון אַ רעגירונגס-ענדערונג.

דאָס איז באמת אַ נאַרישע און אומזיניקע באַשעפטיקונג, וואָס מאַטערט בלויז אויס דעם גייסט, און די באַקעמפונג פון די מלוכה-פירער האָט נאָר בלויז דערמאָלט אַ צוועק, ווען זי גיט אייך די מעגלעכקייט צו לעבן אָדער צו פאַרנעמען אַ גע-העריקע שטעלונג אין דער וועלט.

ס׳איז מיר ווידער טרוקן אין מויל, גיט מיר אַ טרונק וויין! נעמט אין באַטראַכט, געערטער הער ראָקסטראָנג. אַז די פּלוצימדיקע רעגירונגס-ענדערונגען, וואָס חלומען זיך אייך, זע-נען נישט מער, ווי געוויינלעכע ענדערונגען פון פּערזאָנען-צו-זאַמענשטעל, וואָרים די מענטשן גענומען אַלס קערפּערשאַפט, אונטערשיידן זיך ווייניק צווישן זיך און זיי זענען אין דער זעלבער מאָס מיטלמעסיק סיי אינם שלעכטן, ווי אויך אינם גוטן.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז אויב מ׳זאָל אַראָפּוואַרפן אַ צוויי דריי הונדערט מיניסטאָרן, גובערנאַטאָרן פון פּראָווינצן, שטייער-באַאַמטע און געריכטס-פּרעזעסן און מ׳זאָל אויף זייער אָרט אַרויפזעצן אַנדערע מענטשן, וואָלט עס נישט געהאַט די מינדעסטע פּעולה, ס׳וואָלט פּונקט געווען דאָס זעלבע, וואָס

אַרויפֿזעצן פֿאַלן און קסאַוויען אויפֿן אָרט פֿון פֿיליפּ און באַר־נאַבע.

איר ווילט מסתמא אויך אין דער זעלבער צייט ענדערן די לעבנס־באַדינגונגען פֿון כּלל און איר האָפֿט טאַקע, אַז דאָס וועט זיך אייך איינגעבן. דאָס איז אָבער אוממעגלעך, ווײַל דאָס דאָזיקע איז לחלוטין נישט אָפּהענגיק פֿון די מיניסטאָרן, וואָס שפּילן אין דער אמתן אַ נישטיקע ראָל; דערפֿאַר איז עס אָפּהענגיק פֿון דער פּרוכטבאַרקייט פֿון דער ערד, פֿון דער אינדוסטריע, פֿון האַנדל, פֿונם סכום עשירות, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער מלוכה, פֿון דעם, ווי ווײַט די בירגער זע־נען פֿעיק זיך צו באַטייליקן אין פֿאַרשידענע אונטערנעמונגען— מיט איין וואָרט, דאָס זענען אַלץ אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס זענען לחלוטין נישט אָפּהענגיק נישט פֿון קיניג און נישט פֿון זיינע מיניסטאָרן.

אויף דעם אָרט האָט ה׳ ראָקסטראָנג איבערגעשלאָגן די רייד פֿון מיין לערער.

— ווער זעט דען נישט, — האָט ער אויסגערופֿן, — אַז דער אויפֿבלי פֿון האַנדל און אינדוסטריע איז אָפּהענגיק פֿון דער רעגירונג, און נאָר אַ פֿרייע מלוכה איז פֿינאַנסיעל גוט אַוועק־געשטעלט?

— די פֿרייהייט, — האָט דער גלח קואַניאַר דערויף זיך אָנגערופֿן, — איז בלויז אַ פּועל יוצא פֿון דער אַלגעמיינער עשירות, און אויב די בירגער זענען רייך האָבן זיי אויף אַזוי פֿיל קראַפֿט כּדי צו פֿאָדערן פֿרייהייט.

די פֿעלקער גענישן פֿון פֿרייהייט אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿיל זי איז זיי נויטיק, אָדער אַנדערש גערעדט, זיי פֿאָדערן אַזעלכע אינסטיטוציעס, וואָס גאַראַנטירן זיי די געזעצן, וועלכע זיי האָבן זיך דערוואָרבן מיט דער הילף פֿון דער אינדוסטריע.

די פֿרייהייט דרינגט אַרויס פֿון פֿאָלק און פֿון זיין איי־גענער התנהגות. די אינסטינקטיווע פֿאָלקס־באַוועגונגען פֿאַרברײַ־

טערן די יסודות פון דער מלוכה, וואָס האַלט זיך נאָר אויף זיי. *)

---

*) אין די צייטן פון גלח קוֹאַניאַר האָבן די פּראַנצויזן זיך געהאַלטן פאַר פרייע מענטשן, דער גראַף ד'אַלקיע האָט געשריבן אין יאָר 1670:

„דריי מעלות מאַכן אַ מענטש גליקלעך אויף דער וועלט; די מילדע באַנעמונג, געשמאַקע מאַכלים, און די פולשטענדיקע, פולקאָמע פרייהייט. מיר האָבן געזעען, אַז אונזער לאַנד איז געבענטשט מיט די ערשטע צוויי מעלות; איצט בלייבט אונז איבער נישט מער, ווי צו באַווייזן, אַז אויך די דריטע מעלה פעלט אונז נישט, און אין הלכות פרייהייט האָבן מיר דערגרייכט אַ מדרגה פון פולקאָמקייט.

דער גאַנצער ענין וועט אייך פאַרקומען פולשטענדיק קלאָר, בעת איר וועט נעמען אין באַטראַכט, אַז שוין דער נאָמען פון אונזער מלוכה, באַדייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי פרייהייט (פראַנס — פראַנשיס — באַדייט פריי).

דאָס איז אַ באַווייז, אַז די גרינדער פון אונזער מאָנאַרכיע, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט איידעלע און גרויסהאַרציקע נשמות און זיי האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן קיין קנעכטשאַפט און פאַרשקלאַפונג, זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון קנעכטשאַפט און געניסן פון אַ פולשטענדיקער פרייהייט.

אָט פאַרוואָס זיי זענען געקומען קיין גאַליע, ווו די דאָרטיקע פעלקער זענען געווען גרייט צו גיין אין פייער אַריין פאַר זייער פרייהייט. מיר ווייסן אויך, אַז חוץ דעם, וואָס זיי זענען געווען געניגט צו פרייהייט, האָבן זיי נאָך באַגרענעצט די רעכט פון זייערע הערשער און גלייכצייטיק אונטערגעשטיצט זייערע פריווילעגיעס. און טאָמער האָט עמיצער געפרוווט צו באַרויבן זיי פון זייער פרייהייט זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס און זי מיטן געווער אין האַנט פאַר טיידיקט

מ׳קאָן דעריבער זאָגן, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס דער דעספּאָטיזם וועקט אין אונז אַן עקל, איז ער דאָך אימ-באַדינגט נויטווענדיק, און אַ דעספּאָטישע רעגירונג איז געגליכן צו אַן ענגער שאָל, וואָס דעקט צו אַן אומגעלומפּערטן, שמו-ציקן גוף. אין פּאַר וועמען איז עס דען נישט קלאָר, אַז די אויסערלעכע פאָרמען פון אַ רעגירונג זענען געגליכן צו אַ פעל, וואָס אַנטפּלעקט די סטרוקטור פון אַ חיה, אָבער בשום אופן נישט איר אינערלעכע סבה.

איר, געערטער הער ראָקסטראָנג, שטעלט אייך אָפּ אויס-שליסלעך אויף דער הויט און אייך גייען לגמרי נישט אָן די איינגעווייד. דאָס דאָזיקע איז בלויז אַ באַווייז, ווי ווייניק פי-לאָזאָפיש געבילדעט איר זענט.

— איר מאַכט אויף אַזאַ אופן נישט דעם מינדעסטן אונ-טערשיד צווישן אַ פרייער מלוכה און אַ דעספּאָטישער רעגירונג, און דאָס אַלץ טוט איר בלויז צוליב דעם, כּדי צו שפּילן זיך מיט פראַזן. און גלייכצייטיק ווילט איר גאָרנישט באַמערקן, אַז די געוואַלטיקע אויסגאַבן פון מלך און די רויבערישע פּאָלי-טיק פון די מיניסטאָרן קאָנען מיט דער צייט רויִנירן די לאַנד-ווירטשאַפט און פאַראָרעמען דעם האַנדל און אינדוסטריע.

— געערטער הער ראָקסטראָנג, אין איין און דער זעלבער

דריטנס, זאָג איך אייך, אַז פראַנקרייך האָט געוואַל-טיק ליב די פרייהייט, און זי קאָן פּשוט נישט פאַרטראָגן קיין קנעכטשאַפט, אַזוי, אַז אַפילו אַ טערק אָדער אַ מאַור, הגם זיי ווענען נישט קיין קריסטן, ווערן זיי אויך פרייע מענטשן, אויב נאָר זיי וווינען אין פראַנקרייך. דעריבער טרעפט זיך גאַנץ אָפט, אַז קוים באַטרעט אַ שקלאַף די פראַנצויזישע ערד, — אַזוי רופט ער אויס מלא שמחה: „זאָל לעבן פראַנקרייך, וווּ ס׳הערשט די פרייהייט".

„די מעלות פון פראַנקרייך". פון פראַנסואַ סאַוויניאַן ד׳אַלקיע, אַמסטערדאַם, 1670, קאַפּיטל טז, אונטערן קעפּל: „פראַנקרייך איז אַ לאַנד, ווו אַלע מענטשן זענען פריי".

צייט און אין דעם זעלבן לאַנד איז מעגלעך איין איינציקע רעגירונגס-פאָרם, פונקט ווי איין חיה קאָן האָבן איין פעל און גלייכצייטיק די זעלבע הויט. דערפון איז געדרונגען, אַז מ׳דאַרף איבערלאָזן דער צייט, וואָס איז ווייט נישט קיין שוטה, ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט, די זאָרג צו ענדערן די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג און רעפאָרמירן די געזעצן. די צייט אַרבעט פּאַמעלעך, אָבער מיט אַן אומדערמידלעכער און געדולדיקער אויסהאַלטונגס קראַפט.

— און איר האַלט נישט, טייערער פאָטער, אַז מ׳וואָלט באַדאַרפט העלפן יענעם זקן, וואָס איז אויסגעמאָלט אויף די זייגערס מיט אַ קאָסע אין האַנט? איר גלויבט הייסט עס נישט, אַז די ענגלישע און האָלענדישע רעוואָלוציע האָבן נישט געהאַט קיין שום פעולה? טאַקע ניין? איר זענט אַן אַלטער שוטה און מ׳וואָלט אייך שוין לאַנג געמעגט אָפּגעבן אין שפיטאָל פאַר משוגעים.

— די רעוואָלוציעס, — האָט מיין לערער דערויף געענטפערט, — ווערן געמאַכט כדי צו פאַרזיכערן דאָס, וואָס איז שוין דעראָבערט געוואָרן, אָבער קיינמאָל נישט כדי צו געווינען נייע גיטער. באמת, דאָס איז אַן אומגעלומפּערטע משוגעת, סיי פון אייער זייט, סיי מצד די פעלקער, צו בויען לופט-שלעסער אויף דער מפּלה פון די מלכים. פון צייט צו צייט מאַכן די פעלקער רעוואָלוציעס, כדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרזיכערן און פאַרפעסטיקן זייערע אַלטע פּריווילעגיעס. אָבער אויפן דאָזיקן וועג געווינען זיי קיינמאָל נישט קיין נייע פרייהייטן. זיי באַצאָלן אָבער טייער פאַר די דאָזיקע לאָזונגען און פראַזן.

עס איז ווערט זיך אָפּצושטעלן דערויף, געערטער הער ראָקסטראָנג. די מענטשן שעכטן און קוילענעם איינער דעם אַנדערן בלויז צוליב ווערטער, וואָס האָבן נישט דעם מינדעסטן זין.

איאַקס האָט שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק געמאַכט פאָלגנדע באַמערקונג:

”אין מיין יוגנט האָב איך געגלויבט, אַז די טאַט האָט אַ

גרעסערע קראַפט, ווי דאָס וואָרט, אָבער איצט זע איך, אַז דאָס וואָרט איז אַ סך שטאַרקער ווי די טאַט״.

דאָס זענען געווען די רייד פון אַיאַקס, דער זון פון אָיליעוס. געצרטער הער ראָקסטראָנג, אַ גלעזעלע וויין, מיר איז טרוקן אין מויל!

XVI

די געשיכטע

הער ראָמאַן האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ האַלבן טוץ בענדער.

— איר וועט אַזוי פריינדלעך זיין, הער בלעזאָ, — האָט ער זיך געווענדעט צום בוכהענדלער, — און מיר אָפּשיקן אַהיים די דערמאָנטע ביכער. איר האָט דאָ „די מוטער און דער זון", „די מעמואַרן פון פראַנצויזישן הויף" און „די צוואה פון רי־שעליע".

— איך וועל אייך זיין זייער דאַנקבאַר, — האָט ער צוגע־געבן — ווען איר וועט אַוועקלייגן פאַר מיר אַלע נייע ביכער, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער געשיכטע און באַזונדערס אַלץ, וואָס איז נוגע פראַנקרייך זינט דעם טויט פון אַנרי דעם פערטן. דאָס זענען אַלץ ווערק, וואָס האָבן פאַר מיר אַ געוואַלטיקן אינטערעס.

— איר זענט גערעכט, מיין הער, — האָט מיין לערער זיך אָנגערופן. — די היסטאָרישע ביכער זענען אָנגעפּיקט מיט אָן אַ שיעור פּרטים און קלייניקייטן, וואָס דינען ווי אַ צייט-פאַרטרייב פאַר אַן אָרנטלעכן מאַן, און גלייכצייטיק געפינט מען דאָרט אַ גרויסע שפע פון אינטערעסאַנטע מעשהלעך.

— געערטער פאָטער, — האָט ה' ראָמאַן געענטפערט, — איר האָט אַ גרויסן טעות, איך זוך נישט ביי די היסטאָריקער קיין מעשהלעך אויף צו פאַרטרייבן די צייט. די געשיכטע איז

זייער אַן ערנסטע וויסנשאַפט, און איך האָב גרויס עגמת-נפש, בעת איך גיפ׳ן דאָרט אָפטמאָל אַ סך אויסגעטראַכטע זאַכן.

איך שטודיר די מענטשלעכע האַנדלונגען אויף וויפיל זיי האָבן אַ שייכות מיט דער התנהגות פון די פעלקער, און איך זוך אין דער געשיכטע די כּללים פון הערשן.

— כ׳ווייס גאַנץ גוט וועגן דעם, — האָט מיין לערער גע-ענטפערט, — אייער אָפּהאַנדלונג וועגן דער מאָנאַרכיע איז זייער פּאָפּולער און עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס מיר זענען באַקאַנט אייערע פּאָליטישע פּרינציפּן, וועלכע שטיצן זיך הויפּטזעכלעך אויף דער געשיכטע.

— איך האָב טאַקע דער ערשטער, — האָט ה׳ ראָמאַן גע-זאָגט, — אָנגעצייכנט פאַר די מלכים און מיניסטאָרן באַשטימטע כּללים, און יעדע מינדעסטע אָפּווייכונג דראָט זיי מיט אַן אומגליק.

— מיין הער, — האָט מיין לערער זיך אָנגערופן,—איך האָב געזען אויפן שער-בלאַט פון אייער ווערק אייער בילד אין דער געשטאַלט פון מינערווע; איר שטייט אין אַ קאַבינעט, באַפּוצט מיט אַ סך בילדער און ביוסטן און ווייזט דעם יונגן הערשער אַ שפּיגל, וואָס די מוזע קליאָ האַלט איבער אייער קאָפּ.

דערלויבט אָבער, איך זאָל אייך זאָגן, מיין הער, אַז די דאָזיקע מוזע איז אַ ליגנערין, און דער שפּיגל, וועלכן זי ווייזט אייך, נאַרט אָפּ אין דער אמתן די מענטשן. זייער ווי-ניק אמת איז פאַראַן אין דער געשיכטע, און די איינציקע פאַקטן, בנוגע וועלכע מיר קומען צו אַ הסכם, שטאַמען פון איין קוועלע.

די היסטאָריקער זענען זיך סותר איינער דעם אַנדערן יעדעס מאָל בעת זיי באַרירן איין און דעם זעלבן פאַקט; דאָס איז נאָך אָבער גאָרנישט! פלאַוויוס יוסיפון למשל, דער מחבר פון די „אַלטערטימלעכקייטן” און „די יידישע מלחמות”, שיל-דערט אין יעדן פון די דאָזיקע ווערק די זעלבע געשעענישן אין אַ גאַנץ אַנדערער באַלויכטונג.

טיטוס ליוויוס איז אין דער אמתן נישט מער, ווי אַ זאַמלער פון באַבע-מעשות; און טאַציט, וואָס גייט אָן ביי אייך פאַרן גרעסטן

מומחה אין געשיכטע, מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ ליגנער, וואָס חוזקט אָפּ פון עלעמען און מאַכט דערביי דעם אָנשטעל פון אַ ערנסטן פּאַרשוין.

איך באַצי מיך מיט פיל רעספּעקט צו טוציד ידעס פּאָ-ליבּאָס און גישאַרדען. וואָס שייך ווידער אונזער היסטאָר יקער מעזעראַי ווייס ער נישט, וואָס ער רעדט, און דאָס איז א ייד נוגע ווילאַרע און דעם גלח וועלי. געגוג, איך האָב טענות צו די היסטאָריקער, בעה אין דעם אמתן וואָלט איך די זעלבע אַרגומענטן געקאָנט אָנווענדן קעגן דער געשיכטע גופא.

וואָס איז דען די געשיכטע? אַ זאַמלונג פון מאָראַלישע מעשות אָדער אַ געמיש פון רעדעס און דערציילונגען, אָפּהענגיק דערפון, צי דער פילאָזאָף איז אַ רעדנער אָדער בלויז אַ פילאָזאָף.

איר קאָנט דאָרט געפינען גלענצנדע מוסטערן פון שיין-רעדנעריי, דעם אמת דאַרפט איר אָבער דאָרט קיינמאָל נישט זוכן; וואָרים דער אמת באַשטייט אינם פעסטשטעלן דעם אי-נערלעכן צוזאַמענהאַנג פון די פאַקטן, און דער היסטאָריקער איז נישט בכוח אים פעסטצושטעלן צוליב דער פשוטער סיבה, וואָס ער איז נישט אימשטאַנד צו באַמערקן די פאַרקייטלונג פון די סבות און רעזולטאַטן.

נעמט, כ'בעט אייך, אין באַטראַכט, אַז יעדעס מאָל, ווען אַ היסטאָרישער פאַקט שטיצט זיך אויף אַ נישט-היסטאָרישן פאַקט, באַמערקט די געשיכטע קיינמאָל נישט די דאָזיקע סיבה. און מחמת דעם, וואָס היסטאָרישע פאַקטן זענען ענג צונויפגע-געבונדן מיט נישט היסטאָרישע פאַקטן, קומט אויס, אַז די גע-שעענישן דרינגען נישט אַרויס אין דער געשיכטע איינע פון דער אַנדערער, נאָר זיי זענען פאַרבונדן מיט דער הילף פון געוויינ-לעכע קונץ-שטיקלעך.

חוץ דעם מוז מען זיך אויך רעכענען דערמיט, אַז אין דער פונאַנדערגרענעצונג צווישן היסטאָרישע און נישט היסטאָ-רישע פאַקטן האַנדלט דער היסטאָריקער, ווי אים גלוסט זיך דערפון איז געדרונגען, אַז די געשיכטע, ווייט פון צו זיין אַ וויסנ-שאַפט, איז באַלד פון אָנהייב אָן פאַרמשפּעט צו זיין אַ קוועלע

פון שקרים. עס וועט איר שטענדיק פעלן דער המשך און די קאָנטינויטעט, און אָן די דאָזיקע אייגנשאַפטן וועט זי קיינמאָל נישט דערגרייכן די מדרגה פון אַן אמתער וויסנשאַפט.

איר וועט אויך מוזן מודה זיין, אַז פון די היסטאָרישע ביכער פון די פעלקער קאָן מען נישט אָפּלערנען קיין שום נבואות אויף דער צוקונפט. די קריטעריע פון אַ וויסנשאַפט באַשטייט קודם-כל אין דעם, וואָס זי פאַרמאָגט די פעיקייט פעסטצושטעלן פּראָגנאָזן, ווי מיר זעען דאָס למשל ביי די אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען פון צופאַלן, ליקוי-חמהס און לקוי-לבנהס, בעת רעוואָלוציעס און מלחמות קאָן מען בשום אופן נישט פאָראויסזעען.

ה׳ ראָמאַן האָט דערקלערט דעם גלח קוואַניאַר, אַז פון דער געשיכטע פאָדערט ער האַלבע אמת, אומקלאָרע און פאַרנעפּלטע פאַקטן, אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס די געשיכטע איז פול מיט טעותן, האַלט ער פונדעסטוועגן פון איר, וואָרים דער אָביעקט פון אירע פאָרשונגען איז דער מענטש און זיין לעבן.

— כ׳וויס גאַנץ גוט, — האָט ער צוגעגעבן, — אַז די געשיכטס-ביכער פון מענטשלעכן מין זענען אָנגעפּיקט מיט בבא-מעשהלעך און פעלשונגען. אָבער נישט געקוקט אויפן מאַנגל פון לאָגישער צונויפבינדונג צווישן די סבות און רעזולטאַטן, אַנטפּלעק איך אין דער געשיכטע אַ געוויסן אַלגעמיינעם פּלאַן, וואָס דאָ געפין איך זיין שפור, און דאָ פאַרליר איך אים ווידער, פונקט ווי דאָס געשעעט ביים פאָרשן די אַרכיטעקטור פון פאַרצייטיקע טעמפּלען, וואָס זענען פאַרגראָבן טיף אין זאַמד.

שוין דאָס אַליין האָט פאַר מיר אַ געוואַלטיקן ווערט, און איך גלויב און כ׳האָף, אַז אין דער צוקונפט וועט די געשיכטע זיך שטיצן אויף אַ פיל גרעסערן, מעטאָדישן מאַטעריאַל און מיט דער צייט וועט זי קענען אַפילו ריוואַליזירן מיט די נאַטור-וויסנשאַפטן.

— איר האָט נישט וואָס צו רעכענען דערויף, — האָט מיין לערער געזאָגט. — איך גלויב פונקט להיפך, אַז וואָס מער מיר וועלן אָנזאַמלען מעמוארן, קאָרעספּאָדענצן און אַרכיוו-פּאַפּירן

אויף אַלץ גרעסערע שוועריקייטן וועט דער היסטאָריקער אָנ־טרעפן בעת זיינע פאָרשונגען.

מיסטער עליואָרד, וואָס האָט זיך זיין גאַנץ לעבן אָפּגע־געבן מיטן שטודירן די ענגלישע רעוואָלוציע, האַלט, אַז אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן קלעקט נישט אויף איבערצולייענען כאָטש אַ העלפט פון דעם, וואָס ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער צייט פון די אומרוען.

ס'קומט מיר אַרויף אויפן זינען אַ מעשהלע, וואָס דער פאָטער בלאַנשע האָט מיר אַנומלט אויף דער טעמע דערציילט. איך וועל עס אייך איבערחזרן וואָרט ביי וואָרט, ווי איך האָב עס געהערט פון אים, און איך באַדויער באמת זייער שטאַרק, וואָס דער פאָטער בלאַנשע איז גראָד נישטאָ צווישן אונז, וואָ־רים ער איז אַ גלענצנדער דערציילער.

אָט איז דאָס מעשהלע:

„בעת דער יונגער פרינץ זעמיר האָט געירשנט נאָכן טויט פון זיין פאָטער דעם פערסישן טראָן, האָט ער געלאָזט רופן צו זיך אַלע געלערטע און אַקאַדעמי־קער פון זיין קיניגרייך, און אַז זיי אַלע זענען זיך צו־נויפגעקומען, האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט:

— „דער דאָקטאָר זעב, מיין רבי, האָט מיך גע־לערנט, אַז די הערשער וואָלטן געמאַכט ווייניקער טעותים, ווען זיי וואָלטן זיך אָפּגענומען אַ מוסר פון דער פאַר־גאַנגענהייט. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו שטודירן די היסטאָרישע מקורות פון אונזער פאָלק. איך גיב אייך אַרויס אַ באַפעל צוזאַמענצושטעלן אַן אַלגעמיינע וועלט־געשיכטע. זי מוז אָבער זיין פולשטענדיק און איר טאָרט נישט דורכלאָזן דעם מינדעסטן פּרט.

„די געלערטע האָבן צוגעזאָגט ממלא צו זיין דעם קיניגס פאַרלאַנג, און באַלד, ווי זיי האָבן פאַרלאָזט דעם קיניגס פּאַלאַץ, האָבן זיי זיך גענומען צו דער אַרבעט נאָך דעם, ווי ס'זענען פאַרביי צוואַנציק יאָר האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט פאַרן קיניג אין דער באַגלייטונג פון

אַ קאַראַוואַן, וואָס איז באַשטאַנען פון צוועלף קעמל אויף יעדן קעמל איז געלעגן אַ שטויס פון גאַנצע פינף הונדערט בענדער.

„דער סעקרעטאַר פון דער אַקאַדעמיע איז געפאַלן כּורעים אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום טראָן און געהאַלטן פאָלגנדע רעדע:

„— מאַיעסטעט! די געלערטע און אַקאַדעמיקער פון אייער מדינה האָבן דעם כּבוד אויסצושפּרייטן צו־פוסנס פון אייער טראָן די וועלט־געשיכטע, וואָס זיי האָבן צונויפגעשטעלט לויט אייער באַפעל. די געשיכטע אַנטהאַלט זעקס טויזנט בענדער און זי איז כּולל אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען צונויפצוזאַמלען און ס'האָט געהאַט אַ שייכות מיט די מנהגים פון די פעלקער און זייער פאַרשידנאַרטיקן גורל.

„מיר האָבן אין דער דאָזיקער אַרבעט אויסגענוצט די פאַרצייטיקע כראָניקעס, וואָס זענען נאָך צום גליק פאַרבאַהאַלטן געוואָרן אין די אַרכיוון, און מיר האָבן צוגעגעבן צו זיי גענויע, אויספירלעכע נאָטיצן וועגן דער געאָגראַפיע, כראָנאָלאָגיע און דיפּלאָמאַטיע פון געגעבע־נעם פאָלק.

„די בלויזע הקדמה צו אונזער געשיכטע איז אָנ־געלאָדן אויף דעם רוקן פון אַ קעמל, און די הוספות און באַמערקונגען — אויף אַ צווייטן קעמל."

„דערויף האָט דער קיניג געענטפערט:

„— מיינע הערן, איך דאַנק אייך פאַר דער שווערער אַרבעט, וואָס איר האָט איר אָפּגעגעבן אַזוי פיל מי און האָרעוואַניע. איך בין אָבער זייער שטאַרק באַשעפטיקט מיט די מלוכה־ענינים. איך בין איבעריקנס געקומען אויף דער עלטער, בעת איר האָט געאַרבעט איבער אייער געשיכטע.

„איך האָב שוין דערגרייכט, ווי ס'דריקט זיך אויס דער פערסישער פּאָעט, אַ העלפט פון מיין לעבנס־וועג.

און אויב מ'זאָל אַפילו אָננעמען, אַז איך וועל שטאַרבן אין אַ טיפער עלטער, וואָלט איך אויך בשום אופן נישט אימשטאַנד געווען איבערצולייענען אַזאַ מין ריזן-ווערק.

„די דאָזיקע געשיכטע וועט דעריבער אָפּגעלייגט ווערן אין די קיניגלעכע אַרכיוון. איר אָבער שטעלט צו-נויף פאַר מיר אַ פאַרקירצטע געשיכטע, וואָס זאָל זיין מער צוגעפּאַסט צו דער קורצקייט פון מיין לעבן."

„די פּערסישע געלערטע האָבן ווידער געאַרבעט גאַנצע צוואַנציק יאָר, נאָך דער צייט האָבן זיי געבראַכט דעם קיניג פופצן הונדערט בענדער, אָנגעלאָדן אויף דריי קעמלען.

„— אייער מאַיעסטעט, — האָט דער גרייז-גרויער סעק-רעטאַר געזאָגט מיט אַ שוואַך קול, — אָט האָט איר אונ-זער ניי ווערק. מיר גלויבן, אַז מיר האָבן דאָ צונויפגע-זאַמלט דאָס וויכטיקסטע.

„— ס'קאָן זיין, אַז סאיז אַזוי ווי איר זאָגט, — האָט דער קיניג געענטפערט, — איך וועל דאָס אָבער אויך קיינמאָל נישט אימשטאַנד זיין איבערצולייענען. איך בין שוין אַלט, גאָר לאַנגע אונטערנעמונגען זענען לחלוטין מער נישט צוגעפּאַסט פאַר מיינע יאָרן. פאַרקירצט נאָך מער אייער געשיכטע און מאַכט עס, כ'בעט אייך, גיכער.

דאָס מאָל האָבן די געלערטע זיך געזוימט איינ-גאַנצן צען יאָר און נאָך דער צייט זענען זיי געקומען צום קיניג מיט אַ יונגן עלפאַנט, וואָס האָט געטראָגן אויף זיין רוקן פינף הונדערט בענדער".

„— עס פרייט מיך באמת אומגעהייער, וואָס מיר איז געלונגען אויף אַזוי וייט צו קירצן די געשיכטע, — האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר, וואָס איז נאָך אַלץ נישט געשטאָרבן.

— דאָס איז נאָך אַלץ נישט גענוג' —האָט דער קי-ניג דערויף געענטפערט. — איך שטיי שוין מיט איין פוס אין קבר. פאַרקירצט וואָס מער, אויב איר ווילט, אַז איך

זאָל נאָך פאַרן טויט האָבן אַ ידיעה אין דער מענטשלע־כער געשיכטע.

„עס זענען אַוועק ווייטער פינף יאָר, און דער סעק־רעטאַר איז ווידער געקומען אין קיניגלעכן פּאַלאַץ, ער האָט זיך געשלעפּט אויף קוליעס, און געהאַלטן פאַר דער צוים אַן אייזל, באַלאָדן מיט אַ דיק ספר.

— „איילט אייך צו, — האָט זיך צו אים געווענדעט אַן אָפיציר פון דער קיניגלעכער גוואַרדיע, — דער קיניג ליגט אויפן טויטן־בעט.

„און דער מלך איז טאַקע אין דער אמתן געלעגן אויפן טויטן־בעט. ער האָט געווענדעט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן צום געלערנטן און צו זיין דיק ספר, און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

„— ווייזט אויס, אַז מיר איז שוין באַשערט צו שטאַרבן און נישט באַקענען זיך פריער מיט דער געשיכטע פון די מענטשן!

— אייער מאַיעסטעט, — האָט דער געלערנטער גע־ענטפערט; ער אַליין האָט זיך אויך קוים געהאַלטן אויף די פיס. — איך וויל אייך רעזיומירן די געשיכטע אין די ווערטער: זיי זענען געקומען אויף דער וועלט, זיי האָבן געליטן, און געשטאָרבן.

„אויף אַזאַ אופן האָט דער פּערסישער קיניג אין דער לעצטער רגע פון זיין לעבן זיך באַקאָנט מיט דער מענטשלעכער געשיכטע.

XVII

הער ניקאָדעם

אַנומלט, בעת מיין לערער איז געשטאַנען אויפן העכסטן שטאַפּל פון דער לייטער אין דער בוכהאַנדלונג פון בלעזאָ און מיט גרויס הנאה געלייענט אַ בוך פון קאַסיאָדאָר, איז אין קראָם אַריין אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פּנים פון באַליידיקטער אומשולד. ער איז מיט אַ שטרענגער מינע צוגעגאַנגען גלייך צום הער בלעזאָ, וואָס האָט אַפּערגעשמייכלט צו אים פון היגטערן קאַנטאָר.

— מיין הער, — האָט ער זיך צו אים געווענדעט, — איר זענט, ווי איך זע אַ בוכהענדלער, וואָס קויפט אויס אַ פּאַטענט און איך גלויב, אַז איר זענט אויך אַן אָרנטלעכער מענטש. נישט געקוקט אָבער דערויף האָט איר אַרויסגעשטעלט אין פענצטער אַ באַנד לידער פון ראָנסאַר *), וואָס אויף זיין שער-בלאַט איז אויסגעמאָלט אַ נאַקעטע פרוי. דאָס איז אַ ספּעקטאַקל, וואָס ס'איז אוממעגלעך רויק אויף אים צו קוקן.

— זייט מוחל, געערטער הער, — האָט ה' בלעזאָ געלאַסן געענטפערט, — דאָס דאָזיקע שער-בלאַט איז געמאָלט געוואָרן

---

*) ראָנסאַר — פראַנצויזישער דיכטער. געלעבט אין זעכצנטן יאָרהונדערט.

(באַמ. פון איבערזעצער.)

פון לעאָנאַר גאָטיע, וואָס האָט אין זיין צייט נעהאַט אַ נאָמען פון אַ פעיקן קינסטלער.

— מיך אינטערעסירט גאַנץ קנאַפּ, — האָט דער זקן געזאָגט, — צי דער דאָזיקער קינסטלער איז געווען פעיק, פאַר מיר איז געווען געוויג, וואָס ער האָט געמאָלט נאַקעטע נקבות, וואָס זייער איינציק מלבוש זענען זייערע האָר.

איך בין באמת טרויעריק איבערראַשט, מיין הער, בעת איך זע, ווי אַ מאַן אין אייערע יאָרן, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שכלדיקן מענטש, שטעלט אַרויס אַזעלכע עקלדיקייטן פאַר די אויגן פון יונגע לייט, וואָס שפּאַצירן אויף דער גאַס פון היילקן זשאַק.

איר וואָלט דאָס בוך באַדאַרפט ליבער פאַרברענען, ווי דאָס האָט בשעתו געטון דער פאַטער גאַראַס, וואָס האָט אויסגעגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף אויפצוקויפן אַפּיקורסישע ביכער און דערנאָך זיי עפנטלעך פאַרברענט.

אַזעלכע ביכער וואָלט איר לכל-הפחות באַדאַרפט פאַרשטעקן ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל פון אייער קראָם, וואָרים איך האָב מורא, אַז ביי אייך איז פאַראַן אַ סך אַזעלכע ביכער, וואָס זענען עלול, סיי צוליב זייער אינהאַלט, סיי צוליב זייערע אילוסטראַציעס, צו ווירקן דעמאָראַליזירנד אויף די נשמות פון דער יוגנט.

ה׳ בלעזאָ איז שטאַרק רויט געוואָרן און געענטפערט, אַז אַזאַ פאַרדאַכט איז פולשטענדיק נישט אויפן אָרט, און ער האָט באמת גרויס עגמת נפש, וואָס ער הערט אַזעלכע רייד פון אַן אָרנטלעכן מאַן.

— איך מוז אייך צוועשט זאָגן, ווער איך בין, — האָט דער אַלטער געזאָגט. — איך בין ניקאָדעם, פּרעזידענט פון דער צניעות-געזעלשאַפט. די אינסטיטוציע, וואָס איך האָב דעם כבוד צו רעפּרעזענטירן, שטייט אויף דער וואַך פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל; איך פיר אויס מיין אַמט מיט דער הילף פון צוועלף פאַרלאַמענט-ראַטמענער און צוויי הונדערט פאַרשטייער פון די אָנגעזעענסטע פּאַראַפיעס. אונזער אויפגאַבע איז

נישט צו דערלאָזן, אַז אַזעלכע עקלדיקע נאַקעטקייטן זאָלן אויסגעשטעלט ווערן אויף די עפנטלעכע ערטער, פּלעצער, בולוואַרן, גאַסן, הינטערגעסלעך, סקווערן, פּאַרקן און גאָרטנס.

איך שטעל מיך אָבער נישט צופרידן מיט מיין ראָל פון אַן עפנטלעכן היטער פון דער מאָראַל, איך זע, אַז די מאָראַל זאָל אויך אַריינדרינגען אין די סאַלאָנען, פּריוואַטע וווינונגען און שלאָפצימערס, פון וואַנען מ׳טרייבט זי שוין צו אָפט אַרויס.

וויסן זייט, מיין הער, אַז די געזעלשאַפט, וואָס איך האָב געגרינדעט, באַזאָרגט יונגע ווייבלעך מיט אויסשטייערן און קודם כּל מיט לאַנגע און ברייטע העמדער, וואָס זענען פאַרזען מיט קליינע לעכעלעך; די דאָזיקע לעכעלעך גיבן דעם מאַן די מעגלעכקייט אויסצופירן די מצווה פון פּריה ורביה.

די דאָזיקע לעכעלעך זענען אַרומגעזוימט מיט טייערע האַפטן. און ס׳וועט גאָרנישט זיין קיין באַרימעריי, בעת איך וועל זאָגן, אַז איך האָב אויף אַזאַ אופן דערגרייכט דעם אידעאַל פון וועש, און אויב יעדעס יונג פּאָר־פאָלק וועט באַנוצן אַזעלכע וועש, וועט עס ענלעך זיין צו שרה און טוביה. אויף אַזאַ אופן גלויב איך וועט מיר געלונגען אָפּצורייניקן דעם סאַקראַמענט פון דער חתונה פון די טמאדיקע זאַכן, וואָס האָבן אים אין די לעצטע צייטן אַזוי שטאַרק פאַרפלעקט און פאַראומרייניקט.

מיין טייערער לערער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן די נאָז אַריינגעשטעקט אין קאַסיאַדאָרס בוך, און זיך צוגעהערט צו די רייד פון ניקאָדעם, מיטאַמאָל אָבער האָט ער פון שפּיץ לייטער זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך און דערקלערט, אַז דער איינפאַל פון דעם ה׳ ניקאָדעם איז ווערט באמת געלויבט צו ווערן. ער האָט אָבער באַלד צוגעגעבן, אַז ער האָט נאָך אַ בעסערן איינפאַל.

— איך וואָלט געוועזן דערפאַר, — האָט ער געזאָגט, — אַז מ׳זאָל פאַר דער חתונה אויסשמירן דאָס פּאָר־פאָלק פון קאָפּ ביז פוס מיט שוואַרצן וויאַקס, אַזוי אַז זייער הויט זאָל גלאַנצן ווי אויסגעפּוצטע שיך. דאָס דאָזיקע וואָלט ביי זיי צוגענומען דעם חשק צו תאַוהדיקע צערטלעכקייטן, וואָס געשעען אַזוי

אָפּט בײַ מאַן און װײַב, װאָרים זײ זענען אַ פּועל יוצא פון דער װײַסער הויט פון קערפּער. גלײַכצײַטיק װעט עס זײ אָפּהאַלטן פון איבעריקע צערטלעכקײַטן, פון קושן זיך און האַלזן, און נאָך ענלעכע תּאוות.

בײַ די רײד האָט ה׳ ניקאָדעם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען מײַן לערער, װאָס איז געשטאַנען אויפן שפּיץ לײטער. פון דעם אויסדרוק פון זײַן פּנים האָט ער אַראָפּגעלײענט, אַז ער מאַכט פון אים חוזק.

— געערטער פּאָטער, — האָט ער אים געענטפערט מיט אַ שטים, אין װעלכער ס׳האָט געקלונגען אַ טאָן פון טרויעריקער באַלײדיקונג, — איך װאָלט אײַך נאָך מוחל געװען, װען איר װאָלט בלויז פון מיר אַלײן חוזק געמאַכט. איר לאַכט אָבער גלײַכצײַטיק אָפּ פון דער צניעות און די גוטע מדות, און דאָס זעט איר איז שוין אַ גרויסער חטא.

נישט געקוקט אויף אײַערע חוזק־זײַצן, האָט די געזעלשאַפט, װאָס איך האָב געהאַט דעם כּבוד צו גרינדן, אויפגעטון זײער פיל נוצלעכע אַרבעטן. לאַכט װײַטער אָפּ, טײַערער פּאָטער! מיר האָבן ביז איצט פאַרדעקט מיט פײַגנבלעטער גאַנצע זעקס הונדערט סטאַטועס אין די קיניגלעכע גאָרטנס.

— אָ, א יערע מעשׂים פאַרדינען באמת אַ שבח, — האָט מײַן לערער געענטפערט און גלײַך געמאַכט זײַנע ברילן, מײַן הער, — און אויב ס׳זאָל אַזוי װײַטער גײן, װעלן מיט דער צײַט אַלע סטאַטועס זײַן באַדעקט מיט פײַגנבלעטער. אויב מ׳זאָל אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז די פאַרשידענע, אָביעקטן האָבן פאַר אונז אַ זין, אויף אַזוי פיל, אויף װיפיל זײ װעקן אין אונז געװיסע באַגריפן, װעט אויסקומען, אַז איר טראָגט איבער אויף די בלעטער דעם אויסגעלאַסענעם כאַראַקטער פון די פיגורן.

ס׳װעט קומען דערצו, אַז װער ס׳װעט נאָר װאַרפן אַ בליק אויף אַ פײַגנבוים אָדער אַ װײַנגאָרטן, דער װעט זיך באַלד אויסמאָלן אין זײַן פאַנטאַזיע די אויסגעלאַסנסטע בילדער, און ס׳איז באמת אַ גרויסער חטא איבערצוטראָגן אַזוי פיל אויסגעלאַסנקײט אויף אומשולדיקע געװיקסן.

דערלויבט אײך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז ס'איז זײער געפערלעך צו זוכן אין יעדער מינדעסטער קלײניקײט דעם מקור פון קערפּערלעכער תאווה. איר באַרעכנט נישט אײנגאַנצן, אַז דערמיט, וואָס איר שרעקט אונז איבער מיט די דאָזיקע אויסגעלאַסענע בילדער, ברענגט איר דערצו, אַז יעדער פון אונז, וואָס איז אַלײן אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער אויסגעלאַסענער נאַקעטקײט, זאָל ממש פילן צו זיך אַלײן אַן עקל. און פרײ דערפון וואָלט בלויז געווען אַ טומטום, אַ באַשעפעניש, וואָס בײם בלויזן געדאַנק מיאוסט מען זיך מיט אים.

— מײן הער, — האָט דער אַלטער ניקאָדעם, וואָס איז אײנגאַנצן אַרויס פון די כּלים, געענטפערט, — פון אײערע רײד קום איך צום אויספיר, אַז איר זענט אַ ליבערטין און אַן אויסגעלאַסענער נפש.

— געערטער הער, — האָט מײן לערער זיך אָנגערופן, — איך בין אַ קריסט; וועגן פירן אַ זינדיק, אויסגעלאַסן לעבן קאָן איך צומאָל נישט טראַכטן, ווײל איך מוז טאָג-טעגלעך פאַרדינען אויף מײן שטיקל ברויט, ווײן און טיטון. אַזוי, ווי איר קוקט מיך אָן, מײן הער, קאָן איך נאָר אײן פאָרם פון אָרגיעס: דאָס זענען די שווײגנדיקע אָרגיעס פון פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, און די אײנציקע סעודה, אין וועלכער איך באַטײליק מיך, איז יער באַנקעט פון די מוזעס.

איך האָב אָבער אויף אַזוי פיל שכל און כ'האַלט, אַז ס'האָט לחלוטין נישט קײן זין איבערצוטרעטן מיטן שכל די גרענעצן פון אונזער קאַטוילישער אמונה, וואָס לאָזט אונז איבער אין דער הינזיכט אסך פרײהײט און פּאַסט זיך גערן צו צו די מנהגים און איבערגלײבענישן פון די פעלקער.

איך האָב דעם אײנדרוק, אַז איר זענט אָנגעשטעקט מיטקאַלוויניזם און אַן אָנהענגער פון דער אַפּיקורסישער אינאָקאָנקלאַסטן-סעקטע. ווארים מ'ווײסט נישט סוף כּל סוף, צו אײער משוגעת וועט אײך נישט ברענגען דערצו, אַז איר וועט אָנהײבן צו פאַרברענען די הײליקע בילדער אויס שנאה צו דאָס מענטשלעכע, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין זײ.

אייערע רייד וועגן צניעות, באַשיידנקייט און פרומקייט, וואָס איר האָט שטענדיק אַ פול מויל מיט זיי, האָבן נישט אין דער אמתן קיין שום זין און ממשות, אין די אַלע ענינים דע־צידירן אויסשליסלעך די דאָרטיקע מנהגים און געפילן, און דאָס איז די איינציקע קריטעריע פון אמת.

איך האַלט, אַז אַרויסזאָגן אַ מיינונג אין די ענינים קאָ־נען בלויז דיכטער, קינסטלער און שיינע פרויען. וואָס איז דאָס פאַר אַן אויסטערלישער איינפאַל איבערצוגעבן אַ באַנדע גערימטס־שרייבערלעך די שליטה איבער דער שיינקייט און דער מענטש־לעכער תאווה!

— אָבער מיין הער, — האָט דער אַלטער ניקאָדעם זיך אַלץ געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, — מיר ווילן לחלוטין נישט האָבן צו טון מיט די גראַציעס און מוזעס, און מכל־שכן נישט אָנרירן די הייליקע בילדער, כ׳זע, אַז איר ווילט מיך דווקא נעמען אופן צימבל.

מיר זענען אָרנטלעכע לייט און מיר ווילן, אַז אונזער יוגנט זאָל נישט אָנקוקן פאַר די אויגן די אַלע עקלדיקייטן; מיר ווייסן גאַנץ גוט, וואָס ס׳איז יאָ אָרנטלעך און וואָס איז אויס־געלאַסן. צי ווילט איר אפשר, געערטער פּאָטער, אַז אונזער יוגנט זאָל זיך פאַרהאַלטן פולשטענדיק פריי אויף די גאַסן און זיין אויסגעשטעלט אויף די פאַרשידנסטע נסיונות.

— אָ, מיין הער, — האָט מיין לערער זיך אָנגערופן, — מ׳דאַרף זיין אויסגעשטעלט אויף אַ נסיון. אַזאַ איז דער גורל פונם מענטש און פון קריסט אויף דער וועלט. און די ערגסטע נסיונות שטאַמען פון אינעווייניק און נישט פון דרויסן.

איר וואָלט אויף זיכער נישט אויסגעלאָזט אייער כעס צו אַ פּאָר צייכונגען פון נאַקעטע פרויען, ווען איר וואָלט, ווי איך זיך פאַרטיפט אין די לעבנס־באַשרייבונגען פון די הייליקע, וואָס האָבן געלעבט אויפן מדבר. איר וואָלט זיך דעמאָלט אי־בערציי׳גט, אַז די הייליקע נזירים, וואָס האָבן פאַרבראַכט זייער גאַנץ לעבן אין פולשטענדיקער התבודדות, ווייט פון וועלכע עס איז געשניצטער אָדער געמאָלטער פיגור האָבן געמאַטערט זייער גוף

מיט אומאויפהערלעכע תענתים, און אפילו קיין איין רגע נישט קיין מנוחה אויף זייערע שטעכעדיקע געלעגערס; זייער גאַנץ לעבן זענען זיי געווען אויסגעשטעלט אויף די שרעקלעכסטע נסיונות אין קערפערלעכע תאוות.

אין זייער עלנטער אָרעמער קאַמער פלעגן זיי זעען אויס־געלאַסענע וויזיעס, וואָס זענען געווען טויזנט מאָל תאווהדיקער פון יענעם בילד, וואָס איז אַרויסגעשטעלט און פענצטער פון ה׳ בלעזאָס בוכהאַנדלונג.

דער טייוול (די אַפּיקורסים האָבן אים געקרוינט מיטן נאָ־מען נאַטור.) אין אַ פיל בעסערער מאָלער פון אויסגעלאַסענע סצענעס, ווי זשיל ראָמען אַליין. מיט זיין גאונות, מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס און קאָלאָריט שטייגט ער איבער די גרעסטע איטאַליענישער און פלאַנדרישע מייסטערס.

איר זענט אָבער ליידער אָנמעכטיק קעגן זיינע פלאַמענ־דיקע, תאווהדיקע געמעלן! די געמעלן, וואָס ברענגען אייך אַזוי שטאַרק אַרויס פון די כלים, קאָנען גאָרנישט גיין אין אַ פאַרגלייך מיט די ווערק פון שטן. איר וואָלט גלייכער געטון, ווען איר וואָלט איבערגעלאָזט דער פאָליציי די השגחה איבער דער עפנטלעכער מאָראַל פאַר דער טובה וועגן פון די בירגער.

אייער נאַיוויטעט פאַרחידושט מיך באמת זייער שטאַרק. איר האָט נישט דעם מינדעסטן באַגריף, וואָס דאָס איז אַזעלכעס דער מענטש, די מענטשלעכע געזעלשאַפטן, איר האָט נישט די מינדעסטע אַנונג אויף וואָס פאַראַ שרעקלעכע נסיונות דער מענטש איז אויסגעשטעלט אין דער גרויסער שטאָט.

אָ, ווי נאַיוו איר זענט, איר און אַלע אייערס גלייכן, פאַרזונקען אינם תאווהדיקן אָפּגרונט פון היינטיקן בבל, ווו פון אַלע זייטן הייבט זיך יעדע רגע אויף אַ פוירהאַנג און ווייזט אייך די נאַקעטע אָרעמס פון גאַסן־מיידלעך, ווו מענטשלעכע קערפּערס, אָנגעצונדן פון תאווה און ליידנשאַפטן רייבן זיך איי־נער אָן דעם אַנדערן, אויף די עפנטלעכער פלעצער. און איר נאַיווע לייט, באַקלאָגט אייך און אַ שים פון כעס טרעט אַרויס אויף אייערע ליפּן, בעת איר זעט אַ פּאָר ווערטלאָזע, אומשולדיקע

בילדער, אויסגעשטעלט אין די פענצטער פון אַ בוכהענדלער; אַ ליפּט באַלד מיט אַ טענה צום פּאַרלאַמענט פון אייער קי־ניגרייך, בעת עפּעס אַ מיידל ווייזט איר באַגלייטער אויף אַ באַל אָדער אַ פּאַרוויילונג אַ נאַקעטע היפּט אָדער אַן אָרעם, וואָס זענען אין דער אמתן פאַר איר אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג.

אַזוי האָט גערעדט מיין לערער, שטייענדיק אויף דער לייטער.

ה׳ ניקאָדעם האָט זיך אָבער פאַרשטאָפּט ד אויערן כדי נישט צו הערן זיינע רייד און געשריגן, אַז ער איז אַ ציניקער

— אָ, רבונו של עולם, — האָט ער געהאַלטן אין איין, זיפצן און פאַרברעכן די הענט, — צי איז דען פאַראַן אַן עקלדי־קערע זאַך, ווי צו קוקן אויף אַ נאַקעטע אשה! ס׳איז דאָך ממש אַ חרפּה און אַ בושה צו הערן אַזעלכע אוממאָראַלישע רייד און דאָס נאָך פון אַזאַ ציניש גלח ווי איר זענט. ווארים ס׳איז דאָך, קלאָר אַז אַ פאָלק גייט אונטער, אויב עס פירט זיך נישט לויט די כללים פון דער מאָראַל!

— ס׳איז טאַקע אמת, — האָט מיין לערער געענטפערט,— אַז די פעלקער זענען שטאַרק נאָר דעמאָלט, בעת זיי צייכענען זיך אויס מיט ריינע מדות. דאָס איז אָבער אויף אַזוי פיל ריכ־טיק, אויף וויפיל ס׳האָט אַ שייכות מיט דער גאַנצער געבײדע פון זיי מאָראַלישע כללים, געפילן און ליידנשאַפטן, ווי אויך מיט אַ געוויסער געהאָרכזאַמקייט לגבי די געזעצן, וואָס פאַר־פליכטעט אַלע בירגער. דאָס איז אָבער אויף קיין פאַל נישט נוגע קלייניקייטן, ווי למשל אַ ליאַדע בילד, וואָס שטעלט פאָר אַ נאַקעט מיידל.

געדענקט, אַז מיט דער רגע, ווען די צניעות פאַרלירט איר רייץ, ווערט זי לעכערלעך און נאַריש. די פינצטערע ריינ־קייט פון אייערע פרומע אַרויסטרעטונגען מאַכט אייך בלויז לע־כערלעך, געערטער ה׳ ניקאָדעם, און ווירקט פונקט להיפך, אַנ־טימאָראַליש.

אָבער ה׳ ניקאָדעם איז ביי זיינע לעצטע רייד שוין לאַנג נישט געווען אין דער בוכהאַנדלונג.

די גערעכטיקייט.

דער גלח קוואַניאַר, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרזאָרגט ווערן פון דער דאַנקבאַרער רעפּובליק מיט פּרנסה אויפן גאַנצן לעבן, האָט קוים פאַרדינט אויף אַ שטיקל ברויט, שרייבנדיק ליבע-בריוו פאַר דינסט-מיידלעך ערגעץ אין אַן עלנטער בויד, נישט ווייט פון בית-עולם פון הייליקן אינאָסאַן. איינמאָל איז אים אפילו אויסגעקומען אויסצופירן די ראָל פון אַ סעקרעטאַר ביי אַ פאָרטוגעזישער דאַמע, וואָס האָט געמאַכט אַ רייזע איבער פראַנקרייך צוזאַמען מיט אַ קליין נעגערל.

זי פלעגט צאָלן צוויי גראָשן פאַר אַ בריוו צו איר מאַן און אַ גאַנצן טאָלער פאַר אַ בריוו צו איר געליבטן. דאָס איז געווען דער ערשטער טאָלער, וואָס מיין לערער האָט געזעען פאַר זיינע אויגן זינט דעם טאָג פון הייליקן יוחנן.

אַזוי ווי ער איז פון דער נאַטור געווען גרויסהאַרציק און צוגעלאָזט צו מענטשן, האָט ער מיך באַלד אויפן אָרט פאַרבעטן אין דער שענק „אונטערן גאָלדענעם עפּל‟, וואָס געפינט זיך אויפן בולוואַר דע גרעוו, נישט ווייט פון ראָטהויז, ווו מ'דערלאַנגט אויסגעצייכנטן ווייַן און געשמאַקע וואָרשטלעך.

דאָרט פלעגן זיך צונויפקומען די רייכע סוחרים, וואָס האַנדלען מיט עפּל אויפן מאַרק. ס'איז געווען פרילינג-צייט, און אין דרויסן איז געווען וואַרעם און אָנגענעם. מיין טייערער לערער

האָט געהייסן גרייטן צום טיש אין דרויסן, און מיר האָבן גע־געסן מיטאָג ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין ברעג און פון די רודערס פון די שיפֿלעך, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן וואַסער.

אַ פרישׂ, קיל ווינטל האָט געגלעט און געצערטלט אונזע־רע פּנימער און מיר האָבן זיך געפילט גליקלעך, וואָס מיר לעבן אויף גאָטס ערד. בעת מיר האָבן מיט גרויס הנאה געגעסן גע־רעגלטע וואָרשטלעך, האָט מיטאַמאָל דערגרייכט צו אונז אַ ליאַרם און אַ געפילדער פון מענטשן און פערד. מיר האָבן אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן די אַכילה און אויסגעדרייט די קעפּ צום אָרט, פון וואַנען ס'האָט צו אונז דערגרייכט דאָס געשריי.

אַ קליינטשיקער זקן, געקליידט אין שוואַרצן, וואָס איז געזעסן ביי אַ שכנותדיק טישל, האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז מיר זענען נייגיריק געוויר צו ווערן, וואָס ס'איז דאָרט געשעען און זיך געווענדעט צו אונז מיט אַ העפלעכן שמייכל:

— ס'איז גאָרנישט, מיינע הערן, דאָס פירט מען אויף דער תּליה אַ דינסטמיידל, וואָס האָט צוגעגנבעט אַ קלייד ביי איר באַלעבאָסטע.

בעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָבן מיר אין דער אמתן דערזען אַ שיין מיידל, וואָס איז געזעסן אויף אַ וועגעלע אַרום־גערינגלט פון אַלע זייטן מיט רייטער־פּאָליציאַנטן. זי האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געווען שטאַרק צעטומלט, די הענט אירע זענען געווען צוגעבונדן פון הינטן, און דערביי האָבן זיך בולט אַרויסגעזען אירע שטייפע בריסטן.

אין אַ ווײַלע שפּעטער איז דאָס מיידל מיט די רייטער פאַרשוונדן. איך וועל אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן איר פּנים, וואָס איז געווען טויט־בלאַס און דעם צעטומלטן בליק פון אירע אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געזען אַרום זיך.

— יאָ, מיינע הערן, — האָט דער אַלטיטשקער ווידער אויפגענומען דעם געשפּרעך, — דאָס איז דאָס דינסטמיידל פון מאַדאַם זשאָס. מחמת דעם, וואָס זי האָט געוואָלט אויסנעמען ביי איר געליבטן אויפן באַל ביי ראַמפּאָנאָ, האָט זי צוגעגנבעט

ביי איר באַלעבאָסטע אַ ווערטפולן קראַגן, אויסגעהאָפטן מיט טייערע שפּיצן, און איז דערמיט אַנטלאָפן.

מ׳האָט זי געכאַפּט, פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ ווינקל אויף פּאָנטאָשאַנזש. זי האָט זיך באַלד אויפן אָרט מודה געווען אין איר פאַרברעכן. מ׳האָט זי טאַקע דעריבער געמאַטערט נישט מער ווי אַ שעה צוויי. כ׳פאַרציייל עס אייך אַזוי בפּרטות דערפאַר, ווייל איך בין אַ דינער אין געריכט, ווו ס׳איז פאָרגעקומען איר משפּט.

דער קלייִנער זקן האָט זיך אָפּגעשניטן אַן אָרנטלעך שטיקל וואָרשט, וואָרים ער האָט מורא געהאַט, אַז ס׳זאָל דערווייל נישט אָפּגעקילט ווערן. ער האָט עס אַראָפּגעשלונגען מיט גרויס אַפּעטיט און ווידער אויפגענומען דעם געשפּרעך:

— אין איצטיקן מאָמענט דאַרף זי שוין מסתמא זיך געפינען אויף דער תּליה, און אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער וועט די פאַרברעכערין אויסהויכן איר לעצטן אָטעם. ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע געהאָנגענע, וואָס פאַרשפּאָרן דעם תּליון אַסך טרחה. ווי נאָר מ׳טוט זיי אָן דאָס שטריקל אויפן האַלז, אַזוי הויכן זיי באַלד אויס די נשמה אויפן אָרט. ס׳זענען אָבער אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס לעבן זייער לאַנג. איך האָב אַזעלכע פאַרמשפּטע אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, און מיט זיי קאָן דער תּליון אַזוי לייכט זיך קיין עצה נישט געבן.

דער געפּערלעכסטער צווישן זיי איז געווען אַ גלח, וועלכן מ׳האָט פאַרמשפּט אויף טויט דערפאַר, וואָס ער האָט געפעלשט די קיניגליכע חתימה אויף די לאָטעריי-בילעטן. אין משך פון גאַנצע צוואָנציק מינוט האָט ער זיך געבאָמבלט אויפן שטריק, ווי אַ קאַרפּ, בעת מ׳שלעפּט אים אַרויס אויף דער יבשה.

— העע! העע! — האָט דער קלייִנטשיקער זקן צוגעגעבן און זיך בייז צעלאַכט, — דער גלח איז געווען אַ באַשיידן מענטשעלע און עס האָט זיך אים קיינמאָל נישט געחלומט, ז ער וועט אַמאָל ווערן אַ פעלד-בישוף. איך האָב אים געזען, בעת מ׳האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון וועגעלע. ער האָט פאַרבאָרגן דאָס פּנים אין די הענט אונגעהאַלטן אין איין ווייגען; דער תּליון האָט שוין

לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און געזאָגט צו אים: „שעמט אייך, פאַטערלמאַכט אייך נישט צונאַר, ווי אַ קליין קינד!

דאָס אויסטערלישסטע אין דער געשיכטע איז דאָס, וואָס דער תּליון האָט אים לכתחלה אָנגענומען פאַרן ווידוי-זאָגער פון צווייטן פאַרברעכער, וואָס האָט געזאָלט אויפגעהאָנגען ווערן צו-זאַמען מיט אים, און ערשט מיט גרוים מי איז אים געלונגען איבערצוצייגן אין זיין טעות. נו זאָגט אַליין, צי איז דאָס נישט אַ קאָמישע געשיכטע?

— ניין, מיין הער, — האָט מיין לערער געענטפערט, — אַראָפּלאָזנדיק צוריק אין טעלער אַריין אַ קליין פּישל, וואָס ער האָט אַ געוויסע צייט געהאַלטן ביים סאַמע מויל, — דאָס ווילט מיך נישט לחלוטין; דער בלויזער געדאַנק, אַז דאָס דאָזיקע שיינע מיידל הויכט איצט אויס די נשמה, נעמט ביי מיר צו דעם גאַנצן אַפּעטיט און פאַרמיאוסט מיר אפילו דעם קלאָרן, לויטערן הימל, וואָס האָט מיט אַ מינוט פריער מיך אַריינגעבראַכט אין אַ פריילעכער שטימונג.

— אָ, געערטער גלח, — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטיטש-קער, — אויב איר זענט יאָ אַזוי שטאַרק עמפּפינדלעך, וואָלט איר אויף זיכער נישט בכוח געווען איבערצוטראָגן דאָס, וואָס מיין פאָטער האָט געזען מיט זיינע אויגן, אין זיין געבוירן-שטאָט דיזשאָן, בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגל. צי האָט איר אַמאָל געהערט די געשיכטע פון העלענע זשילע?

— ניי ן, כ׳האָב זי נישט געהערט, — האָט מיין טייערער לערער געענטפערט.

— אויף אַזאַ אופן מוז איך זי אייך פאַרציילן, פונקט אַזוי ווי מיין פאָטער פלעגט עס מיר פאַרציילן.

ער האָט אויסגעטרונקען אַ כּוס וויין, אָפּגעווישט די ליפּן מיטן עק טישטוך און אָנגעהויבן פאַרציילן די מעשה, וואָס איך גיב איבער אונטן.

XIX

די געשיכטע פון געריכטס־דינער

„אין חודש אָקטאָבער פון יאָר 1624 האָט אין שלאָס בורג-אַן-ברעס געלעבט צוזאַמען מיט אירע צוויי יונגערע ברידער די צוויי און צוואַנציק יעריקע קאַשטעלאַן-טאָכטער העלענע זשילע. אַנומלט איז זי פלוצים שוואַנגער געוואָרן און די סימנים פון איר שוואַנגערשאַפט האָבן זיך אַזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן אַריין, אַז גאָר אינגיכן זענען אַלע אין שטאָט וועגן דעם געוווּיר געוואָרן און דעם פריצס מיידלעך האָבן אָנגעהויבן אויסצומיידן איר געזעלשאַפט.

„אין אַ צייט אַרום האָט מען באַמערקט, אַז זי האָט ווידער באַקומען איר פריערדיקע שלאַנקע פיגור, בייזע צינגער האָבן ווידער אָנגעהויבן צו שיטן אויף איר מיט רכילות, אַזוי אַז דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט געהייסן די דאָרטיקע הייבאַמען, זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיטן דאָזיקן ענין.

„די הייבאַמען האָבן פעסטגעשטעלט, אַז זי איז טאַקע געווען אין אַנדערע אומשטענדן און מיט צוויי וואָכן צוריק געלעגן געוואָרן אין קימפעט.

„אויפן סמך פון זייער רעפּאָרט איז העלענע זשילע

אײַנגעזעצט געוואָרן אין תפיסה און גענומען געוואָרן אויף א פאַרהער פאַר די טריבונאַל-ריכטער.

„זי האָט געגעבן פאָלגנדע דערקלערונגען:

„— מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, — האָט זי פאַרציילט, — פלעגט אַרײַנקומען צו אונז אַ יונגער מאַן, וואָס האָט געלערנט שרײַבן און לײענען מײַנע יונגערע ברידער. ער האָט איין איינציק מאָל געהאַט מיט מיר אַ געשלעכטס-באַציִונג. דאָס דאָזיקע איז אים געלונגען מיט דער הילף פון דינסט-מײדל, וואָס האָט מיך פאַרשלאָסן צוזאַמען מיט אים אין אַ צימער. דאָרט האָט ער מיך פאַרגוואַלטיקט.

„און אַז מ'האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס זי האָט נישט געדופן נאָך הילף, האָט זי געענטפערט, אַז זי האָט פאַר גרויס איבעראַשונג פאַרלוירן דאָס לשון. אָבער ווען די ריכטער האָבן זי גענומען אויף אַ קרייץ-פאַרהער, האָט זי צוגעגעבן, אַז זי איז פון אים טראָגנדיק געוואָרן און זי האָט געבוירן דאָס קינד פאַר דער צייט.

„זי האָט געשוואוירן, אַז נישט נאָר, וואָס זי האָט נישט צוגעלייגט אַ האַנט צום דאָזיקן ענין, נאָר זי האָט אפילו נישט געהאַט די מינדעסטע אַנונג, וואָס פאַראַ קאָנסעקווענצן דאָס קאָן האָבן פאַר איר, און ערשט די דינסט האָט איר געבוי אָפּגעמאָלט די לאַגע.

„די ריכטער האָבן איר דעם אמת געזאָגט ווייניק געגלויבט. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קעגן איר קיין פעסטע באַווייזן. אומגעריכט אָבער האָט די באַשולדיקונג קעגן איר אָנגענומען אַ נייע ווענדונג.

„אַ זעלנער איז צופעליק פאַרבײַגעגאַנגען לעבן דעם גאָרטן פון ה' פּיער זשילע, דער קיניגלעכער קאַשטעלאַן און פאָטער פון דער באַשולדיקטער, און ער האָט באַמערקט ווי אַ קראָ גראַבלט מיטן שנאָבל אַ פּעקל וועש, וואָס איז געלעגן אין גראָבן, בײַ דער מויער.

„ער האָט זיך דערנענטערט צום גראָבן, כּדי צו זען וואָס עס ליגט דאָרט, און אַז ער האָט אויפגעוויקלט דאָס

פעקל האָט ער אינעווייניק געפונען ליגן דאָס גופל פון אַ טויט קינד. ער האָט באַלד וועגן דעם געמאָלדן דער יוסטיץ-מאַכט. דאָס קינד איז געווען אָנגעטון אין אַ העמד, וואָס איז געווען געצייכנט מיט די אותיות ה. ז ש.

„די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אויף דער צייט, און העלענע זשי-לע איז אַנערקענט געוואָרן פאַר שולדיק אין דערהרגענען איר קינד און לויט די אָנגענומענע געזעצן איז זי פאַר-משפּעט געוואָרן צום טויט.

„מחמת דעם וואָס איר פאָטער האָט, פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם מלוכה-פּאָסטן, האָט מען איר צוגעפּסקנט די פּרי-ווילעגיע, פון וועלכער ס'געניסט בלויז דער אַדל, און זי האָט געזאָלט געקעפּט ווערן.

„אַזוי ווי ס'איז אָנגעגעבן געוואָרן אַן אַפּעלאַציע אין פאַרלאַמענט אין דיזשאָן, האָט מען זי אָפּגעשטעלט אונטער אַ וואַך און דער הויפּטשטאָט פון בורגונדיע און מ'האָט זי איינגעזעצט אין דער פאַלאַץ-תּפיסה. איר מו-טער, וואָס האָט זי באַגלייט אין שטאָט אַריין, איז פאַר-בליבן ביי די בערנאַרדין-שוועסטער.

„דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען מאָנטיק, דעם צוועלפטן מאַי, אויף דער לעצטער סעסיע פאַר שבועות. נאָך דער רעדע פון פּראָקוראָר זשאַקאָוו האָבן די ריכ-טער באַשטעטיקט דעם אורטייל פון דער ערשטער אינכטאַנץ און פאַראָרדנט, אַז די פאַרמשפּעטע זאָל גיין צו דער תּליה מיט אַ שטריקל אויפן האַלז.

„פון פּובליקום האָט מען אפילו געמאַכט אַ צווישנ-רוף, אַז דער דאָזיקער אורטייל איז סותר דעם פּריער-דיקן פּריווילעגירטן אורטייל; אַלע האָבן געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער אורטייל איז אין אַ סתירה מיט די אָנגענומענע מנהגים. אויפן אורטייל האָט מען אָבער נישט געקענט מער אַפּעלירן און די עקזעקוציע האָט געזאָלט אויסגעפירט ווערן נאָך דעם זעלבן טאָג.

„און טאָקע דעם זעלבן טאָג, באַלד פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט מען ביים קלאַנג פון גלאָקן אַרויסגעפירט צום עשאַפאָט; פאָראויס זענען געפאָרן רייטערס, וואָס האָבן געבלאָזן אין טרומייטערס מיט אַזאַ קראַפט, אַז מ'האָט זיי געהערט אין אַלע הייזער, און אומעטום זענען מענטשן געפאַלן אויף די קני און מתפלל געווען צו גאָט פאַר דער נשמה פון דער אומגליקלעכער, וואָס איז געגאַנגען אַנט־קעגן דעם טויט.

„הינטער די רייטערס איז געפאָרן אין אַ קאַרעטע דער קיניגלעכער וויצע־פּראָקוראָר, אַרומגערינגלט פון זיינע דינער. דערנאָך איז אין אַ וואָגן געפאָרן די פאַרמשפּטע, מיט אַ שטריק אויפן האַלז, ווי ס'איז געשריבן אין אורטייל.

„די פאַרמשפּטע איז געפאָרן אין דער באַגלייטונג פון צוויי יעזויטן און צוויי קאַפּוצינער, וואָס האָבן זי געטרייסט און געבענטשט מיטן צלם אין האַנט. לעבן איר איז געגאַנגען דער תּליון מיט זיין האַק און די תּליונטע מיט אַ גרויסער שער אין האַנט. אַן אָפּטיילונג זעלנער האָט אַרומגערינגלט דעם וואָגן, ווו די פאַרמשפּטע איז געזעסן. הינטערן וואָגן האָט זיך געשטופּט אַ המון קליינע בעלי־מלאכות, בעקערס, מוליערס, וואָס האָבן אָן אויפהער גע־טומלט און געליאַרעמט.

„דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ, וואָס מ'האָט אים גערופן מאָרימאָן*) . נישט דערפאַר, ווייל אויף דעם אָרט פלעגן פאָרקומען עקזעקוציעס פון די צום טויט פאַרמשפּטע, נאָר אַלס זכר פון די קירכלעכע פירשטן, וואָס האָבן דאָ געהאַט אַ פּאַלאַץ מיטן נאָמען מאָרימאָן.

„די הילצערנע תּלי'ה איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן צו אַ קליינער קאַפּליצע,

*) וואָרטשפּיל: מאָרימאָן — אַ נאָמען, און מאָרימאָן — „דער באַרג פון טויט" (באַמ. פון איבערזעצער)

ווי די גלחים פלעגן אָפּריכטן תּפלות פאַר די נשמות פון די פאַרמשפּטע צום טויט.

„העלענע זשילע איז אַרויף אויף די טרעפּ פון דער קאַפּליצע אין דער באַגלייטונג פון פיר מאָנאַכן, פון תּליון און פון זיין ווייב, די תּליונטע. די לעצטע האָט אַראָפּגענומען דאָס שטריקל, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן אַרום איר האַלז, מיט אַ ריזיקער שער אָפּגעשוירן אירע האָר און פאַרבונדן איר די אויגן. די מאָנאַכן און גלחים האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן די תּפלות.

„דער תּליון איז מיטאַמאָל געוואָרן בלאַס און אָנגעהויבן שטאַרק צו ציטערן. מ׳האָט אים גערופן שמעון דער לאַנגער; אין דער אמתן איז ער געווען אַ קליין מענטשעלע, אַ גרויסער פּחדן און ווייך, ווי אַ לעמעלע; דערפאַר איז שוין זיין ווייב געווען אַ ווילדע מרשעת.

„דעם זעלבן פרימאָרגן האָט ער זיך מתוודה געווען אין דער תּפיסה-קאַפּליצע, און נישט געקוקט דערויף איז ער געווען צעטומלט און נישט געהאַט קיין קוראַזש צו קעפּן דאָס יונגע מיידל. ער האָט זיך געווענדעט צום המון:

„— זייט מיר מוחל, איר אַלע, וואָס זענט דאָ פאַרזאַמלט, אויב איך וועל אויספירן שלעכט מיין מלאכה. זינט דריי חדשים בין איך קראַנק אויף פיבער.

„דערנאָך האָט ער, וואַקלענדיק זיך אויף די פיס, פאַרבראָכן די הענט, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און זיך געוואָרפן אויף די קני פאַר העלענע זשילע. צוויי מאָל האָט ער געבעטן ביי איר מחילה און זיך געווענדעט צו די גלחים, זיי זאָלן אים בענטשן, און אַז די תּליונטע האָט אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ פון דער פאַרמשפּטער אויפן ברעט, האָט ער אויפגעהויבן די האַק.

„די יעזויטן און קאַפּוצינער האָבן גענומען שרייען אויפן קול: יעזוס, מאַריאַ!” און אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער ברוסט פון פאַרזאַמלטן המון. אַנשטאָט אין האַלז האָט אָבער די האַק געטראָפן און דער

פלייצע און אַרויסגעריסן אַ שטיק פלייש. די אומגליקלעכע איז מיט אַ געשריי געפאַלן אויף דער רעכטער זייט.

„שמעון דער לאַנגער האָט זיך אויסגעדרייט צום המון און געזאָגט מיט אַ וויינענדיק קול:

„— דערהרגעט מיך בעסער!

„די געשרייען זענען געוואָרן וואָס אַמאָל העכער, עטלעכע שטיינער זענען געפאַלן אויף דער תּליה, בעת די תּליונטע האָט ווידער אַנידערגעלייגט דעם קרבן אויפן ברעט.

„דער תּליון האָט צום צווייטן מאָל אויפגעהויבן די האַק. דאָס מאָל האָט ער איר געמאַכט אַ טיפע וווּנד אין קאַרק, די האַק האָט זיך אים אויסגעגליטשט פון האַנט און די אומגליקלעכע איז געפאַלן אויף דר׳ערד.

„עס איז געוואָרן דעמאָלט אַזאַ שרעקלעכער טומל און אַ האַגל פון שטיינער האָט אָנגעהויבן פאַלן אויף דער תּליה. שמעון דער לאַנגער,ביידע יעזויטן און ביידע קאַפּוצינער זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון עשאַפאָט, און זיך באַהאַלטן אין דער קאַפּליצע. אויפן עשאַפאָט איז פאַרבליבן בלויז די פאַרמשפּטע און די תּליונטע, וואָס האָט געזוכט די האַק.

„אַזוי ווי זי האָט זי נישט געקענט געפינען, האָט זי גענומען דעם שטריק, אַריבערגעוואָרפן אים איבער איר האַלז און אַרויפשטעלנדיק דעם פוס אויף איר ברוסט, מיט אַלע כּוחות אָנגעהויבן זי צו שטיקן. העלענע האָט אָבער אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט דעם שטריק און זיך פאַרטיידיקט, פאַרגאָסן אינגאַנצן מיט בלוט. דעמאָלט האָט די תּליונטע זי אַראָפּגעצויגן פון דער תּליה, מיטן קאָפּ צו דער ערד און גענומען שניידן איר האַלז מיט דער גרויסער שער.

„בעת זי האָט אַזוי געאַרבעט מיט דער שער איז אַ מחנה קצבים און מוליערס אַריבערגעשפּרונגען די באַריערע, וואָס האָט אָפּגעטיילט די תּליה פון המון. זיי האָבן

אומגעוואָרפן די פּאָליציאַנטן און רייטער און אַריינגעריסן זיך אין דער קאַפּליצע און אויפן עשאַפאָט. אַ צענטליק געזונטע העגט האָבן אַ הייב געטון העלענע און אין אַ שווערן צושטאַנד זי אַוועקגעטראָגן צו זשאַקען, אַ כירורג און אַ פריזירער.

„דער המון וואָלט אויך זיכער אויפגעריסן די טיר פון דער קאַפּליצע. אָבער די יעזויטן און די קאַפּוצינער האָבן אַליין אויפגעפּראַלט די טיר און האַלטנדיק די צלמים אין די ווייט צעשפּרייטע הענט האָבן זיי מיט גרויס מי זיך געמאַכט אַ וועג דורכן צעווילדעוועטן המון.

„דער תּליון און זיין פרוי זענען פאַרשטיינט גע־וואָרן און זייערע קערפּעס האָט מען אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן. העלענע זשילע איז בינו לבינו געקומען צו זיך און געבעטן אַ טרונק וואַסער. דערנאָך, אַז דער כירורג זשאַקען האָט פאַרבאַנדאַזשירט אירע ווונדן, האָט זי געזאָגט:

„— מער קיין קלעפּ און ווונדן האָב איך נישט געקריגן?

„מ'האָט איינגעפונען, אַז זי האָט באַקומען צוויי שניטן מיט אַ שווערד, זעקס שניטן מיט דער שער, וואָס האָט איר צעשניטן די ליפּן און דעם גאָרגל. אירע אָדערן זע־נען געווען טיף איינגעשניטן מיט דער האַק, וואָס איבער איר האָט די תּליונטע זי געשלעפּט איבער די טרעפּ, בעת זי האָט זי געוואָלט דערשטיקן. חוץ דעם איז דער גאַנצער קערפּער געווען צעהאַקט פון די שטיינער, וואָס דער המון האָט אָנגעוואָרפן אויף דער תּליה.

„אָבער נישט געקוקט דערויף האָט זי זיך שנעל אויסגעהיילט פון אירע ווונדן. זי האָט געוווינטביים כי־רורג זשאַקען, באַוואַכט פון אַ געריכטס־דינער און די גאַנ־צע צייט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

„— צי דאָס איז נאָך נישט דער סוף? כ'וועל נאָכ־אַמאָל מוזן שטאַרבן?

„דער כירורג און נאָך איניקע באַרמהאַרציקע נשמות

האָבן געפּרוּווט זי צו טרייסטן. דער אַדוואָקאַט פּערוו· האָט אָנגעשריבן אַ ביטע, וואָס איז געווען געחתמעט פון אַ סך נאָטאַבלען און זי איבערגעגעבן דעם קיניג.

„אין דער זעלבער צייט זענען אויפן קיניגלעכן הויף פאָרגעקומען גראַנדיעזע פאַרווײַלונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער חתונה פון הענריעט מאַריע, די פראַנצויזישע פּרינצעסין מיטן קיניג פון ענגלאַנד. אַלס זכר פון דער דאָזיקער חתונה האָט לואי דער יושרדיקער באַגנעדיקט די אומגליקלעכע. ער האָט איר פולשטענדיקט געשאָנקען די שטראָף און אויסגעדריקט די מיינונג, ווי ס׳שטייט געשריבן אין באַגנעדיקונגס-אַקט, אַז זי האָט זיך שוין גענוג אָנגעליטן, און אירע טראַגישע איבערלעבענישן האָבן. מיט זייער שווידערלעכקייט איבערגעשטיגן די טויט-שטראָף

„אַז העלענע זשילע האָט זיך פולשטענדיק אויסגעהיילט פון אירע ווונדן, איז זי אַרײַנגעטרעטן אין אַ קלויסטער, ווו זי האָט ביזן טויט פאַרטראַכט און אויסערגעוויינטלעכער פרומקייט.

„דאָס איז די אמתע געשיכטע פון העלענע זשילע. וואָס איז באַקאַנט קינד און קייט אין דיזשאָן, — האָט דער אַלטער געענדיקט פאַרציילן. — צי האַלט איר נישט געערטער פאָטער, אַז זי אין אַמוזירנד?

XX

די יוסטיץ

(המשך)

— אַ גרויסער שאָד, — האָט מיין לערער זיך אָנגערופן,— כ׳האָב פאַרלוירן אינגאַנצן דעם אַפּעטיט. דאָס האַרץ טוט מיר אַזש וויי פון די שוידערלעכע סצענעס, וואָס איר האָט אויסגעמאָלט מיט אַזאַ קאַלטבלוטיקער רויקייט, און איך קאָן בשום אופן נישט פאַרגעסן דאָס דינסטמיידל פון מאדאַם זשאָס, וואָס מ׳האָט געפירט צו דער תליה, בעת מ׳וואָלט נאָך געקאָנט מאַכן פון איר לייט.

— אָבער מיין הער, — האָט דער געריכטס-דינער פּראָטעסטירט, — צי האָב איך אייך דען נישט געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע מיידל האָט באַגנבעט איר באַלעבאָסטע, און צי זענט איר נישט דערפאַר, אַז מ׳זאָל גנבים הענגען?

— אמת איז, — האָט מיין לערער געענטפערט, — אַז אַזאַ איז דער מנהג; און מחמת דעם, וואָס אַ מנהג איז שווער צו באַקעמפן, רעכן איך מיך מיט אים זייער ווייניק אין טאָגטעגלעכן לעבן. אפילו סענעקאַ, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ מילדן כאַראַקטער, האָט פונדעסטוועגן גאַנץ רויק געשריבן זיינע מאָראַליש-פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען, בעת אין דער זעלבער צייט פלעגט מען אין רוים קרייציקן די קנעכט פאַרן מינדעסטן טטא

דאָס דאָזיקע קאָן מען זען למשל אויפן ביישפיל פ ו שקלאַף מיטרידאַטעס, וואָס איז געשטאָרבן אין שרעקלעכע.

יסורים מיט דורכגעלעכערטע הענט, וואָס זענען צוגענאָגלט גע־וואָרן צום קרייץ. און זיין איינציקער חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט די העזה צו צווייפלען אין דער געטלעכקייט פון זיין האַר, דער אויסוואורף טרימאַלציאָן.

דאָס איז שוין משמעות אַזאַ אייגנשאַפט פון מענטשלעכן שכל, אַז דאָס, וואָס איז ביי אים געוואָרן אַ מנהג און אַ טאָג־טעגלעכע זאַך, אַרט אים זייער ווייניק און ס'גייט אים קנאַפּ אָן. דער מנהג פאַראַליזירט, אויב מ'וואָלט זיך געקאָנט אַזוי אויסדריקן, סיי אונזער איפּרעגונג, סיי אונזער אַנטציקונג.

איך כאַפּ מיך אויף יעדן פרימאָרגן פון שלאָף, און איך בין מיך מודה, אַז איך הייב גאָרנישט אָן צו טראַכטן וועגן די אומגליקלעכע, וואָס ווערן אין משך פון היינטיקן טאָג געהאָנ־גען אָדער געפערטלט ווערן.

אָבער אייער באַשרייבונג פון מענטשלעכע יסורים האָט מיך געמאַכט עמפּפינדלעכער און ס'האַרץ האָט מיר אַזש פאַר־קלעמט; און בעת איך האָב געזען דאָס דאָזיקע יונגע, שיינע מיידל, ווי מ'האָט זי געפירט אויף דער תליה, האָט מיר אָנגע־הויבן אַזוי שטאַרק צו שטיקן אין האַלז, אַז אפילו אָט דאָס דאָזיקע קליינע פישעלע קאָן נישט דורכגיין דורך אים.

— אויך מיר אַ דאגה איבער אַ שיין מיידל! — האָט דער געריכטס-דינער זיך אָנגערופן, — ס'איז נישט פאַראַן אין פאַריז קיין איין גאַס, ווו מ'זאָל יעדע נאַכט נישט פאַבריצירן גאַנצע טוצן אַזעלכע שיינהייטן. ווער האָט איר געהייסן באַגג־בענען די באַלעבאָסטע, מאַדאַם ושאָס?

— כ'הייב נישט אָן צו וויסן וועגן דעם, מיין הער, — האָט מיין לערער ערנסט געענטפערט. — איר אַליין האָט אויך וועגן דעם אַ קנאַפּע אַנונג, און אפילו די ריכטער, וואָס האָבן זי פאַרמשפּעט צום טויט האָבן אויך גאָרנישט געוווסט, ווארים פאַרהוילן זענען פאַר אונז די אמתע מאָטיוון פון די מענטשלע־כע מעשים און די סטימולן, וואָס טרייבן דעם מענטש צו דער טאָט זענען אונז פולשטענדיק אומבאַקאַנט.

איך האַלט, אַז דער מענטש איז פולשטענדיק פריי אין

קיינע מעשים, וואָרים אַזוי לערנט מיך מיין רעליגיע. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס לערנט אונז אונזער הייליקע אמונה, איז פאַראַן אַזוי ווייניק באַווייזן אויף צו גלויבן אין דער מענטשלעכער פרייהייט, אַז איך ציטער ממש אויף, בעת איך טראַכט וועגן די געריכטס-אורטיילן אויף אַזעלכע מעשים, וואָס סיי זייער פּרינציפּ, סיי זייער אויסגאַנגס-פּונקט און סבות גליטשן זיך אַרויס פון אונזערע הענט. וואָרים אין דער אמתן האָט אונזער ווילן אַ גאַנץ קליינעם חלק אין אַלע אונזערע מעשים, און אָפּטמאָל טוען מיר אָפּ אַ סך זאַכן אינגאַנצן אומבאַוווסטזיניק.

אין פּרינציפּ זענען מיר טאַקע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונזערע האַנדלונגען, וואָרים אונזער הייליקע רעליגיע שטיצט זיך אויף דער מיסטישער אַחדות פון דער מענטשלעכער פרייהייט און געטלעכן חסד. איך האַלט אָבער, אַז מען מיסברויכט מיט דער דאָזיקער טיפער און סודותפולער דאָגמע, בעת מען דרינגט אַרויס פון איר די שרעקלעכסטע טאָרטורן און מוראדיקע אכזריותדיקייטן, מיט וועלכער אינזער שטראָף-קאָדעקס איז איבערגעפולט.

— איך שטעל פעסט מיט טרויער, — האָט דאָס קליינע שוואַרצע מענטשעלע געענטפערט, — אַז איר געהערט צו דער פּאַרטיי פון די מלוכה-שונאים.

— וואָס זאָל מען טון, מיין הער, — האָט מיין לערער אַ זיפץ געטון, — זיי זענען אַ טייל פון דער ליידנדער מענטשהייט און ווי מיר זענען זיי קינדער פון ישו הנוצרי, וואָס איז געשטאָרבן צווישן צוויי גנבים. איך געפין אין אונזערע געזעצן אָן אַ שיעור אַכזריותדיקייטן, וואָס וועלן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן ערשט פון דער צוקונפט, און איך בין זיכער אַז די קומענדיקע דורות, וועלן מיט עקל זיך אָפּשאָקלען פון אונז.

— איך קאָן אייך באמת נישט פאַרשטיין, מיין הער, — האָט דער אַלטיטשקער זיך אָנגערופן, אַ זופּ טוענדיק פון גלעזל אַ ביסל ווײַן, — אַלע גרויזאַמקייטן פון די אַמאָליקע צייטן זענען

שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אונזערע געזעצן און מנהגים, און די יוסטיץ איז ביים היינטיקן טאָג אויסערגע־וויינלעך מילד און הומאַניטאַר.

די שטראָפן ווערן געגעבן אויסגעמאָסטן לויט דער גרויס פון די פאַרברעכנס, און איר זעט, אַז גנבים הענגט מען אויף, מערדערס פערטלט מען, די, וואָס באַליידיקן דעם קיניגלעכן מאַיעסטעט, ווערן צעריסן פון ווילדע פערד; אַטעיסטן, מכשפים און סאָדאָמיטן ווערן פאַרברענט אויפן שייטערהויפן, און געלט־פעלשער ווערן אָפּגעקאָכט אין הייסער סמאָלע. מיט איין וואָרט — די היינטיקע יוסטיץ ווייזט אַרויס אַן עקסטרעמע מעסיקייט און אַ ווייטגייענדע מילדקייט.

— מיין הער, אין אַלע צייטן האָבן די ריכטער זיך גע־האַלטן פאַר מענטשלעך, הומאַניטאַר און גערעכט. אין מיטל־אַלטער, אין די צייטן פון לואי דעם הייליקן און אַפילו פון קאַרל דעם גרויסן, פלעגן די ריכטער נתפעל ווערן פון זייער אייגענער גוטסקייט און מענטשלעכקייט, בעת אין אונזערע אויגן זענען זיי ווילדע באַרבאַרן.

איך בין איבערצייגט, אַז אונזערע קינדער און אייניקלעך וועלן קוקן אויף אונז, ווי אויף ווילדע מענטשן און ס׳איז מער ווי זיכער, אַז זיי וועלן נאָך האָבן אַ סך אַרויסצוואַרפן פון אונזער קאָדעקס.

— מיין הער, איר רעדט פונקט, ווי אַ לאַיקער. די טאָר־טורן זענען נויטווענדיק כדי אַרויסצובאַקומען פון פאַרברעכער דעם אמת, וואָס מ׳וואָלט מיט אַנדערע מיטלען בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. וואָס שייך ווידער די שטראָפן איז זייער צאָל שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן חוץ נאַטירלעך די, וואָס זענען נויטיק כדי צו פאַרזיכערן דאָס לעבן און דאָס אייגנס פון די בירגער.

— איר זענט אַלזאָ מסכים, מיין הער, אַז דער צוועק פון דער יוסטיץ איז נישט די גערעכטיקייט, נאָר די נוצלעכ־קייט, און אַז זי רעכנט זיך אויסשליסלעך מיט די אינטערעסן און איבערגלייבענישן פון די פעלקער. דאָס איז טאַקע פולשטענ־

ריק אמת, און די פאַרברעכנס ווערן באַשטראָפט נישט פּראָפּאָר־ציאָנעל צו דער בײַזוויליקייט, וואָס איז אין זיי פֿאַראַן, נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון שאָדן, וואָס זיי זענען גורם אָדער זיי וואָלטן געקאָנט גורם זײַן דער געזעלשאַפט.

טאַקע דערפאַר וואַרפט מען די געלט־פעלשער אַרײַן אין אַ קעסל מיט קאָכעדיק וואַסער, נישט געקוקט דערויף, וואָס מאַכן מטבעות איז לחלוטין נישט קיין פאַרברעכן. אָבער די פינאַנסיסטן און די איבעריקע בירגער לײַדן דערפון גרויס אָדן. אַט פאַרן דאָזיקן שאָדן זענען זיי זיך מוראדיק נוקם ין די געלט־פעלשער.

גנבים הענגט מען, נישט דערפאַר, וואָס ס׳איז נישט אָרנטלעך צוצוכאַפּן אַ ברויט אָדער אַ מלבוש, — און אין תוך גענומען איז אין דער דאָזיקער האַנדלונג פֿאַראַן זייער ווייניק שלעכטס, — נאָר פשוט דערפאַר, ווײַל די מענטשן זענען פון זייער געבוירן אָן שטאַרק צוגעבונדן צו זייער אייגנס.

מ׳דאַרף אויך אַזאַ אופן צוריקפירן די מענטשלעכע יוס־טיץ צו איר אורשפּרונגלעכן מקור, דאָס הייסט צו דער מאַ־טעריעלער זייט פון לעבן, און אַראָפּרײַסן פון איר דעם שלייער פון דער כלומרשט הויכער פילאָזאָפיע, אין וועלכער זי הילט זיך אײַן מיט אַזאַ פּאָמפּע און מיט אַזוי פיל פוסטער צביעות.

— מײַן הער, — האָט דער אַלטיטשקער געריכטס־דינער פּראָטעסטירט, — כ׳פאַרשטיי אײַך נישט לגמרי. מיר קומט פאָר, אַז די יוסטיץ איז בעסער, וואָס מער נוצלעכער זי איז, און דווקא די דאָזיקע נוצלעכקייט, וואָס שטויסט אײַך אָפּ פון איר, מאַכט זי אין מײַנע אויגן הייליקער און חשיבותדיקער.

— איר פאַרשטייט מיך טאַקע נישט, — האָט מײַן לערער געענטפערט.

— מײַן הער, — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט, — כ׳האָב באַמערקט, אַז איר טרינקט נישט לגמרי. דער ווײַן אייערער איז אַ גוטער, אויב מ׳זאָל אורטיילן לויט זײַן קאָליר. אפשר וואָלט איר אויך געקאָנט טועם זײַן אַביסל?

ס׳איז טאַקע אמת, אַז מײַן טײַערער לערער האָט צום

ערשטן מאָל אין זיין לעבן אינגאַנצן פאַרגעסן אויסצוטרינקען דאָס אָנגעהויבענע פלעשל ווײַן. ער האָט אָנגעגאָסן דעם גע-ריכטס-דינער אַ כּוס ווײַן.

— פאַר אייער געזונט, געערטער פאָטער, — האָט דער אַל-טיטשקער געריכטס-דינער געזאָגט. — אייער ווײַן איז גוט, אָבער אייערע אַרגומענטן טויגן אויף כּפּרות. די יוסטיץ, איך חזר עס נאָכאַמאָל איבער, איז בעסער, וואָס מער נוצלעכער זי איז, און די דאָזיקע נוצלעכקייט, וואָס איז לויט אייער מיינונג איר מקור, דערהויבט זי נאָך מער אין מײַנע אויגן און מאַכט זי חשיבותדיקער. איר מוזט דאָך אָבער אויך פאַרשטיין, אַז דער מהות פון דער יוסטיץ איז דאָס גערעכטע, ווי עס איז צו זען פונם נאָמען.

— מיין הער, — האָט מיין לערער דערויף געענטפערט, — אויב מיר וועלן זאָגן, אַז די שיינקייט איז שיין, דער אמת — אמתדיק, און די יוסטיץ יושרדיק, האָבן מיר דערמיט נאָך גאָר-נישט געזאָגט. אייער אולפּיאַנוס, וואָס פלעגט זיך אויסדריקן מיט אַ געבויער שפּראַך, האָט דעפינירט דעם תּוך פון דער יוסטיץ, ווי דער אייביק דויערנדער און אַנטשלאָסענער ווילן אויס-צוטיילן יעדן מענטש דאָס, וואָס אים קומט, און די געזעצן זענען דעמאָלט יושרדיק, בעת זיי סאַנקציאָנירן דעם דאָזיקן ווילן.

דאָס גאַנצע אומגליק באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס די מענטשן פאַרמאָגן אַבסאָלוט נישט קיין אייגנס, אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז די גערעכטע געזעצן קענען זיי בלויז גאַראַנ-טירן דאָס אָנגערויבטע פאַרמעגן, וואָס זיי באַקומען בירושה אָדער זיי דעראָבערן עס מיט די אייגענע הענט.

די מענטשלעכע געזעצן דערמאָנען מיר די קינדערשע אָפּמאַכן, בעת זיי שפּילן זיך אין קנעפּלעך. אַז איין קינד האָט געוווּנען און דאָס צווייטע וויל צוריק אָפּנעמען די פאַרשפּיל-טע קנעפּלעך, זאָגט דאָס ערשטע קינד: „כ'וויל שוין מער נישט שפּילן."

די גאַנצע חכמה פון די ריכטער באַשטייט אין אונטער-שיידן די גזילות, וואָס גייען נישט אַריין איך קאָן, פון די

גזילות, וואָס בנוגע זיי איז לכתחילה געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, און דער דאָזיקער חילוק איז זייער קאָמפּליצירט און גלייכצייטיק שטאַרק קינדעריש.

דאָס מיידל, וואָס הענגט איצט אויף דער תליה, האָט ווי איר זאָגט, צוגעגנבעט אַ מלבוש ביי איר באַלעבאָסטע, מאַדאַם זשאָס. אָבער פון וואָס דרינגט איר אַרויס, אַז דאָס דאָזיקע מלבוש איז געווען אַן אייגנס פון מאַדאַם זשאָס? איר וועט מיר ענטפערן דערויף, אַז זי האָט אים געקויפט פאַר אירע פאַר גראָשן, אָדער זי האָט אים באַקומען פון אירע עלטערן צוזאַמען מיטן אויסשטייער; אָדער אפשר האָט זי אים באַקומען במתנה פון איר געליבטן. אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער וועג קומט מען צו אַ פאַרמעגן.

אָבער אַלץ איינס, אויף וואָס פאַראַ אופן זי האָט באַקומען דאָס דאָזיקע מלבוש, איז עס סוף כל סוף געווען איינס פון יענע גיטער, וואָס דאָ באַקומט מען זיי און דאָ פאַרלירט מען זיי, און פאַקטיש האָט מען קיינמאָל נישט צו זיי קיין נאַטירלעך רעכט.

אמת, איך בין מיך טאַקע מודה, אַז דאָס מלבוש איז געווען איר אייגנס, אין הסכם מיט די כללים פון דער שפּיל „אין מיינס און דיינס" אין וועלכער עס שפּילן זיך מענטשן, פּונקט ווי אָרעמע יונגלעך, וואָס שפּילן זיך אין קנעפּלעך. אָט וואָס. דאָס מלבוש איז איר געפעלן געוואָרן, און פאַרוואָס דען נישט? צי האָט זי דען דערצו געהאַט ווייניקער רעכט, ווי אַן אַנדערער. פולשטענדיק מסכים.

די יוסטיץ האָט געהאַט דעם חוב אומצוקערן איר דאָס געגנבעטע חפץ און נישט מער. זי האָט אָבער בשום אופן נישט געהאַט דאָס רעכט צו שטעלן אַזאַ הויכן פּרייז פאַר עפּעס אַ שטיקל סחורה, וואָס מ'האָט פאַבריצירט אין אַלאַנסאָן, און אומברענגען צוליב דעם אַ מענטשלעך באַשעפעניש.

— מיין הער, — האָט דער אַלטער געריכטס־דינער זיך אָנגערופן, — איר קוקט אויף דער גערעכטיקייט בלויז פון איין שטאַנדפּונקט. עס איז נאָך ווייניק צו געבן גערעכט דער מאַ-

יאַם זשאָס און אומקערן איר איר מלבוש. מ׳האָט חוץ דעם באַדאַרפט אויסמעסטן די זעלבע גערעכטיקייט דעם דינסט-מיידל און טאַקע פירן זי אויף דער תליה. וואָרים דער פרינציפ פון דער יוסטיץ באַשטייט אין דעם, אַז יעדער זאָל באַקומען דאָס, וואָס אים קומט. און טאַקע אין דעם שטעקט די דערהויבנקייט און חשיבות פון דער יוסטיץ.

— אויף אַזאַ אופן, — האָט מיין לערער געענטפערט,—קומט אויס, אַז די גערעכטיקייט איז ממש שוידערלעך, ווי איך האָב עס מיר קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן. דער געדאַנק, אַז זי מעסט אויס דעם פאַרברעכער די שטראָף, נעמט מיך ממש דורך מיט אַן עקל. דאָס איז אַ ווילדער, מיטלעלטערלעכער מנהג.

— מיין הער, — האָט דער קליינער געריכטס-דינער געזאָגט, — איר האָט אַ שוואַכע אַנונג וועגן דער יוסטיץ. די גערעכטיקייט מעסט אויס די שטראָף אָן כעס, און זי פילט לחלוטין נישט קיין שנאה צום מיידל, וואָס זי האָט מיט אַ שעה פריער געפירט צו דער תליה.

— גרויסאַרטיק! — האָט מיין לערער אויסגערופן. — איך וואָלט שוין ליבער געוואָלט, די ריכטער זאָלן זיך מודה זיין, אַז זיי באַשטראָפן די שולדיקע פשוט דערפאַר, ווייל אַזוי פאָדערט פון זיי די נויטווענדיקייט און כדי צו ווייזן אַ ביישפיל אויף אָפּצושרעקן די איבריקע מענטשן. אין דעם פאַל וואָלטן זיי כאָטש געטון אַ נוצלעכע זאַך.

אויב זיי רעדן זיך אָבער איין, אַז באַשטראָפנדיק דעם שולדיקן, באַצאָלן זיי אים דאָס, וואָס ס׳קומט אים, האָבן זיי אַ גרויסן טעות. מ׳זעט באַלד, ווהין דאָס דאָזיקע קאָן זיי דערפירן, און דווקא זייער אָרנטלעכקייט מאַכט פון די אַכזרים, הגם מען קאָן נישט פאַרלייקענען, אַז זיי פירן אויס זייער פליכט. דער דאָזיקער פרינציפ נעמט מיך דורך מיט אַן אומבאַשרייבלעכן עקל.

דער דאָזיקער פרינציפ איז אויסגעדריקט געוואָרן פון אַ פילאָזאָף מיטן נאָמען מענעדרוס, וואָס האָלט, אַז אויב מ׳באַשטראָפט

נישט דעם שולדיקן איז עס דאָס זעלבע, ווי מ'וואָלט ביי אים צוגענומען דאָס רעכט תשובה צו טון. ער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז די אַטענער ריכטער, וואָס האָבן געצוווּנגען סאָקראַטעסן אויסצוטרינקען דעם סם, האָבן דערמיט גורם גע-ווען, אַז די נשמה פון דאָזיקן תלמיד-חכם זאָל גערייניקט ווערן פון אירע זינד.

דאָס זענען שוידערלעכע, געפערלעכע געדאַנקען. איך וואָלט מיר געוווּנטשן, אַז די יוסטיץ זאָל האָבן אַ קלענערע שייכות מיט דער פילאָזאָפיע.

דער פּרינציפּ פון נקמה נעמען, וואָס מיט אים באַנוצט מען זיך אַזוי אָפט ביים באַשטראָפן פאַרברעכער, איז נישט אַזוי שרעקלעך אין זיינע קאָנסעקווענצן, ווי די וואַנזיניקע טוגנט פון די מערדערישע פילאָזאָפן, הגם אין תוך גענומען איז ער דורכאויס שלעכט און נידעריק.

איך האָב אַנומלט באַקאָנט אין סעע אַ געוויסן גוטמוטיקן פריילעכן פאַרשוין, וואָס פלעגט יעדן אָוונט אַוועקזעצן זיינע אייניקלעך אויף די קני און דערציילן זיי מעשהלעך. ער האָט געפירט זייער אַ סאָליד לעבן, ער פלעגט זיך רעגלמעסיק מתוודה זיין ביים גלח און איז שטאָלץ געווען צוליב זיין אויסער-געוויינטלעכער אָרנטלעכקייט אין דעם תבואה-האַנדל, וואָס ער האָט געפירט זינט זעכציק יאָר און מער.

אַנומלט האָט זיין דינסט צוגעגנבעט ביי אים אַ פּאָר דו-קאַטן און נאָך אַנדערע איידעלע מטבעות, וואָס זענען געלעגן ביי אים אין אַ קעסטעלע, פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ שופלאָד.

ווי נאָר ער האָט באַמערקט די גנבה האָט ער אַריינגע-טראָגן אין געריכט אַן אָנקלאַגע קעגן דעם דינסטמיידל. דאָס מיידל איז גענומען געוואָרן אויף אַ פאַרהער, מ'האָט זי פאַר-משפּעט און אויפגעהאָנגען.

דער דאָזיקער פאַרשוין, וואָס איז געווען זייער גוט באַ-האַוונט אין די געזעצן, האָט געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז מ'זאָל אים אָפּגעבן די הויט פון דער גנבטע, און ער האָט זיך געמאַכט פון איר אַ פּאָר הויזן און שטיוול. ער פלעגט גאַנץ אָפט זיך

קלאַפּן איבערן הינטערשטן און רופן: „דו אויסוווּרף! דו אויטגעלאַסענע!"

דאָס דינסטמיידל האָט ביי אים צוגעגנבעט זיינע גאָלדע-נע מטבעות, האָט ער דערפאַר אַראָפּגעשינדן פון איר די הויט. ער האָט לכל הפחות גענומען נקמה פון איר אָן שום פילאָ-זאָפיע, מיט דער נישט געקינצלטער אָרנטלעכקייט פון אַ ווילדן מענטש, אים אָבער איז נישט איינגעפאַלן צומאָל, אַז ער פירט אויס אַ דערהויבענע פליכט, קלאַפּנדיק זיך איבער די זייטן, וואָס זענען באַדעקט מיט מענטשלעכער פעל.

מ'וואָלט באַדאַרפט איינגיין דערויף, אַז בעת מ'הענגט אַ פאַרברעכער, טוט מען עס צוליב פּאָרזיכטיקייט וועגן, ווי אויך כדי אָפּצושרעקן אַנדערע, און איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך אָפּ-זאָגן פון פּרינציפּ, אַז די גערעכטיקייט מעסט יעדן אויס די שטראָף, וואָס ער האָט פאַרדינט.

די אמתע פילאָזאָפיע לערנט אונז, אַז דער מענטש האָט נישט קיין שליטה איבער קיין שום זאַך, חוץ איבער זיין אייגן לעבן. איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז מיט דער שטראָף איז מען נאָר אויסן די חרטה פון פאַרברעכער, איז אַ ווילדער, באַרבאַרישער מיסטיציזם, וואָס איז טויזנט מאָל ערגער, ווי אָפּגנער טעראָר און רויע געוואַלטאַט. דאָס באַשטראָפן גנבים שטיצט זיך אויסשליסלעך אויף קראַפט און האָט גאָרנישט צו טון מיט פילאָזאָפיע. להיפך, די פילאָזאָפיע לערנט אונז, אַז אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם טע-ראָר אָדער גזלה.

און מ'זעט טאַקע, אַז די ריכטער אַפּראָבירן גאַנץ אָפט אַ גזלה, אויב זי איז נאָר אויסגעפירט געוואָרן פון אַ שטאַר-קערן. מ'דערלויבט למשל דעם מלך צוצונעמען ביי אונז אונזערע זילבערנע כלים, אויף צו פירן מלחמות, ווי מיר האָבן דאָס געזען ביי לואי דעם גרויסן. די רעקוויזיציעס זענען דעמאָלט געווען אַזוי אומגעהייער, אַז מ'פלעגט אַראָפּרייסן די פויר-האַנגען פון די בעטן און צרויסציען פון זיי די גאָלדענע פעדים.

דער דאָזיקער קיניג האָט פאַרכאַפּט דאָס פאַרמעגן פון אַ סך פריוואַטע פּערזאָנען און באַגזלט די קירך פון אירע אוצרות. בעת איך האָב אין מיין יוגנט פאַרבראַכט אין דעם קלויסטער פון נאָטר-דאַם-דע-ליעס אין פּיקאַרדיע, האָב איך גע- הערט, ווי אַן אַלטער קירכע-דינער האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער פאַרשטאָרבענער קיניג האָט אַרויסגענומען און געהייסן צעשמעלצן דאָס גאָלדענע עמאַלירטע האַרץ, וואָס די פּרינצעסין פון פּאַ- לאַטינאַט האָט מנדב געווען דער קירך אַלס זכר פון איר וווּנ- דערבאַרער אויסהיילונג פון קרעבס.

די גערעכטיקייט און דאָס געזעץ האָט געשיצט דעם קי- ניג אין זיינע רעקוויזיציעס און פלעגט שטרענג באַשטראָפן די אַלע, וואָס האָבן געפּרוווט צו פאַרהוילן אַ חפץ פאַר די קיניג- לעכע קאָמיסאַרן. משמעות, דאָס געזעץ האָט צו יענער צייט נישט איבעריק שטאַרק געהאַלטן פון פּריוואַטן אייגנטום און גע- שטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז ס'איז גאָרנישט אַזאַ אומ- גערעכטיקייט צו נעמען ביי עמיצן זיין אייגנס.

— געענטפערט, — האָט דערויף דער געריכטס-דינער געענטפערט, — די קאָמיסאַרן האָבן אויסגעפירט די באַפעלן אין נאָמען פון קיניג, וואָס צו אים געהערט דאָס גאַנצע אייגנטום פון לאַנד, און ער קאָן דעריבער טון דערמיט, וואָס עס גלוסט אים און פאַרברויכן עס אויף צו פירן מלחמות, בויען הייזער און אַנדערע צוועקן.

— דאָס איז טאַקע אמת, — האָט מיין לערער געזאָגט, — דאָס דאָזיקע געהער טאַקע צו די כללים פון דער שפּיל. די ריכטער היטן אָפּ אַלע כללים פון דער שפּיל און האָבן אויפן אויג אַלץ, וואָס ס'שטייט געשריבן אין די געזעצן. דאָרט זע- נען פאַרשריבן די געזעצן פון קיניג, וואָס געפינען זיך אונטערן שוץ פון די שווייצאַרישע גערונגענע זעלנער.

דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט ליידער נישט געהאַט אין איר רשות קיין שווייצאַרישע זעלנער, וואָס זאָלן איר געבן די מעגלעכקייט צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די שפּיצן פון מאַדאַם זשאָס. דאָס אַלץ איז גלענצנד איינגעאָרדנט.

— מיין הער, — האָט דער אַלטיטשקער זיך געוווּנדערט,— ווי קאָנט איר פאַרגלייכן, כ׳בעט אייך, לוּאי דעם פּערצנטן, וואָס האָט רעקווירירט דאָס גאָלד פון זיינע אונטערגעגעבענע כּדי צו באַצאָלן דעם לוין פון די זעלנער, מיט עפּעס אַן עלנט מיידל, וואָס האָט צוגעגנבעט אַ מלבוש, כּדי אויסצופּוצן זיך אין אים.

— מיין הער, — האָט מיין לערער דערויף געענטפערט — איר זענט גערעכט, פירן אַ מלחמה איז טאַקע אַן אומשולדיקע זאַך, בעת גיין אויף אַ באַל צו ראַמפּאָנאָ אין דער באַלעבאָס־טעס קליידער איז אַ פאַרברעכן. די גערעכטיקייט טיילט אָבער יעדן אויס דאָס, וואָס ס׳קומט אים, לויט די כּללים, וואָס זע־נען אָנגענומען אין דער דערמאָנטער שפּיל. זי איז לויט מיין מיינונג די אומזיניקסטע, נאַרישסטע און לאַנגווייליקסטע פון אַלע שפּילן. דאָס גאַנצע אומגליק באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס אַלע בירגער זענען געצוווּנגען צו נעמען אנטייל אין דער דאָ־זיקער שפּיל.

— דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק, — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטיטשקער געריכטס־דינער.

— דאָס הייסט — האָט מיין לערער געזאָגט — אַז די גע־זעצן זענען נוצלעך. זיי זענען אָבער בשום אופן נישט יושר־דיק, און זיי וואָלטן איבעריקנס עס נישט געקאָנט זיין, ווייל דער ריכטער טיילט צו די בירגער דאָס, וואָס ס׳געהערט זיי לויט די כּלליב פון דער שפּיל, און מאַכט לחלוטין נישט קיין נפקא־מינה צווישן די אמתע און פאַלשע גיטער.

דאָס דאָזיקע איז נישט פאָראויסגעזען אין די כּללים פון דער שפּיל, עס געפינט זיך בלויז אינם ספר פון דער געטלע־כער גערעכטיקייט, וואָס קיינער איז נאָך ביז איצט נישט בכּוח געווען איבערצולייענען.

צי קאָנט איר די מעשה פון דעם מלאך און נזיר? אַנומלט האָט אַ מלאך אַראָפּגענידערט פון הימל אויף דר׳ערד און אַרויפ־גענומען אויף זיך די געשטאַלט פון אַ עולה־רגל. בעת ער האָט געוואַנדערט איבער עגיפּטן, האָט ער אין אַ געוויסן אָוונט אָנגעקלאַפּט

אין דער טיר פון אַן איינזאַמען נזיר, וואָס האָט אים אָנגענו-מען פאַר אַ געוויינלעכן עולה-רגל. דער נזיר האָט פאַרבעטן זיין גאַסט צום מיטאָג און אים מכבד געווען מיט וויין אין אַ גאָלדענעם בעכער. דערנאָך האָט ער אים אָפּגעגעבן זיין אייגן בעלעגער און אַליין זיך אויסגעצויגן אויף דר'ערד, אויף אַ בינטל שטרוי.

בעת דער נזיר איז געשמאַק געשלאָפן, האָט זיין הימלי-שער גאַסט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער, ער האָט גענומען דעם כּוס, פון וועלכן ער האָט געטרונקען, אים פאַרשטעקט אונ-טערן מאַנטל און איז פאַרשווונדן.

ער האָט דאָס געטון נישט דערפאַר, ווייל ער האָט גע-וואָלט דעם נזיר באַגנבענען, נאָר להיפך, ער האָט דערמיט געמיינט די טובה פון זיין באַלעבאָס, וואָס האָט אים אַזוי גאַסט-פריינדלעך אויפגענומען. ער האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער בעכער וואָלט געקאָנט גורם זיין די ירידה פון הייליקן מאַן, וואָס האָט זיך צו אים צוגעבונדן פון גאַנצן האַרצן. גאָט אָבער וויל, אַז מ'זאָל נאָר אים אַליין ליב האָבן און ער קאָן נישט פאַרטראָגן, ווען זיינע תּלמידים בינדן זיך צו צו ערדישע זאַכן.

דער דאָזיקער מלאך, וואָס האָט זוכה געווען נהנה צו זיין פון דער געטלעכער חכמה, האָט געוווּסט, ווי פונאַנדערצו-שיידן דעם אמת פון דעם שקר. די ערדישע ריכטער וועלן דאָס אָבער קיינמאָל נישט בכוח זיין צו טון.

ווער ווייס, צי מאַדאַם זשאָס האָט אַמאָל נישט פאַרלוירן איר עולם הבא, בעת זי האָט צוריק באַקומען אירע שפּיצן, וואָס איר דינסטמיידל האָט צוגעגנבעט ביי איר.

— ווי עס זאָל נישט זיין, — האָט דער אַלטיטשקער גע-ריכטס-דינער זיך אָנגערופן, רייבנדיק זיך די הענט, — פאַר מיר איז קלאָר, אַז אויף דער וועלט איז דאָ מיט איין גנב ווייניקער.

ער האָט אַראָפּגעשאָקלט די שריים פון זיין אַנצוג, זיך געזעגנט מיט דער געזעלשאַפט און איז אַוועק מיט לייכטע, פלינקע טריטלעך.

XXI

די גערעכטיקייט

(המשך)

מיין טייערער לערער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און אַזוי געזאָגט:

— איך האָב געבראַכט די געשיכטע מיטן מלאך און נזיר, כדי צו באַווייזן, וואָס פאַראַ טיפער אָפּגרונט עס טיילט אָפּ די גשמיות פון דער רוחניות. די מענטשלעכע גערעכטיקייט איבט אויס אַ ווירקונג בלויז אויף דער וועלט, און דאָס איז אַן עמק-הבכא, ווו די אײַדעלע פּרינציפּן קאָנען נישט פאַרווירקלעכט ווערן.

מ׳באַליידיקט אויפן העכסטן אופן אונזער האַר יעזוס קריסטוס, בעת מ׳העננגט אויף זיין בילד אין די געריכטן, ווו ערדישע ריכטער באַפרייען די פאַריזעער, וואָס האָבן געפּירט יעזוסן אויף דער גלגתא, און באַשטראָפן די זינדיקע מאַגדאַלענע, וואָס ער האָט זי אויפגעהויבן פון אַש מיט זיינע געטלעכע הענט.

וואָס פאַראַ שייכות האָט ער, דער יושרדיקער מיט מענטשן, וואָס קענען נישט האַנדלען יושרדיק. אַפילו ווען זיי וואָלטן געוואָלט זיין יושרדיק, וואָלטן זיי עס אויך נישט אימשטאַנד געווען צו טון, וואָרים זייער טרויעריקער חוב איז צו באַטראַכטן די מענטשלעכע מעשים נישט, ווי זיי זענען אין דער אמתן, נאָר פונם סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, דאָס הייסט, אַז זיי שאַצן

אַלץ אָפּ לויט דער גרויס פון עגאָיזם, קאַרגשאַפט, טעותים און מיסברויכן, וואָס אויף זיי שטיצט זיך יעדע מלוכה-אָרדנונג. און שוין אַזאַ מלוכה-אָרדנונג זענען זיי די בלינדע היטערס און באַשיצערס!

בעת זיי וועגן אָפּ אויף אַזאַ וואָג דעם מענטשנס חטא׳ װאַרפן זיי צו צו דער וואָג אַ ביסל פּחד אָדער כּעס, מיט וועלכן עס ווערט באַהערשט די נאַרישע, עפנטלעכע מיינונג. און דאָס אַלץ איז געווי פאַרשריבן אין זייערע געזעצביכער; אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז אַנשטאָט צו ריכטן זיך לויטן שכל אָדער געפיל, טוען זיי אַלץ, וואָס איז פאַרקערפערט אין די אַלטע ביכער און טויטע אותיות.

און די דאָזיקע געזעצן, וואָס אייניקע פון זיי שטאַמען אַזש פון די צייטן פון ביזאַנץ און פון דער קיניגן טעאָדאָראַ גייען אַלע אַרויס פון איין שטאַנדפּונקט, אַז מ׳דאַרף פאַר יעדן פּרייז איבערלאָזן ביים אַלטן סיי די מעשים טובים, סיי די עבירות פון אַ פּלאַנעט, וואָס וויל זיך נישט רירן פון אָרט.

פונם שטאַנדפּונקט פון געזעץ איז דאָס פאַרברעכן אַליין פאַר זיך אומבאַדייטנד, דערפאַר אָבער שפּילן דאָ אַ גרויסע ראָל די אויסערלעכע אומשטענדן, און ס׳קומט אָפטמאָל אויס, אַז אַ האַנדלונג, וואָס איז ביי געוויסע אומשטענדן לחלוטין אומשולדיק, וואַקסט אויס אין אַן אַנדערן פאַל צו אַ ריזיק פאַרברעכן.

לאָמיר נעמען למשל אַזאַ אומשולדיקע האַנדלונג, ווי אַ פּאַטש. אויב אַ פּשוטער בירגער פּאַטשט אַ צווייטן בירגער, באַטראַכט מען זיין האַנדלונג, ווי אַ רעזולטאַט פון היציקייט און מען באַגאַטעליזירט עס. פאַר אַ זעלנער איז אַ פּאַטש אַ פאַרברעכן, וואָס ווערט באַשטראָפט מיטן טויט. דער דאָזיקער באַרבאַרישער מנהג, וואָס עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, וועט פון די קומענדיקע דורות אויפגענומען ווערן מיט עקל.

היינט לייגן מיר נישט דערויף קיין אַכט; ס׳וועט אָבער אַמאָל קומען דער טאָג, ווען מענטשן וועלן זיך פרעגן, ווי אַזוי האָבן מיר געקאָנט זיין אַזוי ווילד און באַשטראָפן מיט אַזאַ האַרבער שטראָף דאָס, וואָס איז אַ פּועל יוצא פון היץ,

יונג בלוט, בפרט ווען דאָס האָט נאָך געטון אַ יונגערמאַן, וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויף די געפאַרן פון די קאַזאַר־מעס און פון דער מלחמה.

און ס'איז דאָך קלאָר, אַז ווען ס'וואָלט עקזיסטירט אויף דער וועלט אַ יוסטיץ, וואָלט דאָך בשום אופן נישט געקאָנט זיין קיין אָרט פאַר צוויי קאָדעקסן, אַ מיליטערישן און אַ ציווילן. די דאָזיקע זעלנערישע יוסטיץ, וואָס אירע רעזולטאַטן זעען מיר טאָג איין, טאָג אויס, צייכנט זיך אויס מיט אַ ווילדער אַכזריותדיקייט, און די קומענדיקע דורות, אויב זיי וועלן בכלל וועלן לעבן אין אַ פּאָליציייאישן רעזשים, וועלן בשום אופן נישט גלייבן, אַז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק האָבן אין פרידנס־צייט עקזיסטירט מיליטערישן געריכטן, וואָס האָבן באַשטראָפט מיט טויט פאַר באַליידיקן אַ קאַפּראַל אָדער אַ סערזשאַנט.

קיינער וועט נישט וועלן גלויבן, אַז אַ סך אַזעלכע אומגליקלעכע זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר דעזערציע אין די אויגן פון שונא, אין דאָס בעת אַ מיליטערישער עקספּעדיציע, אין וועלכער די פראַנצויזישער רעגירונג האָט לחלוטין נישט אָנערקענט דעם צד שכנגד פאַר קאַמפּס־פעיק.

עס איז אויסטערליש און משונהדיק, בעת אַזעלכע אומדערהערטע אכזריותדיקייטן קומען פאָר ביי קריסטלעכע פעלקער, וועלכע פאַרערן דעם קולט פון הייליקן סעבאַסטיאַן, וואָס איז דאָך אַליין געווען אַ צעבונטעוועטער זעלנער. די זעלבע פעלקער פאַרערן ביזן היינטיקן טאָג דעם זכר פון יענעם מאַרטירערישן טעבאַנישן לעגיאָן, וואָס איז ביז איינעם אויסגעקוילעט געוואָרן פון די רוימישע תּלינים דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קעמפן מיט די באַגאָדן, און דאָס טאַקע האָט אים באַרימט געמאַכט איבער דער גאַנצער וועלט.

לאָמיר אָבער לאָזן אין אַ זייט די יוסטיץ פון די, וואָס קעמפן מיט דער שווערד, ס'וועט קומען דער טאָג, ווען זיי וועלן, אַלע אומגעבראַכט ווערן פון דער שווערד, לויט דער נביאות פון גאָטס זון, און לאָמיר זיך בעסער אומקערן צו די ציווילע באַאַמטע.

די ריכטער פאַרטיפן זיך נישט לגמרי אין די מענטש־לעכע נשמות און זיי פּרוּוון צומאָל נישט ליי ענען אין זייערע הערצער, און זייער פלומרשט גערעכטע יוסטיץ איז אין דער אמתן איבערפלעכלעך און ווילד. און ס'איז נאָך אויך גוט, ווען זיי האַלטן זיך לכל-הפחות ביי דער פלומרשטער גערעכטי־קייט, לויט וועלכער עס ריכטן זיך אַלע געזעצן. זיי זענען אָבער מענטשן, מיט אַנדערע רייד, זיי זענען שוואַך און פאַלן לייכט אַרונטער אונטער אַ פרעמדער השפּעה. זיי באַגייען זיך מילד מיט די מעכטיקע און איינפלוסרייכע, און אומברחמנותדיק מיט די אָרעמע לייט.

מיט זייערע אורטיילן סאַנקציאָנירן זיי אָפטמאָל די מורא־דיקסטע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, און עס איז זייער שווער אונטערצושיידן, וויפיל ס'איז פאַראַן אין דער דאָזיקער פאַר־טייאישקייט פערזענלעכער נידריקייט, און וויפיל אומגערעכטי־קייט, וואָס נעמט זיך פון זייער פליכט און פּראָפעסיע.

אין דער אמתן באַשטייט זייער איינציקע פליכט אין אונטערשטיצן די הערשנדע מלוכה-אָרדנונג סיי מיט אירע חסרונות, סיי מיט אירע מעלות, אין באַשיצן סיי די גוטע, סיי די שלעכטע עפנטלעכע מנהגים און מדות, און אין פאַרפעס־טיקן די בירגערלעכע רעכט גלייכצייטיק מיט דעם טיראַנישן ווילן פון קיניג, שוין נישט רעדנדיק וועגן די נאַרישע און גרויזאַמע איבערגלייבענישן, וואָס געפינען אַ מקום מקלט אונ־טערן שאָטן פון די געריכטס-אינסטיטוציעס.

דער שטרענגסטער און אָרנטלעכסטער באַאַמטער קאָן דווקא דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי אָרנטלעך, אַרויסגעבן הימלשריי־ענדיקע אורטיילן, וועלכע זענען אַ סך אוממענטשלעכער, ווי ווען עס וואָלט זיי אַרויסגעגעבן אַן איבערגעקויפטער באַאַמ־טער. און וואָס שייך מיר, ווייס איך באמת נישט, פאַר וועמען פון זיי ביידע וואָלט איך באַדאַרפט מער מורא האָבן.

כ'ווייס נישט, ווער ס'איז ערגער, צי דער, וואָס זיין נשמה איז פאַרגליווערט געוואָרן פונקט, ווי דאָס טויטע געזעץ, אָדער דער, וואָס באַנוצט זיך נאָך מיט די רעשטלעך מענטש־

לעכע געפילן כדי איבערצודרייען די טעקסטן. דער לעצטער וואָלט מיך מקריב געווען צוליב זיינע געשעפטן אָדער ליידנ־שאַפטן, דער ערשטער וואָלט מיך קאַלטבלוטיק אומגעברענגט דערפאַר, ווייל אַזוי הייסט דאָס טויטע געזעץ.

מ'דאַרף חוץ דעם נעמען אין באַטראַכט, אַז דער ריכטער איז לויט זיינע פונקציעס נישט בלויז אַ פּאַרטיידיקער פון די בייע פּאָראורטיילן, וואָס פון זיי זענען מיר כמעט אַלע אָפּהענ־גיק, נאָר אַז ער נעמט אונטער זיין שוץ די אַלטע פּאָראורטיילן, וואָס זענען פאַרבליבן אין די געזעצן, נישט געקוקט דערויף, וואָס פון זיי איז שוין לאַנג נישט געבליבן קיין שפור אין אונ־זערע מנהגים און נשמות.

ס'איז נישט פאַראַן דוכט זיך קיין איין מענטש, וואָס זייענדיק פעיק צו טראַכטן לאָגיש און אומאָפּהענגיק פון די הערשנדע פּאָראורטיילן, זאָל ער נישט פאַראורטיילן די אַלטע פאַרשימלטע געזעצן. און אין דער זעלבער צייט האָט דער ריכטער נישט דאָס רעכט צו קריטיקירן דאָס הערשנדע געזעץ.

איך רעד אָבער אַזוי, פונקט ווי די אַלע מגושמדיקע און באַרבאַרישע געזעצן וואָלטן געווען לכל הפחות קלאָר און פּרע־ציז. ליידער זענען מיר זייער ווייט דערפון. ס'איז שוין אַ סך לייכטער צו פאַרשטיין די פּלוידערייען פון אַ כשופמאַכער, ווי די פאַרשידענע אַרטיקלען פון אונזערע געזעצן און מנהגים.

די דאָזיקע שוועריקייטן אין דער אינטערפּרעטאַציע פון די געזעצן האָבן גורם געווען, אַז עס זאָלן זיך שאַפן פאַרשי־דענע מדרגות פון יוריסדיקציע, און ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז אויב אַ געריכט פון אַ נידריקערער אינסטאַנץ קאָן נישט דע־צידירן אין אַ געוויסן ענין, זאָל דער פאַרלאַמענט אַרויסגעבן וועגן דעם אַ קלאָרן באַשלוס.

מיר פאָדערן באמת צו פיל פון יענע פינף מענער, גע־קליידט אין רויטע מאַנטלען און אין פירקאַנטיקע היטלען, וואָרים נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זאָגן אָפּ „וועני קרעאַ־טאָר", זענען זיי זיך סוף כל סוף טועה אין זייערע אורטיילן,

ס׳בלייבט נישט איבער עפּעס אַנדערש, ווי אָנצונעמען, אַז די העכסטע געריכטס-אינסטאַנץ גיט אַרויס אַן אורטייל אָן אַפּעלאַציע פּשוט דערפאַר, ווייל מ׳האָט פריער אָן שום רעזול-טאַט אויסגעפּרוּווט אַלע מעגלעכע פאַרשטענדיקונגס-מיטלען. אַזאַ מיינונג האָט אַלנפאַלס דער הערשער, וואָרים ער לאַכט אָפּ סיי פון פּאַרלאַמענט און סיי פון זיין יוסטיץ.

XXII

די גערעכטיקייט

(המשך און סוף)

מיין טייערער לערער איז ווידער באַהערשט געוואָרען פון אַ טרויער און זיך פאַרקוקט אויף דאָס וואַסער, וואָס פליסט אָן אויפהער און איז אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן, ווו אַלץ פאַר-גייט און דאָך ווערט גאָרנישט געענדערט.

אַ ווײַלע איז ער געזעסן, פאַרזונקען אין זיינע רעיונות און דערנאָך אויפסניי גענומען רעדן מיט אַ נידריק קול:

— זון מיינער, שוין דאָס אַליין, וואָס די ריכטער מוזן אויסמעסטן די גערעכטיקייט, פאַרשאַפט מיר זייער שטאַרק עגמת נפש. עס איז קלאָר, אַז ס'ליגט איז זייער אינטערעס צו אָנער-קענען פאַר שולדיק דעם, אויף וועמען עס איז באַלד פון אָנהייב אָן געפאַלן אַ חשד. זיי זוכן דעריבער בלויז אַ גרונט צו באַפעסטיקן זייערע השערות און פאַרדאַכטן.

מ'זעט למשל, אַז אין דער גאַנצער געריכטס-פּראָצעדור באַמיען זיי זיך מיט אַלע כוחות אוועקצורוקן די פאַרטיידיקונג אין אַ שאָטן, און האַלטן זי פאַר אַ פולשטענדיק איבריקע זאַך. זיי גיבן איר פריער נישט קיין צוטריט צו זיך, ביז וואַנען די אָנקלאַגע האָט גישט אַרויפגעצויגן אויף זיך איר גאַנצע באַוואָפ-נונג און אַרויפגענומען אויף זיך די מאַסקע פון מינערווע.

זייער פּראָפעסיאָנעלער אינסטינקט ברענגט זיי דערצו, זיי זאָלן קוקן אויף יעדן באַשולדיקטן, ווי אויף אַ פאַרברעכער,

און משמעות זייער פאַנאַטיזם האָט שטאַרק איבערגעשראָקן אייניקע אייראָפּעישע פעלקער; זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אין גאַר וויכטיקע ענינים זאָלן דעצידירן אַ צענטליק מענטשן, וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן דורך אַ גורל.

מען וואָלט געקאָנט אַרויסדרינגען דערפון, אַז דער בלינ-דער צופאַל גיט אַ בעסערע גאַראַנטיע פאַרן לעבן און די פרייהייט פון די באַשולדיקטע, ווי די באַוווסטזיניקע האַנדלונג פון אַ פּראָפעסיאָנעלן ריכטער. אין דער אמתן אָבער האָלט מען די דאָזיקע בירגער-ריכטער, אויסגעקליבן דורכן גורל, ווייט פון גאַנצן פּראָצעס און מ׳ווייזט זיי בלויז אַ מאַסקאַראַד, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון פאָראויס.

אמת איז אויך, אַז די געקליבענע ריכטער, וואָס האָבן אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה אין די געזעצן, זענען באַרופן נישט כדי זיי אויסצוטייטשן, נאָר בלויז מיט איין איינציק וואָרט צו דע-צידירן, וואָס פאַרן אַנטשפרעכנדער אַרטיקל עס דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אין געגעבענעם פאַל.

מ׳האַלט אַפילו, אַז אַזעלכע געקליבענע ריכטער גיבן אָפּט-מאָל אַרויס אומזיניקע אורטיילן, נישט געקוקט אָבער דערויף זענען די פעלקער, וואָס האָבן איינגעפירט ביי זיך די דאָזיקע רעפאָרם, שטאַרק צו איר צוגעבונדן, וואָרים זיי קוקן אויף איר ווי אויף אַ ווערטפולע גאַראַנטיע פון זייערע בירגערלעכע פריי-הייטן; איך גלויב אויך גערן אין דעם.

איך קאָן מיר פאָרשטעלן, אַז די אורטיילן פון אַזעל-כע געריכטן קאָנען זיין נאַריש און אַכזריותדיק, מ׳איז אָבער דעמאָלט זיכער, אַז זייער אומזיניקייט און באַרבאַרישקייט באַ-לעסטיקט לכל הפחות נישט קיינעם פון אונז. די אומגערעכטי-קייט ווערט טאָלעראַנט, בעת זי האָט אויף אַזוי פיל נישט קיין שכל, אַז מ׳זאָל זי אָננעמען פאַר צופעליק.

דער דאָזיקער קליינער אַלטיטשקער, וואָס האָט אַזוי פיל סענטימענטן פאַר דער יוסטיץ, איז מיך חושד, אַז איך בין אַן אָנהענגער פון דער פּאַרטיי פון גנבים און מערדער. להיפּך, איך האָב גרויס צער, בעת איך זע, ווי די ריכטער טוען נאָך

דעם ביישפּיל פון די גנבים און מערדער, און זיי האָבן שוין נישט געפונען קיין בעסערן אויסוועג, ווי צו באַשטראָפן די גנבים און מערדער מיט די זעלבע מיטלען, וואָס זיי אַליין באַנוצן זיך מיט זיי. וואָרים אין תּוך גענומען, וואָס איז דען די טויט-שטראָף, אויב נישט דאָס ערגסטע פאַרברעכן, וואָס איז דורך דער מלוכה דערהויבן געוואָרן ביז צו אַזאַ חשיבותדיקער מדרגה?

צי זעסטו דען נישט, זון מיינער טורגעבראַש, אַז אונזער יוסטיץ, נישט געקוקט אויף איר גאַווה, שטרעבט בלויז נקמה צו נעמען, אַז זי צאָלט אָפּ מיט שלעכטס פאַר שלעכטס, מיט אַ פאַרברעכן פאַר אַ פאַרברעכן, בעת אין דער אמתן איז זי מיט איר האַנדלונג גורם, אַז די צאָל פאַרברעכנס זאָל נאָך פאַרטאָפּלט ווערן.

מ'קאָן בלי ספק אויפן דאָזיקן געביט געפינען אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצווייזן אין אַ געוויסער מאָס, ווי אַן אָרנטלעכער און ריינער מענטש. מ'קאָן נאָך אַמאָל פון צייט צו צייט באַגעגענען אַ האָפּיטאַל אָדער אַ זשעפרי, און איך אַליין האָב געקאָנט אַ ריכטער, זייער אַן אָרנטלעכן מאַן.

מיר איז אָבער געגאַנגען אין אָנצייכענען דעם ווירקלעכן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וואָס די גאַווה פון די ריכטער און די מורא פון די פעלקער האָבן זי באַשיינט מיט אַזאַ אומפאַרדינטער מאַיעסטעטישקייט. איך האָב דיר געוואָלט ווייזן די אורשפּרונגלעכע נישטיקייט פון אונזערע געזעצן. מ'וויל זיי אומבאַדינגט באַקליידן מיט חשיבותדיקייט, בעת אין דער אמתן זענען זיי נישט מער, ווי אַ משונהדיקע זאַמלונג פון קונצנשטיקלעך און פאָרטלען.

די געזעצן זענען ליידער אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן גייסט, און דאָס איז שוין נישט אַזאַ געהויבענער יחוס. אין גרעסטן טייל פאַלן זענען זיי געשאַפן געוואָרן דורך אַ צופאַל, ביי אַ געלעגנהייט. די עם-הארצות, די איבערגלייבעניש, די גאַווה פון קיניג, דער אינטערעס פון געזעצגעבער, זיינס אַ קאַפּריז אָדער פאַנטאַזיע — אָ-טאָ דאָס איז דער מקור, פון וואַנען

עס שטאַמען אונזערע געזעצן, וואָס ווערן חשיבותדיק און פאַרי·
ערט, בעת מ'הערט זיי אויף צו פאַרשטיין. די אומקלאָרקייט,
וואָס הילט זיי איין, ווי אין אַ נעפּל, ווערט נאָך פאַרטונקלט
פון די מפרשים, און מיט דער צייט 'טראָגט זיך איבער אויף
זיי די מאַיעסטעטישקייט פון די פאַרצייטיקע אָראַקלס.

יעדן טאָג לייען איך אין די צייטונגען, אַז בײַט היינ·
טיקן טאָג שאַפן מיר געלעגנהייטס - און צייטווייליקע געזעצן
אַזאַ מיינונג קאָן נאָר האָבן אַ קורצזיכטיקער, וואָס באַמערקט
נישט, אַז די היינטיקע געזעצן זענען דער המשך פון גאָר אַל·
טע מנהגים, און אין אַלע צייטן איז אַזאַ געזעץ געווען אַ קינד
פון צופאַל. דער און יענער באַקלאָגט זיך אויף דער אומקלאָר
קייט און די סתירות, אין וועלכע עס פאַלן אָן אויפהער אַריי
אונזערע היינטיקע געזעצגעבער, און קיינער באַמערקט נישט לחלוטין
אַז זייערע פאָרגייער זענען געווען פונקט ווי זייאומוויסנד און פינצ·
טער.אין דער אמתן, זון מיינער טורנעבראָ , זענען די געזעצן
שלעכט אָדער גוט נישט אַזוי אין זייער תוך, ווי אין דעם אופ
פון זייער אָנווענדונג, און יעדעס געזעץ ווי עס זאָל נישט.
זיין אומיושרדיק, ברענגט עס אָבער נישט קיין שאָדן, אויב
דער ריכטער ווענדט עס נישט אָן אין געגעבענעם פאַל.

די מנהגים זענען שטאַרקער פון די געזעצן. די בויגעווי·
דיקייט פון די מנהגים, די מילדקייט פון כאַראַקטער זענען די
איינציקע מיטלען, וואָס זענען בכוח צו באַקעמפן מיט דערפאָלג
די לעגאַלע באַרבאַרישקייט. וואָרים ס'איז נישט אַזוי לייכט צו
קאָריגירן געזעצן מיט דער הילף פון געזעצן, און דער וועג
דערצו איז פאַמעלעך און אומזיכער. בלויז די צייט איז מסוגל
צו ענדערן דאָס ווערק פון יאָרהונדערטער.

ס'איז אָבער פאַראַן זייער קנאַפּ האָפנונג. אַז אַ פּראַנצוי·
זישער נומאַ זאָל באַגעגענען אין אַלד פון קאָמפּיען אָדער,
הינטער די פעלזן פון פאָנטענעבלאָאַ צווייטע נימפע עגעריע,
וואָס זאָל אים דיקטירן קלוגע געזעצן.

מיין לערער האָט אַ לאַנגע צייט נישט אַראָפּגעלאָזט זיין
בליק פון די הויכקייטן, וואָס האָבן זיך געבלויט אויפן האָרי·

זאָגט. זיין פּנים איז געווען ערנסט און טרויעריק. דערנאָך האָט ער מיט דער האַנט גענומען לייכט גלעטן מיין פּלייצע און געזאָגט מיט אַ שטים, וואָס האָט אַזוי פייערלעך געקלונגען, אַז איך האָב געפילט, ווי זי דרינגט אַריין אין די טיפסטע טיפענישן פון מיין נשמה. ער האָט געזאָגט צו מיר:

— טורנעבראָש, זון מיינער, אָט איצט זעסטו, ווי צעטומלט איך בין און פאַרדאַגהעט, און איך קאָן קוים געפינען די פּאַסיקע רייד כּדי צו פאַרריכטן דאָס, וואָס איך אַליין האָב אָנערקענט פאַר שלעכט. זאָלסט אָבער נישט מיינען, אַז דאָס איז גייסטיקע פּחדנות: קיין שום זאַך אויף דער וועלט איז נישט אימשטאַנד מיך אַרויסצופירן פון מיין גייסטיקער גלייכגעוויכט.

הער אָבער אויפמערקזאַם אויס, זון מיינער, וואָס איך גיי דיר איצט זאָגן. די אמתן, וואָס ווערן אַנטפּלעקט פון שכל זענען פּוסט און אומפּרוכטבאַר. נאָר דאָס האַרץ איז פעיק צו באַפרוכפּערן די מענטשלעכע חלומות. עס באַלעבט אַלץ, וואָס עס האָט ליב. נאָר דעם געפיל האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס די קערנדלעך פון גוטס האָבן זיך אָנגענומען אויף דער ערד. דער שכל וואָלט דאָס קיינמאָל נישט בכּוח געווען אויפצוטון. און איך מוז מיך מודה זיין, אַז ביז איצט האָב איך ביים קריטיקירן די מענטשלעכע געזעצן און מנהגים, זיך שוין צופיל באַנוצט מיטן שכל.

דעריבער טאַקע וועט מיין קריטיק נישט ברענגען קיין פּירות און זי וועט זיין געגליכן צו אַ בוים, וואָס ווערט פאַרטרוקנט און פאַרפרוירן אין אַפּריל אויפן פראָסט. אויב מען וויל מענטשן טון טובות, דאַרף מען אָפּטרייסלען פון זיך דעם שכל, ווי אַן אומנוצלעכן און שעדלעכן באַגאַזש, און זיך אויפהויבן אויף די פליגלען פון ענטוזיאַזם און התפעלות. הייבסטו אָבער אָן צו רעזאָנירן און צו חכמהנען זיך, דעמאָלט וועסטו קיינמאָל נישט בכּוח זיין אויפצוהויבן זיך פון דער ערד.

סוף

א י נ ה אַ ל ט

דער גלח זשעראָם קואַניאַר . . . . זייט 5
די דיאַלאָגן פון ה׳ זשעראָם קואַניאַר . . . . . " 35
I די מיניסטאָרן פון דער מלוכה . . . . . . " 37
II דער הייליקער אברהם . . . . " 44
III די מיניסטאָרן פון דער מלוכה (המשך און סוף) . . " 57
IV די מיסיסיפּי - אָפּערע . . . . " 66
V די פּסחא - אייער . . . . " 74
VI דאָס נייע מיניסטעריום . . . . " 84
VII דאָס נייע מיניסטעריום (המשך און סוף) . . . " 91
VIII די הערן אַסעסאָרן . . . . " 101
IX די ווייסנשאַפט . . . . " 110
X די אַרמעע . . . . " 118
XI די אַרמעע (המשך) . . . . " 127
XII די אַרמעע (המשך און סוף) . . . . . " 133
XIII די אַקאַדעמיע . . . . " 141
XIV די רעוואָלוציאָנערן . . . . " 152
XV די מלוכה - פאַרשווערונג . . . . " 160
XVI די געשיכטע . . . . " 171
XVII הער ניקאָדעם . . . . " 179
XVIII די גערעכטיק - ט . . . . " 187
XIX די געשיכטע פון גערעכטס-דינער . . . . . " 191
XX די גערעכטיקייט (המשך) . . . . " 199
XXI די גערעכטיקייט (המשך) . . . . " 212
XXII די גערעכטיקייט (המשך און סוף) . . . . . " 218